מ. ארציבאשעוו

מיליאָנען

UNIVERSITY OF TORONTO
NOV 1 1964

מ. ארציבאשעוו

Milyonen

...מיליאָנען...

ראמאן.

איבערזעצט פון

ב. ריווקין

א גליק

ערצעהלונג, איבערזעצט פון ב. ר.

פערלאג:

מ. יאַנקאָוויטץ

181 איסט בראָדוויי.

Published by MAX JANKOWITZ,

181 E. Broadway, New York.

49

זי ווערט ניט געקויפט פאר גאָלד
און ניט אויפ'ן וואָג פון זילבער.

איוב, ט"ו.

ערשטעס קאַפּיטעל.

צווישען טונקעלען הימעל און ים האָט זיך גערויכערט דער לבנה־שיין; אויף די בוימער פון גארטען האָבען זיך אראָבגעלאָזען מחנות פייערינגע פויגעלאך. דאָס האָבען זיך געוויעגט און געשפּרונגען אויף אונזיכטבארע דראָהטען קלײנע קאָלירטע לעמפּלאך. אויף דער שרייענד בעלויכטענער עסטראַדע איז געשטאַנען דער שווארצער קאַפּעל־מייסטער און מעשה פּאַיאַץ, קאָמיש געמאַכט מיט די הענד און געפּאַטשט מיט די פּאַלעס, ווי ער וואָלט זיך געריסען אוועקצופליהען. די מאַדנע הילכיגע פידעל־טענער האָבען זיך פון דער עסטראַדע אוועקגעטראָגען אין אַלע זייטען, האָבען געגרילצט, געלאַכט און געזונגען, האָבען זיך געלאָזען אין לייכטע, געציאַצקעטע קאַראַהאַדען פון אונטער די טונקעלע בוימער צו דעם אָפענעם, אין לבנה־שיין פער'כישופטען ים־ברעג. און דאָרטען האָבען זיי געטאַנצט אנקעגען דער ליכטיגער צורה פון דער לבנה, ווי קליינטשינקע גייסטער, אונזיכטבאַרע, געהיימניספולע, וואָס לעבען א רגע א שאָטענהאַפט לעבען און פערשווינדען.

ביי איינעם פון די מאַרמאָר טישלאך איז געזעסען מיזשויעוו, שטום און פינסטער געקוקט אַרום זיך. זיינע מעכטיגע אָרימס האָט ער געהאַלטען צונויפגעלעגט אויפ'ן קאַלטען מאַרמאָר.

ווען זיין בליק פלעגט פאַלען אויף דער עסטראַדע, האָט זיך איהם אַלץ אויסגעדוכט אַזוי נישטיג, הבל'דיג, זינלאָז־טומעלדיג, אָבער ווען ער פלעגט זיך אומקעהרען צום ים, פלעגט אויף אַמאָל ווערן אַזוי מאַיעסטעטיש רוהיג, אַזוי אין זיך פריי, אַט ווי די ליכטיגע לבנה אויבען.

זיין שטייפער בלאָנדער באָרד האָט געוועקט א פאָרשטעלונג ווע־גען שרעקליכער קראַפט און אייזערנעם ווילען, אָבער מיזשויעוו'ס בליק איז געווען אַן אונגעזונדער, א פערטיעפטער, ווי ביי איינעם איבער וועלכען דער שיקזאַל האָט אויסגעשפּראָכען א טויט־אורטייל.

ביי א דערבייאיגען טישעל האָט געהוליעט א לוסטיגע קאָמפּאַניע: מאַנסלייט מיט די ווייסע היט וואָוויליונגעריש פערוואָרפען אויף א

זייט, און אויסגעפּוצטע דאמען, מיט שרייענד שעהנע פּנים'ער און אוננאַטירליך בלישצענדע, אונטערגעפאַרבענע אויגען. זיי האָבען אַלע געלאַכט אויף אַ קול, זיך צוגעוואונשען, אנגעשטויסען יעדע ווײלע די גלעזלאַך, אַזעלכע דינגע ווי שמעטערלינגען, און האָבען זיך געוויי־צעהלט אָהן אויפהער. ביי יעדען וויץ פלעגען זיי בכיון הויך אויפלאַכען און זיך אומקוקען אויף מיזשויעוו'ן. און סיי ביי די מענער, און סיי ביי די פרויען פלעגט אַ שווינדעל טהאָן אויף די פּנים'ער אַ זוכענ־דער, ווי עפּעס ערוואַרטענדער, אויסדרוק. און ניט ווייט פון זיי זיינען געשטאַנען די לאַקעען, די קעפּ אויסגעצויגען פאַראויס און די ווייסע סערוועטקעס איינגעדריקט אונטער די פּאַכוועס. זיי האָבען די אויי־גען ניט אַראָבגעלאָזען פון מיזשויעוו'ן, אקוראַט ווי זיי וואָלטען גרייט געוועזען צו לויפען און צו וואַרפען זיך אין ים אריין ביי דעם מינדסטען צייכען פון זיין זייט.

מיזשויעוו האָט דאָס אַלץ אי געזעהן אי ניט געמערקט. אַמאָל האָט דאָס איהם אַמוזירט, אָבער איצט איז דאָס איהם אַזוי בעקאַנט געוועזען ביז צום דערעסען, אַזוי ווי די לופט, פון וועלכער מען קען ניט און מען דאַרף ניט אַוועקגעהן.

— טעאַדאָר, פאַר וואָס ביזטו היינט אַזאַ אומעטיגער? — האָט מאַריאַ סערגעיעוונאַ איהם אַ פרעג געטהאָן און זי האָט זיך פאַרזיכ־טיג אָנגעריהרט מיט איהרע פינגער צו זיין שטייפען איילענבויגען.

דאָס קלייד אויף איהר האָט ווי געשריען פון שעהנקייט און האָט קוים — קוים אָבגעדעקט איהרע פּיס. אין איהרע טונקעלע, פּרעכטי־גע האָר האָבען זיך געוויעגט די צאַרט־ראָזע בלומען פון איהר הוט, און זיי זיינען געוועזען אין אַזאַ טרויעריגער האַרמאָניע מיט איהרע אנגע־שמינקטע באַקען, בעטריבטע פינקלענדע אויגען און תאוה'דיג גע־פאַרבטע ליפּען.

מיזשויעוו האָט לאַנגזאַם, ווי אַ קראַנקער אָקס, אומגעקעהרט צו איהר זיין עקשנות'דיגען קאָפּ און געשוויגען.

זי איז נאָך אַלץ געוועזען אַזוי אויפרעגענד שעהן, ווי אַמאָל, דורך די שוואַרצע שפּיצען פון איהר קלייד האָט אויך אַזוי ווי אַמאָל זיך דורכגעלויכטען איהר וואונדערליכער, געצערטעלטער לייב. יעדער מאַנסביל, דערזעהענדיג איהר, פלעגט דערפיהלען אַזאַ שאַרפען מאַהנענדען פערלאַנג, פלעגט זיך פאַרשטעלען אַזאַ אונמעגליך פאַ־טאַסטישען גענוס. אָבער נאָכדעם, ווי זי האָט אנגעוואָרען איהר פרײ־

הערינגען גאָמען — מאריע סערגעיעווגא — און זיך גענומען רופען מערי, און איהם אנשטאט פעדיא און „איהר" האָט זי גענומען רופען טעאָדאר און „דו", און נאָכדעם, ווי זי האָט געוואָרפען איהר היים געליעבטען מאן און איז אוועק לעבען מיט מיזשויעוו'ן, איז ווי אבגע־טויט געוואָרען אין איהם די עהרפורכט, די ליידענשאפטליכע פער־געטערונג, וואָס ער האָט נאָך גאר ניט לאנג צוריק געפיהלט צו איהר. צייטענווייז פלעגט איהם אפילו דורכנעהמען א קאַלטער, אונער־קלערליכער כעס.

און אפילו דאן, ווען איהר נאַקעטער, אונטערטהעניגער קערפער פלעגט זיך ציטעריג בעטען ביי איהם לאַסקעס, און ער, מיזשויעוו, האָט געקושט און געדריקט איהר מיט א מין חיה'שער פערביסענ־קייט, האָט ער שוין ניט געפיהלט די פרייד פון אמאָל, נור א פלאַכען, הארטען פערגניגען. און ער פלעגט אלץ צוקלערען אונגאַטירליכע פאַזעס אום איהר וועה צו טהאָן און ערנידריגען.

עס האָט זיך געדוכט, אז ער זוכט זיך נוקם צו זיין אין איהר פאר עפּעס און אז ער אליין פּייניגט זיך מיט דעם ביז צום וואהנזין.

און מאריע סערגעיעווגא האָט פערשטאַנען, פאר וואָס דאס איז אזוי, און דערפאר האָט זי עס געקוקט מיט אזעלכע אומעטיגע, דער־שראָקענע אויגען, וואס האָבען ווי ניט געזואגט אפילו צו בעטען וועגען רחמנות.

— קום — האָט מיזשויעוו קורץ א זאָג געטהאָן, ווען ער האָט געכאפּט די שטעכיג נייגעריגע בליקען אין זייער זייט, און ער איז אויפגעשטאַנען.

זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבען נאָך איהם און איז אוועק זייט ביי זייט מיט איהם, מיט איהר געוועהנליכען ליעב־אומגעלומפּערטען גאנג, וואָס פלעגט מיזשויעוו'ן אמאָל ריהרען ביז טרעהרען. זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין די שפּיצען פון איהר קלייד, פערלאָרען דאָ א טיכעל, דאָ איהר האנדבייטעל און פלעגט קאָמיש אזוי איבערראשט ווערען דערביי.

זיי זיינען ארונטער צום ברעג, וואו עס האָבען געוועלטיגט דער טונקעלער ים און די ליכטיגע לבנה, און זיך אראָבגעלאָזען אויף א בענ־קעל ביים סאַמע עק ברעקעל.

פאר זיי און פון די זייטען און ארום און ארום איז ים געווען און דאס גלאַנציגע וואסער האָט שטורמיש געוויעגט דעם לבנה־

זייל. עפּעס ווי אן אונאויפהערליכע מעלאָדיע — דאָס פּלעסקען, דאָס רוישען און דאָס דומפּע קלאַפּען פון די כוואַליעס אָן דער וואסער־מויער — האָט זיך געטראָגען איבער דער אונענדליכער, בעוועגטער ים־פלעכע, און פון מיטען דער מעלאָדיע ארוים האָט ווי געקלונגען א דין קריסטאַלען קול׳כעלע, וואָס האָט זיך יא און ניט געהערט און אַנגעריהרט געהיימניספּולע וועהטאָגדיגע סטרונעס און געוועקט ער־אינערונגען און א טונקעלע פערצווייפלונג אין דער טיעפעניש פון דער נשמה. און צייטענווייז פלעגט אַנפליהען א שטייפער ווינד און אונ־זיכטבארע וואסער־שפּריצען פלעגען בעדעקען דאָס פּנים און די הענד מיט א דין קאַלט שטויב און מאכען ציטערן.

מיזשויעוו האָט געקוקט אויף דעם לבנה־זייל, וואָס האָט זיך גע־דרעהט אין דעם מעטאַלענעם, שווארצען וואסער, און ער האָט גע־שוויגען. אַלע מאָל, בעת ער פלעגט ביינאכט אריינקוקען אין דאָס וואסער־טיעפעניש, פלעגט זיך אין איהם קוים, קוים א ריהר טהאָן אזא וועהמוטיג געפיהל. כמעט ניט צו מערקען, שווער צו כאַפּען, וואָס דאָס איז אזוינס, אָבער הינטער דעם פלעגט דאָס ארומיגע אין גאנצען פערשווינדען, און עס פלעגט ווערן פּוסט און חושך אויף דער נשמה.

— איך האָב געוואָלט מיט דיר א רעד טהאָן, טעאָדאָר, — האָט מאריע סערגעיעווּנאַ אנגעהויבען, און פון ערשטען ווארט איז קענטיג געוועזן, אז זי האָט מורא ער זאָל זיך ניט פער׳ברוגז׳ן, איידער ער האָט איהר נאָך אויסגעהערט.

מיזשויעוו האָט געשוויגען, ווי ער וואָלט ניט געהערט איהר שוואכע שטים צוליעב דעם רוישען און פּאטשען פון דער כוואַליע, וואָס האָט זיך ארונטערגעקייקעלט אונטער׳ן בריקעל. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט כאַפּען ביים לבנה־שיין, האָט א ווייסער שוימענדער פּאָס זיך געצויגען פּאזע ברעג און איז באַלד צוגאנגען, ווי שנעע, און גלייך נאָך איהם האָט זיך שוין גערוקט, געוואקסען, זיך קאָכענדיג, א נייע כוואַליע.

מאריא סערגעיעווּנאַ האָט א קוק געטהאָן אויף מיזשויעוו׳ן מיט פולע אויגען, האָט נערוועז א צופּ געטהאָן דאָס טיכעל און זיך אויפ־געהויבען.

— דאָס איז אונערטרעגליך! — האָט זי ארויסגערעדט מיט א שוואכען, פערשטיקטען קול און זי האָט דערפיהלט, אז זי ציטערט

אין גאַנצען פון ערנידריגונג, און אויך פון קעלט — פאַר וואָס פייניגסטו מיך?

מיזשויעוו האָט ניט קוקענדיג אויף איהר, פער'עקשנ'ט א קוועטש געטהאָן מיט זיינע ברייטע אקסלען.

מאריא סערגעוויענא איז אנטשוויגען געוואָרען, זי האָט נאָך אלץ געצופּט איהר טיכעל און געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, וואָס האָט אויסגעקוקט אזוי שוואַך און איידעל אנטקעגען דעם אונגעהייערן צושוימטען ים־שטח.

— איך קען ניט מעהר... — האָט זי ווידער גענומען רעדען שנעל, שנעל, און איהר קול האָט זיך אלץ געשטאַרקט — דו האָסט קיין רעכט מיך צו פּעראַכטען! האָסט קיין רעכט ניט מיך צו פּייניגען און צו ערנידריגען!... ווען איך האָב ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פון דיינע מיליאָנען, ווי דו זאָגסט...

— איך האָב עס קיינמאָל ניט געזאָגט! — האָט מיזשויעוו פינסטער זיך אָבגערופען. ער האָט נאָך אלץ איינגעשפּאַרט געקוקט אין דעם לבנה־זייל, וואָס האָט זיך צופינקעלט אין די כוואַליעס מיט מיליאַרדען טאַנצענדיגע בלויע שטערנס. דאָרט ביים ברעג הימעל האָט ער ווי אויסגערונען אין א געהיימניספּולען, פאַנטאַסטישען ליכטיגען קעניגרייך, וואָס האָט אזוי שאַרף זיך אָבגעשיידט און אָבגעגרענעצט פון טונקעלען הימעל.

און ווידער איז מאריא סערגעיעוונא פּלוצלינג אנטשוויגען געוואָרען. זי איז געווען צוטומעלט, צודריקט און פּיינליך עפּעס ניט פערשטאַנען. מיט איהר גאַנצען וועזען האָט זי געוואוסט, אז ער זאָגט עס איהר שטענדיג, דאָך האָט דער זכרון איהר ניט אונטערגעזאָגט קיין איינס פון די דאָזיגע ווערטער זיינע. זי האָט נור געפיהלט, אז זי קומט אום אין א קאַלטער פּוסטיגע, אז זי געהט פערלאָרען אין דעם אונפערמיידליכען, זי, אזא שוואַכע און הילפלאָזע, אז זי ווייס אפילו ניט, ווי און געגען וואָס זיך צו שיצען.

— ווען דו רעדסט ניט, טראַכסטו עס... איך ווייס... און אויב אפילו דאָס איז אמת, איז דאָך... האָסטו דאָך עס אליין געוואָלט... נו, זאָל זיין... זאָל זיין... ניט בייגעשטאַנען!... האָט זיך געוואָלט לעבען... זאָל זיין אזוי! — האָט מאריא סערגעיעוונא זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר די שלייפען און אַרויסגערעדט אין פערצווייפלונג. — אבער וואָס פאַר א פּרייז איך האָב בעצאָהלט פאַר די דאָזי־

גע מיליאָנען! זיי האָבען ביי מיר די נשמה אוועקגערויבט... איך האָב זיך אויסגעלערענט פעראכטען זיך אליין, ווי די סאמע לעצטע... איינס פון דיביידע: אָדער... ווי דו ווילסט, איך קען מעהר ניט, איך קען ניט! איך...

זי האָט ווידער ניט געקענט געפינען קיין ווערטער און האָט שטום, מיט א פערצווייפעלטען, אהנמעכטיגען בליק, אנגעקוקט דאָס שרעקליכע, פינסטערע וואסער, איהרע הענד האָבען זיך בעוועגט און איהרע ליפּען האָבען געציטערט.

— אויב דו פעראכטעסט זיך אליין ווי די סאמע לעצטע, טו וואָס זאָל איך שוין האלטען פון דיר? — האָט פּלוצלינג מיזשויעוו א פרעג געטהאָן. זיינע בלישצענדע אויגען האָבען זיך ניט אבגעווענדעט פון וואסער.

— אה! — האָט מאריא סערגעיעוונא אויסגעשריען ווי פער־לאָרען און אבגעלאָזען א טיכעל און א האנד־בייטעל, וואָס דער ים האָט תיכף צונעכאפּט. זי האָט פערשטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און געשווינד אוועק, כמעט לויפענדיג. דער ווינד האָט געריסען איהר לאנג קלייד און זי האָט זיך געפּלאָנטערט אין איהם. איהר דינע פרויען־געשטאלט האָט זיך אונזיכער געוויעגט אין לעדיגען ווינטיגען רוים, איבער׳ן פינסטערן וואסער, וואָס האָט אהן אויפהער געשלאָ־גען אהן ברעג.

מיזשויעוו האָט בעגלייט מיט זיין בליק דאָס קליינע וויי־סע טיכעלע, וואָס אן אויפגעשוימטע כוואליע האָט הויך אויפגעהויבען אויף איהר קאָם; פּלוצלינג האָט זי זיך אויף אמאָל ארונטערגעלאָ־זען אין דעם חשך פון קאַלטען תהום.

א ווארים געפיהל האָט זיך א צאפּעל געטהאָן אין זיין נשמה. און ניט אויסדריקענדיג אין ווערטער דאָס דאָזיגע געפיהל פאר זיך אליין, האָט זיך מיזשויעוו אויפגעהויבען און באלד אנגעיאָגט מאריא סערגעיעוונא.

איהרע קליינע רונדע אקסלען זיינען געווען איינגעדריקט, דער פיינער בויג פון איהר האלז האָט שעמערירענדיג זיך געבלייכט אין לבנה־שיין. דערהערענדיג זיינע טריט, האָט זי זיך תיכף אבגעשטעלט, נור דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבען און איז געשטאנען ווי פריהער, דאָס פּנים פערשטעלט מיט די הענד און נידריג אראבגעלאָזען איהר גרוי־סען העלען הוט. אזא קליינע, צארטע, עלענדע אזש צום וויינען.

— נו, לאָז עס, מע... ריסיא... — האָט ער געפּלאָנטערט איהר פריהעריגען און איצטיגען נאָמען. א פלוצלינג געבארענע, הייסע, טיעף־הארציגע לאסקע האָט געציטערט אין זיין קול. ער האָט איהר ארומ־גענומען ארום האלז. — פערגיב... איך האָב דיך ניט געוואָלט בע־ליידיגען !

ער האָט זיך געריכט, אז זי וועט זיך פערקאפּריזעווען און איהם אבשטויסען, ארויסרייסען די הענד, זיך שטעלען קאלט און פרעמד, און ער האָט דערפאר מורא געהאט, עס האָט זיך איהם געדוכט, אז יע־מאלט וועט ער שוין אויף אייביג בלייבען איינזאם. אבער זי האָט נור צוגעדריקט איהר קאפּ צו זיין ברוסט, ציטערדיג אויסגעשטרעקט איהר פּנים צו זיינע ליפּען און איהם אנגעקוקט מיט אונרוהיגע, פרעגענדע אויגען. אזעלכע גרויסע דורך לבנה שיין און טרעהרען, און אין איהרע נאסע אויגען און אין די ווינקלען פון איהרע וועהמוטיג שמייכלענדע ליפּען האָט מיזשויעוו דערזעהן אזא אונטערטהעניגקייט, אזא דער־פרעהטען, איבערגעבעטענעם אויסדרוק, ווי ביי געשלאָגענע, און דער־נאך צוגעלאסצעטע חיה׳לאך און קינדער.

און דאָס אנגענעהמע געפיהל פון ווארימקייט און רחמנות איז פלוצלינג פערשוואונדען, ווי נארניט געווען. געבליבען איז נאָר א קעלט פון פערדרוס און א שטייגענדע אויפרעגונג. ער האָט איהר קאלט א קוש געטהאָן אין די ווארימע, נאסע ליפּען און לייכט אבשטויסענדיג איהר, האָט ער ארויסגערעדט :

— נור, אָהן קאפּריזען, איך בעט דיך... דאָס ווערט סוף כל סוף לאנגוויילינג... וואס ווילסטו, איינענטליך... איך פערשטעה ניט !...

ער איז אנטשוויגען געוואָרען, אוועקגעקוקט מיט אן עקשנות־דיגען בליק און צוגעלעגט :

— צייט א היים !

ווי זי וואָלט ארויסרעדען געוואָלט : פערצייה... אפשר בין איך אומגערעכט, איך ווייס אליין ניט... מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז דו האָסט מיך ניט ליעב, פערטאכטסט און דאָס איז אזוי פיינליך... — האָט זי צומישט א שמייכעל געטהאָן און זיך גענומען אונטערוויילען. זיי זיינען שווייגענדיג געגאנגען זייט ביי זייט. די ווייסע, קאלטע לבנה און דער טומלענדער ים זיינען געבליבען פון הינטען, און אנט־קעגען זיינען ווידער געקומען די מחנות טאנצענדע טענער, און ווידער האָט זיך עפּעס אנידערגעשטעלט צווישען זיי.

ווען זיי זיינען געפאהרען א היים, האט ער מיט׳ן פוס געפיהלט די בעריהרונג פון איהר שטראמען לייב, וואס האט יעדע ווייל־ע ווי זי אויסבעהאלטען פון איהם הינטער דעם טרוקענעם, שארשינען שטאף, האט געזעהן דעם פראפיל פון איהר פרויען־קאפ, וואס האט זיך געבויגען אונטער דער לאסט פון א צו שווערען געדאנק. עס האט אויסגעקוקט ווי א בילד, געמאלען אין בלאסע פארבען, און ער האט זיך געפרעגט:

— וואסזשע האט זיך אנידערגעשטעלט צווישען זיי? — צווי־שען איהם, וואס האט יאהרען לאנג אין הארצען תפילה געטהאן צו איהר, מורא געהאט צו קלערען אפילו וועגען איהר נאקעטקייט און איהרע לאסקעס, אין איהר, אזא ליעבער אויסגעצייכענטער פרוי, וואס האט אזוי האלט געהאט איהר שטילען מאן און אזוי איינפאך, ווי אן עלטערע שוועסטער, זיך בעצויגען צו איהם און האט אויסגע־קוקט אזוי לויטער, צניעה׳דיג, כאטש זי איז שוין געווען די פרוי פון א מאן.

צווייטעס קאפיטעל.

דער ברעג האט זיך ווי געבלענדט אין זונען־גאלד, און אפילו דער ים, שוימיג־גרין ביי דער דאמבע און בלוי, טיעף בלוי פון דער ווייטענס, איז אויך ווי בעשאטען געווען מיט גאלד־שטויב. די ווייטע בערג האבען געאטהעמט מיט הימעל און זון, און די זומער־וואוינונגען הינטער דער שטאדט האבען געשעמערירט אין דעם גרינס פון די אראבלויפענדע בערג און האבען אויסגעקוקט, ווי שפיעלצייג צואווארפענע אין גראז.

דער בלענדענדער עולם קורגעסט האט זיך אויסגעבויגען, ווי א טייך, ארום דעם האלב־קייל־עכדיגען סקווער, האט זיך בעוועגט מיט׳ן ים־ברעג און געפלאסען אין אזא בונטער פערשיעדענארטיג־קייט, אז עס איז ניט קענטיג געווען, פון וואנען עס שיטען זיך די העל־ע קליידער, די היט, די פים און פנים׳ער מיט די בעל־עבטע אויגען. עס האט זיך געדוכט, אז די מחנה וואקסט, פערגרעסערט זיך פון זיך גופא, ווי א בייט ל־עבעדיגע בלומען, וואס וואקסען מיט א וואונדערליכער שנעלקייט. געמישטע קולות, געלעכטער, דאס רוישען פון די קליידער האבען זיך הילכיג צונויפגעגאסען איבער די מענשען־קעפ מיט דעם צישען פון די כוואליעס, וואס האבען זיך אבגעשלאגען אין די שטיינער, מיט דעם באפענדיגען גערודער פון די קארעטען, מיט

די גערדיבטע, הילכיגע קלעפּ פון די פערדישע פיס. אין דער לופטען איז ווי געהאנגען א פאַרבינגע, בונטע, יום־טוב'דיגע מוזיק.

מאַריע סערגעיעוונא און מיזשויעוו האָבען זיך דורכגעטראָגען איבער דער דאמבע אין א לייכט יאַלטא־וועגעל; דער ווייסער גאַז־גע־וועב, וואָס האָט נאָכגעוועהט מאַריא סערגעיעוונאס הוט, האָט שנעל דורכגעשוועבט פאַרביי די פערדישע קעפּ, די וואַזשנע פּנים'ער פון די קוטשערס און די לויפענדע שורות פון היט און שירמס.

די קאַרעט האָט זיך פּלוצים געגעבען א שטעל אוועק ביי א מאַ־גאַזין, ווי זי וואָלט זיך אויף אמאָל אָנגעשלאָגען אָן אן אונזיכטבאַרע שטייפע וואַנד. פון הינטער דעם שפּיגעל פענסטער פון מאַגאַזין האָט בונט א שווינדעל געטהאָן מיט וואונדערליך־טשיקאַווע פרויען־היט; זיי האָבען אויסגעקוקט ווי א מחנה פויגעל און בלומען פון א פרעמד לאַנד, איינגעשפּאַרט אין א שטייג. מאַריא סערגעיעוונא האָט לייכט און געשווינד אראָבגעשטעלט א פוס אויפ'ן שטייג־ברעטעל פון קאַ־רעט און, ווי אראָבגעבלאָזען פון א ווינד, איז זי פון אָרט אריינגע־פלויגען אין דער קיהלער, טונקעלער טהיר פון מאַגאַזין.

און ניט מיזשויעוו איז ניט אומקוקענדיג זיך, שווער אראָבגעקראָכען אויפ'ן טראָטואַר און איז ארויף אין מאַגאַזין נאָך איהר.

פון אלע זייטען האָבען זיך א לאָז געטהאָן אויף מאַריא סערגע־יעוונא אָנגעשטעלטע און פערקויפערינס. ריידענדיג צו איהר האָבען זיי פערצויגען די ווערטער, זיך געשאַרט אויף די קנאַפּעל און געשמייכעלט מיט אויפגעלעבטע פּנים'ער. אויף א רגע האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז א הויפען פריינדליכע, פרעהליכע מענשען, וואָס בעגעגנען און רינגלען ארום א לאַנג ערוואַרטעטע ליעבע פריינדין. און ווי א שטורם־ווינד וואָלט איבערגעקעהרט און אויסגעליידיגט צעהנדליגע שאַכט־לען, און בלויע, רויטע, קאָלירטע בענדער האָבען זיך צושאָטען אי־בער דעם באַרג ווייסע היט, ווי בלומען אויף שנעע.

עס איז אקאַרשט אריין אין דער מאָדע איינפאַכע טוכענע הי־טעלאך „בעבע“ — דער לוקסוס שפּיעלט זיך אמאָל אין נאַאיווע איינפאַכקייט — און מאַריא סערגעיעוונא האָט ניט אנדערש געוואָלט קויפען אויף אזא הוט. איהר האָט זיך געדוכט, אז אין אזא פּראָסט היטעלע וועט זי אויסזעהן ווי א שטיפעריש, גראַציעז מיידעלע.

די פערקויפערינס האָבען איבערטריבען געפּישצעט, די אנגע־שטעלטע האָבען גערעדט אונטער דער נאָז, מעשה פּראַנצויזען, אין די

אַמעי'ע טהירען פון מאגאזין האָבען זיך פון גאס אריינגעריסען הור־זשערנע קלאַנגען און זוניגע פארבען, און מאריא סערגעיעוונא האָט זיך ווי א קינד געפרעהט מיט דעם שפּיעל פון קאָלירען און פאַסאַנען, געפינקעלט מיט די אויגען און דאָ האָט זי שוין איינגעוויליגט און דא זיך אַבגעזאָגט, און דא זיך ענטשליסען ניט געקענט און דא געלאַכט, און די גאַנצע צייט זיך בעוועגט, אמאָל אריינגעקוקט אין א גרויס שפּיעגעל אום צו זעהען זיך אין פולען וואוקס, און אמאָל זיך איינגע־דרעהט אום צו בעטראַכטען איהר פּראָפיל אין א קליין שפּיעגעלע. און איהר האָט זיך געדוכט, אז מיט יעדען נייען הוט, וואָס זי מעסט זיך אָן, מיט יעדען בלוי, רויט און בונט בענדעל, וואָס זי שטעקט זיך אריין אין די שווארצע האָר, קוקט איהר מאַט—ראז פּנים'על אויס אַלץ שעהנער און יונגער.

און מיזשויעוו האָט זיך אַבגעזונדערט פון דעם ליארעמדינען געזעמעל און ווי א שווארצער אונבעוועגליכער פלעק. איז ער געזעסען ביים טאמבאנק. זיינע מאסיווע הענד האָט ער שווער אנגעשפּארט אויפ'ן שטעקען, וואס איז געשטאַנען פאר איהם, און ער האָט געקוקט שלעפעריג, ווי אַ ניט דערשלאָפענער קראַנקער, וועמען עס פרעהט שוין ניט די זון, ניט געלעכטער און ניט פרויען־שעהנקייט — ער זעהט און הערט קיין זאך ניט א חוץ דאָס, וואָס צושטערט דאָס לע־בען אין איהם לאַנגזאַם, שטופּענוויי, צושטערט אונערבארמליך, ניט אַבטרעטענדיג, אין אימה'דיגען שטילשווייגען.

פון צייט צו צייט פלעגט ער אנשטעלען א שווערען בליק אויף מאריא סערגעיעוונא'ס שעהן, אויפגעלעבט פּנים'על און גלייך איהם איבערטראגען אויפ'ן ערשטען בעסטען געגענשטאנד, אויפ'ן עק טאמבאנק, אויף א ליידיגען שאכטעל, אויף א לאַקירטען שטיוועל־בלאַט פון אן אַנגעשטעלטען אָדער אויף די מאָגערע אַקסלען פון א פערקויפערין, וואָס האָבען רחמנות'דיג ארויסגעטאַרטשעט פון אונטער דעם קאַקעטיש, זיידען יאַקעל.

— טעאָדאר, גיב נור א קוק — איך נעהם אָט דעם הוט... דאַכט זיך, אז דער קליידט מיר?... אָדער בעסער דעם?... ווי דענקסטו, גיב אַן עצה! — האָט מאריא סערגעיעוונא געשאָטען מיט פראגען, און א לייכטע אונרוהיגקייט פלעגט דורכלויפען דורך איהר קול און דורך איהרע אויגען. עס איז איהר געוועזן פריי און לייכט אויפ'ן האר־צען: די נעבטיגע עקעלהאַפטע סצענע האָט זיך געענדיגט מיט א הייס־

לײדענשאַפטליכען פריערען און איז שוין כמעט ווי אַרויסגעפלױגען פון איהר זכרון. דאָס בעוואוסטזיין פון איהר רייץ, די זון, דער רויש און דאָס וואַרפען זיך מיט געלד, צו וואָס מאַריאַ סערגעיעוונאַ האָט נאָך ביז איצט זיך ניט געקענט צוגעוועהנען — דאָס אַלץ פלעגט גלייך אַבווישען די שפּורען פון אַזעלכע סצענען. אָבער מיזשויעוו'ס פינס־טערער אויסזעהן האָט פערשטערט איהר פרייד מיט אַן אונבעשטימטען שרעק און דערמאַהנט, אַז די קושען און די גליהענדע צערטליכקייטען האָבען נור אָבגערוקט, אָבער ניט אויפגעלעזט און ניט אויסגעראַט דאָס, וואָס איז איינמאָל אַריין אין זייער לעבען.

„שוין זשע איז דאָס נאָך ניט געענדיגט און עס וועלען זיך נאָך איבער'חזר'ן אָט די אונערטרעגליכע עקעלהאַפטע סצענעס. נאָך וועלכע עס ווילט זיך ניט לעבען? — האָט זי געטראַכט מיט דעם סאַמע ברעג פון אַ ציטערינגען געדאַנק.

— טו זאַג, וועלכען?... גיב אַן עצה! — האָט זי געפרעגט, און איהר קול האָט געהאַט אַ מאָדנעם בייקלאַנג פון אַ געהיימען געבעט—

— נעהם אַלע... — האָט מיזשויעוו, טראַכטענדיג וועגען עפּעס אַנדערש, גלייכגילטיג געענטפערט.

זי האָט זיך צולאַכט, און אַלע אַנגעשטעלטע און פערקויפערינס האָבען געוויזען אַן ענטציקטען שמייכעל. עמיצער האָט זיך אפילו צו־הירזשעט פון התפעלות איבער דעם איינפאַל פון דעם מיליאָנער.

מיזשויעוו האָט מיט אַ פינסטערן בליק אַרומגענומען די לאַכעדיגע פּנים'ער און זיך אַנגעכמורעט, און אַלע זיינען אויף אַמאָל ערנסט געוואָרען. מיזשויעוו ווידער, כאַפּענדיג די פּלעצליכע חניפה'דיגע פערוואַנדלונג אויף די פּנים'ער, איז נאָך פינסטערער געוואָרען. אַ ווילדער וואונש, וואָס איז איהם שוין לאַנג בעקענט געווען, האָט איהם אַנגענומען; עס האָט זיך איהם פערוואַלט אַנשרייען אויף זיי, עמי־צען אַ בריק טהאָן, אַ זעץ טהאָן...

אה! אייך געפעלט אַלץ, וואָס איך זאָג?... טו נוט זשע... האָ־בען געצונדען זיין מוח גיפטיגע ווערטער, נור ער האָט אָבגעשוויגען און מרה־שחורה'דיג הילפלאָז אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— ניין, וואָס אויף צו'ן אמת'ן... דו העלף מיר אַרויס! — איז מאַריאַ סערגעיעוונאַ קאָקעטיש צוגעשטאַנען, און מיזשויעוו האָט פער־שטאַנען, אַז זי שטעהט צו נור דערפאַר, קיינער זאָל ניט בעמערקען, וואָס זי האָט דערשפּירט אין איהם מיט אַ פערגעהענדיג האַרץ.

און עס האָט איהם אָנגענומען א רחמנות אויף איהר, און דער רחמנות האָט מיזשויעװ'ן דערװאַרימט. אבער נאָך אומעטיגער, הילפ־לאָזער איז איהם געװאָרען צו מוט.

— נעהם יענעם מיט'ן בלויען באנד... ער פאַסט דיר אם בעס־טען, — האָט ער טרויעריג ארויסגערעדט.

— שוין זשע! — האָט מאריא סערגעיעװנא מיט פרייד איהם צוגעשמייכעלט.

זי האָט אויפגעהויבען ביידע הענד צום קאָפּ, און איהר אויסגע־בויגענער רוקען האָט פליצלינג ארויסגעשטעלט פון אונטער'ן וויי־סען יאַקעל א נאַקעטען, װייכען און אבגערונדעטען פלאַץ. יענער אָנגעשטעלטער, װאָס האָט געטראגען לאַקירטע קאמאשען אויף קנעפּ־לאַך, האָט א גליטש געטהאָן אויף איהר מיט א ציטעריג תאוה'דיגען בליק און פלוצלינג זיך בעגעגענט מיט מיזשויעװ'ס אויגען. אין איין רגע איז זיין בליק פערװעלקט געװאָרען, דאָס פנים'ל האָט זיך איינגע־קאַרטשעט און אנגעטהאָן א מאַסקע פון חניפה און שרעק.

„װאָרעם"! — האָט מיזשויעװ א טראַכט געטהאָן, א בייז, עקעלדיג געפיהל האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען און ער האָט אויס־געשטעלט אויף איהם א פּאָר שװערע, אונבעװעגליכע אויגען.

דער אָנגעשטעלטער האָט זיך אלץ געקאַרטשעט און איז געװאָ־רען דינער, קלענער. מיזשויעװ האָט איהם געקוקט אין פנים אריין און יענער האָט ניט געװאַגט אװעקצונעהמען זיין בליק. א גאנצע מי־נוט האָט אָנגעהאַלטען אָט דער משונה'דיגער, גרויזאַמער שפּיעל, װאָס האָט מיזשויעװ'ן פערשאַפט א קרענקליכען פערגניגען. עס איז קענטיג געװען, װי עס ציטערט ביים אָנגעשטעלטען א קניה, אין אָנ־געשטראַמטען, שמאָלען הויז.

„און, אגב, װאָס װיל איך פון איהם... — האָט מיזשויעװ'ן װי־דער גענומען װעהמוטיג קלעמען ביים הארצען — װען איך בין אָנ־געשטעלטער און ער מיליאָנער און די און נאָך אנדערע װייבער װאָל־טען צו איהם געהערט, װאָלט איך אויך געקוקט אויף זיי בגנבה, װי א שקלאַף!"

מיזשויעװ האָט אבגעװענדעט זיין בליק, עס איז איהם אלץ עקעלדיג געװאָרען: אי די אלע גארנישטען, װאָס קריכען פאַר איהם, אי ער אליין, װאָס װערט בעװאונדערט װי עפּעס א גאָט, אי אָט די פרוי, װאָס האָט נעכטען זיך בעליידיגט פון א גראָב װאָרט און איז

גרייט געווען צו וואַרפען זיך אין וואסער אריין און אָט איצט איז זי אריינגעטהאָן מיט ליב און לעבען אין א קינדערש־נארישען שפּיעל— אויסברייינגען, שליידערען געלד, געלד...

— ביזט באלד פערטיג?... מיר וועלען געהן!... — און ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך בין שוין פארטיג. איך האָב שוין אויסגעקליבען — האָט מאריא סערגעיעוונא זיך גענומען איילען — איהר וועט צושיקען אָט דעם... ניין, ניין, אָט יענעם, מיט דעם בלויען באנד! — האָט זי געוואָרפען ווערטער און אונרוהיג נאָכגעקוקט מיזשויעוו'ן, וועלכער איז ווי א שווארצער פלעק געשטאַנען אין די בעלויכטענע טהירען.

— קום, לאָמיר אביסעל זיצען אין סקווער, — האָט זי צו איהם א זאָג געטהאָן, ווען זיי זיינען ארויס אויף דער זון. פון אלע זייטען האָט זיך ארומגענומען א ווארימע ריינע לופט און א פרעהליכער גע־רויש.

— גוט, — האָט מיזשויעוו איינגעוויליגט מיט א גלייכגיל־טיגער מינע.

זיי האָבען שוין געהאַלטען ביים אריבערגעהן די גאס, מאנעווורירענ־דיג צווישען קארעטען און אויטאָמאָבילען, ווי עמיצער האָט הויך א רוף געטהאָן מיזשויעוו'ן.

— פעדאר איוואנאָוויטש! ווארט נור אוים אביסעל!

נעבען סאמע טראטואר האָט זיך אבגעשטעלט א רויטער, גלאַנ־ציגער, ווי אקארשט א געוואשענער אטאָמאָביל, און פון הינטער דריי דאמען, וואָס האָבען צוזאמען אויסגעזעהן ווי א צונויפגעפלאָכטענער בוקעט פון בלומען און שפּיצען, האָט זיך ארויסגעשטעקט א בלישצענ־דער, שנעע־ווייסער הערר און האָט געמאכט צו זיי מיט א בלייך־געלב־ליכער הענדזשקע.

— טעאָדאר!... מען רופט דיך... פארכאָמענקא... — האָט מא־ריא סערגעיעוונא אנגעריהרט מיזשויעוו'ן פאר'ן ארבעל און זי האָט פאר איהם געענטפערט אויף דער בעגריסונג פון שנעע־ווייסען הערר מיט א שמייכעל און מיט א שאקעל מיט'ן קאָפּ.

פארכאמענקא איז אראָבגעשפּרונגען פון זיין זיץ און מיט קליינע טריטעלאך צוגעלאָפען צו מאריא סערגעיעוונא, פאָכענדיג אין דער לופטען מיט זיין ווייסען, איינגעשלאָגען הוט.

—נעם—מאריא סערגעיעוונא, איהר רייצענדע!... און איך האָב אייך

ארומגעזוכט איבער דער גאנצער שטאָדט! — האָט ער געשריען.

— ווירקליך?

מאריא סערגעיעווגא'ס אויסגעבויגען הענטעל האָט זיך קאָקע־טיש צוגעדריקט צו זיינע ליפּען. זי האָט זיך צולאכט. די דאמען אין אויטאָמאָביל האָבען איהר צוגעשאקעלט מיט די היט, דער בליש־צענדע פארכאָמענקא האָט זיך געקייקעלט פאר געלעכטער, פער־שטעלט אלעמען דעם וועג, דער אטאָמאָביל האָט געפינקעלט און אלע האָבען זיך אויף זיי אומגעקוקט, עס האָט זיך געדוכט, אז די גאנצע שטאָדט, די זון, די בערג און די בלומען האָבען געלויכטען, געבליש־צעט און געלאכט נור פאר זיי. א שווינדזיכטיגער גלח אין א קיטעל, וואָס איז אויך ווי גרין געוואָרען פון דעם שווינדזיכטיגעם גרעמען זיך, האָט קוים, קוים פארביינגעשלעפּט זיינע טריט, האָט אויסגעשטעלט אויף זיי א פּאָר גרויסע בלישצענדע אויגען, האָט וועהטאָגדיג זיך פערקרימט און איז ניט געוואָרען, ווי ער וואָלט צוגאנגען אין דעם גלאנץ און פרעהליכקייט פון די גליקליכע.

באלד נאָך איהם איז פארבייגעגאנגען א יונגער מאן אין דער בעגלייטונג פון עטליכע דאמען, און דער יונגער מאן, ווי ער וואָלט מורא געהאט דורכצולאָזען א העכסט וויכטיגע פּאסירונג, האָט זיך שנעל איינגעבויגען צו זיי און, אנווייזענדיג בלויז מיט די אויגען, אויסגעשעפּטשעט:

— דאָס זיינען מיזשויעוו און פּארכאָמענקא— מאסקוועער מיליא־נערען!...

— ווער מיזשויעוו? וועלכער? — האָבען די דאמען נייגיעריג אומגעקעהרט זייערע קעפּ.

— יענער, מיט דער דאמע... דער הויכער... — האָט דער יונגער־מאן אָנגעטייטעלט און זיך אויסגעצויגען ווי א פויגעל, און דריי פּאָר אויפגערעגטע נייגיעריגע, פרויען־אויגען האָבען זיך אויסגע־שטעלט אויף מיזשויעוו׳ן.

מיזשויעוו האָט האלב זיך אבגעקעהרט, אבער פּארכאמענקא האָט א שיינענד׳ער בעקוקט זיינע דאמען און א זאָג געטהאָן:

— אלע קענען אונז שוין דאָ, פּעדאָר איוואנאָוויטש...

— ערלויבט, לאָזט דורכגעהן — האָט עמיצער א זאָג געטהאָן מיט א געשפּאלטענעם קול. מיזשויעוו האָט אין קול דערפיהלט א ברענענדען האס. ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן א ווייס־

האָריגע בלייכע יונגנעמאַן אין אַ בלוי העמדעל און נאָר אַ שלעכט רעקעל, זיינע ליכטיגע און, קענטיג, גוטע אויגען האָבען געקוקט אויף פּאַרכאָמענקאָ'ן מיט עפּעס אַ מילדען צאָרן.

— ערלויבט זשע דורכצוגעהן — האָט ער שוין איבערגע'חזר'ט מיט וועהטאָג אין קול.

פּאַרכאָמענקאָ האָט איהם אַרומגענומען מיט אַ געשווינדען פאַר־עכטליכען בליק און נאָכלעסיג זיך אָבגערוקט.

— מאַריאַ סערגעיעוונאַ, לאָמיר היינט אַ פאָהר טהאָן צו סוקס'ען... נעכטען האָבען מיר דעם וועג הין און צוריק געמאַכט אין צוויי שטונדען... אויף מיין עהרענוואָרט... אַ מערקווירדיג אַנגענעה־מע רייזע, אויף מיין עהרענוואָרט!... ווי פויגלען!... כאַפּען אַ ביס און צוריק!... אין לבנה־שיין איז עס ממש אַ פאַנטאַסטישע רייזע, אויף מיין עהרען־וואָרט! — האָט ער געשריען און אין גאַנצען גע־שיינט און, קענטיג, פון קאָפּ ביז די פיס פול געוועזען מיט פרייד, וואָס ער פּאַרכאָמענקאָ איז דאָ אויף דער וועלט.

אָבער מאַריאַ סערגעיעוונאַ האָט ניט איינגעווילינט, האָט שטי־פעריש און שעלמיש געשאָקעלט מיט איהר נייעם הוט אויף „ניין“. אין דעם נייעם הוט האָט זי ווירקליך אויסגעזעהן ווי אַ גראַציעזע מיידעלע.

— מיר זיינען ערשט אייערנעכטען דאָרט געוועזען.

— אָבער אין אַן אַטאָמאָביל איז עס גאָר אַנדערש. איבער בערג און טהאָלען! איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי לייכט עס פליהט זיך פון באַרג אויף באַרג... ווירקליך אַזאַ געפיהל, ווי דו פליהסט אין שלאָף... אויף מיין עהרען־וואָרט!

— נו, גוט... מיר וועלען נאָכדעם זעהן. און איצט, וואָס האָבען מיר זיך דאָ אָבגעשטעלט... קומט. דער ים איז היינט וואונדערבאַר!

פּאַרכאָמענקאָס דריי דאַמען, אַלע דריי פרעכטיגע, פוילע בלאָנ־דינקעס, האָבען זיך אַ שאָט געטהאָן פון אַטאָמאָביל, לאַכענדיג און שטופּענדיג, ווי שפּיעלענדע קינדער.

— פעדאָר איוואַנאָוויטש, און וואָס זייט איהר אַזאַ זויערער היינט? — האָט דער שיינענדער פּאַרכאָמענקאָ אַ פרעג געטהאָן.

— זיך פער'מרה־שחורה'ט, — האָט מאַריאַ סערגעיעוונאַ ווי זיך ענטשולדיגט אַנשטאָט איהם און אַ שוועב געטהאָן איבער מיזשוי־עוו'ס פּנים מיט אַ פאַרזיכטיגען בליק.

— טו צווינגט איהם קויפען אַן אַטאַמאַביל... ער וועט גאָר אויפ־לעבען ביי אייך! — האָט פּאַרכאַמענקאָ זיך געקאַכט — איך הייל זיך איצט פון אַלע צרות מיט אַן אַטאָמאָביל!... אויף מיין עהרענ־וואָרט — ניט קיין שפּאַס!

די דאַמען זיינען זאַלבע־פערט אוועק פאָראויס, ציהענדיג אַלע־מענס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. פּאַרכאַמענקאָ איז זיי אַלע ווײַלע פערלאָפען דעם וועג און קיינעם דורכגעהן ניט געלאָזט. ער האָט אַלעמען אַנגעשטעקט מיט זיין שיינענדינקייט, זיכערקייט און טומעל־דינקייט. מיזשויעוו איז מיט שווערע טריט נאָכגעגאַנגען פון הינטען און אַזוי געהענדיג דורך דעם געדרענג, דורך פערפּוצטע מחנות, וואָס האָבען געזשומט ווי ביהנען, דערוואַרימטע פון זון, האָט מיזשויעוו זיך לאַנג און אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין די פּנים'ער, וואָס זיינען איהם נעקומען אַנטקעגען. ער האָט ווי עפּעס געזוכט.

און ווידער האָבען זיי בעגעגענט דעם שווינדזיכטיגען גלחל'ל און דעם ווייסהאָריגען יונגענמאַן אין בלוי העמדעל. איצט איז ער גע־ווען מיט עפּעס אַ הויכען, מאָגער'ן און ערנסטען הערר. דעם לעצטען האָט מיזשויעוו דערקענט, און צוליעב איהם דעם ווייח האָאַריגען. איי־נער איז געווען אַ בעקאַנטער שריפטשטעלער, דער אַנדערער נאָך גאָר אַ יונגער, שווינדזיכטיגער דיכטער.

דער שריפטשטעלער האָט אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט אויף זיי אַ פּאָר בייזע אויגען און זיך באַלד אָבגעקעהרט. דער דיכטער האָט עפּעס אַ זאָג געטהאָן, און אין דעם דיכטערס קול און אין דעם בייזען בליק פון דעם שריפטשטעלער איז עפּעס געווען שפּאָטיש־פיינדליכעס, אונענדליך פרעמדעס צו מיזשויעוו'ן און פּאַרכאַמענקאָ'ן און זייערע געכאַוועט־שעהנע דאַמען.

בונטע פּנים'ער, מענערשע, ווייבערשע, שעהנע, מיאוסע, דאָ זיך באָדענדיג אין זון־שיין, דאָ לייכט פערשאָטענט מיט זון־שירעמס, האָ־בען געשווינדעלט פּאַרביי מיזשויעוו'ן. ווי בעוועגליכע לעבעדיגע ביל־דער, וואָס בייטען זיך פון מינוט צו מינוט, זיינען זיי איהם אַנטקעגען געשוואומען, און מיזשויעוו האָט מיט אַ געוועהנטען, עקשנות'דיגען, קרענקליך אויפגערייצטען געפיהל נאָכגעקוקט דעם משונה אייג־אַרטיגען שפּיעל: ער האָט געזעהן, ווי טויזענדער מענשליכע אויגען, וואָס האָבען גלייכגילטיג, אָהן שום אינטערעס, זיך געגליטשט פון פּנים צו פּנים, פּלעגען פּלוצלונג זיך אָבשטעלען אויף איהם און אוי־

גענבליקליך ענדערען דעם אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אויף טעמפּע נייגיעריגקייט. ער איז שוין אזוי געוועהנט געווען צו דעם איינאַרטיגען שפּיעל, אז צייטענווייז האָט זיך מיזשויעוו'ן אויסגעוויזען, אז אָט דער גאַנצער פּערפּוצטער עולם האָט איין פּנים — א פלאַכען, פּרעכען פּנים, וואָס האָט זיך איהם צוגעגעסען אויף טויט.

די דאַמען מיט פּאַרכאַמענקא האָבען זיך געקייכט פאַר געלעכטער. און מיזשויעוו איז זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטען און דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט איז ניט אבגעטראָטען פון איהם, איהם האָט זיך אַלץ געוואָלט ערגיץ אוועקגעהן, אהין, וואו קיין זאַך און קיינער איז ניטאָ, קיין מענשען, קיין זון און קיין טומעל, דאָרט זיך אבשטעלען און שטעהן לאַנג, לאַנג, גאַר איינער אליין.

דער שיינענדער פּאַרכאַמענקא האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם און וואָס א זאָג געטהאָן — עפּעס א נאַרישקייט, א בלאַסע, פאַרעוועט נאַרישקייט, אבער אזא צואווידערדיגע דורך דער משונה'דיגער זיכערהייט, מיט וועלכע זי איז ארויסגעזאָגט געווען. פּאַרכאַמענקא האָט מיט זיין טאָן געגעבען צו פערשטעהן, אז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז גרויסאַרטיג, קאָמיש אָהן א שיעור.

— א גליקליכער אידיאַט, — האָט מיזשויעוו א טראַכט געטהאָן, קוקענדיג אונטער זיך. פּלוצלונג האָט ער דערשפּירט א טונקעלע קנאה. ווען מען זאָל עס איבערגעבען אין ווערטער, וואָלט זיך בעקומען אזא אונזין: אך, ווען איך וואָלט נור געווען אזא אידיאַט! דאַמאָלס וואָלט איך, מיט מיינע אַטאָמאָבילען, מיליאָנען, מעטרעסען, מיט אַלע מענשען, וועלכע זעהען מיך ניט און דאָך ציטערן זיי אדער האסען מיך, אָדער ציהען זיך צו דעם, וואָס איז גאַרנישט איך — דאַמאָלס וואָלט איך אויך געווען גליקליך אזוי ווי ער.

— און אָט איז אונזער גענעראַל! — האָט פּאַרכאַמענקא אויסגעשריען — גענעראַל, קומט אהער! אונז איז אומעטיג אָהן אייך!

אַן אַלטיטשקער גענעראַל, מיט ברייטע רויטע פּאַסען אויף די הויזען און אן איינגעקאָרטשעט ראָז פּנים'על אויף א הינערש העלזעל, מיט בינטלאך גראָהע הערלעך אויף די באַקען, איז צוגעלאָפען צו זיי, מיט שלעפּעדיגע טריטעלאך, ער האָט זיך גענומען קושען די הענד ביי די דאַמען, געמאַכט א שיינענד פּנים'על און קאָקעטירט אזוי נאַריש־אָהנמעכטיג, ווי דער שטיינער פון אלטע לייט. קענטיג געווען, אז ער האָט שטאַרק מורא, מען זאָל איהם ניט אוועקטרייבען.

פארבאמענקא האט זיך דערפרעהט, ווי מען וואלט איהם צו־געבראכט זיין ליעבלינג־שפיעלצייג.

— נו, גענעראל, זיינען אנגעקומען עפעס א סך שעהנע פרויען מיט דער נעכטיגער שיף? האט אייער הערצעל אפט געפלאטערט?— האט ער זיך גערערעהט אויף די קנאפעל פאר די דאמען, וואס האבען זיך צוגעזעצט אויף א באנק.

דער גענעראל האט מיט גרוים אבשיי מיטגעלאכט אויף א דין קול'כעלע.

— איהר ווייסט, מאריא סערגעיעוונא — האט פארבאמענקא זיך געווענדעט צו איהר און אן זיין גלאנציג־רויטען געזיכט איז געווען צו זעהן, אז ער קלייבט זיך זאגען עפעס אויסערגעוועהנליך וויציגעס, — דער גענעראל געהט יעדען אבענד צום האפען און קוקט אוים אויף אן אונפארזיכטיגע, וועלכע זאל זיך איהם אנפערטרויען... ער איז דאך א דאן זשואן, וואס די וועלט האט נאך ניט געזעהן, אויף מיין עהרען־ווארט — אהן שפאס!

— אה, גענעראל, איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר זיינט אזא געפעהרליכער! — האט איינע פון פארבאמענקאס בלאנדע דאמען אויסגערופען מיט א ברייטען, פערצערטעלטען קול.

— אה, איהר קענט איהם נאך ניט! — האט פארבאמענקא גע־שלונגען התפעלות — געהט יעדען אבענד... אבער, ליידער, די דא־מען די שלעכטע בעגעהען זיך מיט איהם גאר אונהעפליך! יעדען אבענד געפינט דער גענעראל פאר זיי וואהנונגען, שלעפט זייערע זא־כען, צאהלט די פוהרלייט, און אויף מארגען — אך און וועה! — גע־העך זיי געארעמט מיט עפעס אן אפיציערל, און דער גענעראל נעבאך מוז זיך ווידער שלעפען צום האפען!... אויף מיין עהרען ווארט, — אהן שפאס!

— זא־אגט נור אבי־ס־על! — האט די פרעכטיגע בלאנדינקע אויסגעזונגען.

— איהר, פאוועל אלעקסעאיטש, וועט אלעמאל וואס אויס־קלערען, — האט דער גענעראל זיך פערטיידיגט און זיין ראז פנים'על איז נאך ראזער געווארען.

— דערצעהלט מעשיות! אויסגעקלערט. און ווער האט אייך גע־כאפט דריי טאג צוריק אין דזשאליטא מיט א גימנאזיסטקע? הא?

— איך שווער אייך, פאוועל אלעקסעאיש, אז איך האב

איך דעם אמת געזאָגט... דאָס איז מיין טאָכטער ניוראַטשקאַ! וואָס פאַלט איך איין, איך שווער אייך... — איז דער גענעראַל שוין גאָר רויט געוואָרען.

— אַ טאָכטער? מיר קענען שוין די טעכטער!

— אויף נאמנות, אַ טאָכטער... ניוראַטשקאַ!

— אַז ניוראַטשקאַ, דאָס גלויב איך אויך!... און... — האָט פאַרכאַמענקאַ אנגעהויבען און פלוצלינג זיך אָבגעשטעלט. פער־קוועטשט אַן אויגעל און געמאַכט אַ פּאָזע, קענטיג, פאַר גאָר אַ פּיקאַנ־טען וויץ. — און אַז איהר קענט קיין אַנדער זאַך ניט פּיהלען, ווי פאַטערליעבע, דאָס, זעהט איהר, איז זעהר מעגליך!

די דאַמען האָבען זיך צולאַכט, מיט האַלב אַראָבגעלאָזענע אויגען און מיט יענע מאָדנע גליטשיגע האַלב־שמייכעלאַך, אַרום וועלכע עס שוועבט אַ ווייבערשער סוד.

דער גענעראַל האָט אַרויסגעלאָזט זיין געוועהנליכען „כי־כי“, אָבער אַ קרענקליכע מינע האָט דורכגעצוקט זיין צושמייכעלט פּנים׳ל: ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פאַר זיין ניוראַטשקאַ׳ן. אויף אַ רגע האָט זיך איהם געוואָלט זיך אומקעהרען און אוועקגעהן, אָבער ער האָט עס ניט געוואָגט, נור זיין געלעכטער׳ל איז שוין געווען אַ פערוועהטאָגטער.

— דאָס איז ריי־סס־ענד, דאָס איז ריי־סס־ענד... — האָט דער גענעראַל געפּלאָפּעלט און זיינע אויגעלאַך זיינען פערלאָרען אַרומגע־לאָפען.

— גענעראַל — האָט פאַרכאַמענקאַ גאָר אויפגעשיינט — פאַר וואָס זאָגט איהר רייסענד, און ניט רייצענד? ...עס זאָל קאָמיש זיין אָדער איהר האָט אַ צאָהן אַ פּייפער?

— שוין זשע זאָג איך רייסענד? — איז דער גענעראַל רויט געוואָרען.

— געוויס, רייסענד... נו, זאָגט: רייצענד!... ניט פערצוויגען: רייצענד!

— איז דאָס ניט אַלץ איינס? — האָט דער גענעראַל געפּרובט זיך אַרויסמאַכען.

— עס איז שוין גאָר ניט אַלץ איינס... דאָס איז שרעקליך קאָ־מיש!... אויף מיין עהרענוואָרט!... נו, זאָגט: רייצענד!

דער אַלטיטשקער האָט געלאַכט און זיינע אַלטע באַקען האָבען

געפינקעלט.

— ניין, זאגט אבער! — איז פארכאמענקא ניט אבגעשטאנען.

— רייהסס־ענד! — האט דער גענעראל אויסגעשריען מיט מא־טערניש.

פארכאמענקא האט פון התפעלות זיך איבערגעדרעהט אויף די קנאפעל. די דאמען האבען זיך צולאכט. אויך מאריא סערגעיעוונא האט זיך צולאכט און הויך ארויסגעשטעלט איהר גאמבעטשקע.

— רייצענד, רייצענד, גענעראל! — האט פארכאמענקא גע־שריען.

זיין שיינענד פנים האט זיך געפרעגעלט פון נחת. עס האט זיך גערוכט, ווי ער וויל זאגען: נו, אלטער ליז, קאמישער, קאמישער... דו זעהסט ניט, אז מיר איז פרעהליך... נו! נו!

— איהר גענעראל, זייט א געבארענער קאמיקער.. אויף מיין עה־רען ווארט! — האט ער געשריען דורך געלעכטער.

דער אלטיטשקער האט צומישט געשמייכעלט און זיינע בעקלאך האבען רחמנות'דיג זיך גערויטעלט.

מאריא סערגעיעוונא האט געקראגען מיטלייד מיט'ן אלטיטשקען. זי האט גענומען ריידען צו איהם פריינדליך און צערטליך, זיך נאכ־געפרעגט וועגען זיין געזונד און זיין טאכטער, דער גימנאזיסטקע, וועלכע זי האט מיט א פאר מינוט צוריק בעגעגענט אין א רעדעל פריינדינעס, אזעלכע יונגע, לעבעדיגע, ווי זי אליין. דער אלטיטשקער איז גאר צוגאנגען געווארען פון איהרע ווארימע ווערטער און שוין גענומען שמייכלען גאר אנדערש און פאדען ארום איהר ווי א צוגע־לאסצעט אלט הינטעל.

אבער פארכאמענקא האט איהם ווידער גענומען צופען און וויצלען זיך אויף זיין חשבון. מיזשויעוו האט געקוקט אויף זיי און עס האט איהם געעקעלט און אויף פערדראסען פאר דעם אלטיטשקען. ער האט זיך געוואלט אננעהמען פאר איהם, אבער ער האט אבגעשווי־גען.

עס זיינען פארבייגעגאנגען דיזעלבינע צוויי שריפטשטעלער. מיזשויעוו האט דערהערט, ווי פון א גרופע יונגע לייט, וואס זיינען געזעסען אויף א צווייטער באנק, האט עמיצער א זאג געטהאן:

— קוקט, קוקט... אט זיינען זיי: טשעטריאוו און מארוסין.

— וואו? וואו?

שטארק פּעראַינטערעסירטע מיידעלשע אויגען האָבען בעגלייט די עטוואָס איינגעצויגענע פיגורען פון די צוויי שריפטשטעלער. זיי האָבען לאַנגזאַם זיך בעוועגט ווי א טרויעריגער פלעק, צווישען און דאַך אבגעזונדערט פון בונטען, פערפּוצטען עולם, און מיזשויעוו האָט דערהערט ווי אין דער גרופּע יונגוואַרג האָט זיך צופלאַקערט א ויכוח וועגען טשעטיריאַוו'ס טאַלאַנט.

און ווי עפּעס טאַקע צוליעב דעם איז איהם ווידער געוואָרען אַר־מעטיג און מיאוס און עס האָט איהם א ציה געטהאָן פון דאַנען, אוועק־געהן ערגיץ ווייט און שטעהן לאַנג, לאַנג, איינער אליין און קיינעם און קיין זאַך ניט הערען און ניט זעהן.

דריטעס קאַפּיטעל.

עס איז אקאַרשט אַנגעקומען די פּאַרנאַכטיגע שיף, און פון יע־נער זייט האַפען האָבען גערעדט זייער גליהענדע שפּראַך איהרע אַנ־געצונדענע פייערן. אונטען אין טונקעלען וואַסער האָבען זיי זיך אבגע־שפּיעגעלט, ווי קאָלירטע, בלישצענדע בלומענקרענץ. פון יענער זייט ברעג האָט מען קיין מענשען ניט געזעהן, נור דער שוואַרצער לייב פון דאַמף־שיף האָט אויסגעקוקט אזוי געהיימניספול, ווי א שוואַרץ פערזעהעניש פון די אַבגרונדען וואָלט צוגעקראָכען צו דער דאַמבע. פון דער ווייטענס האָט זיך שוין דערטראָגען דער גערודער פון שנעל לויפענדע קאַרעטען. עס האָט זיך געפיהלט, אַז אט באַלד וועט אין פרעהליכען שטעדטעל אריינפאַלען א מחנה נייע מענ־שען, אויפגעמונטערטע, דערפרעהטע, וואָס די לאַנגע און לאַנגווייליגע רייזע איז שוין צו ענד.

יענעם טאָג איז מאַריא סערגעיעוונאַ, צוזאַמען מיט פּאַרכאָמענקאָ און זיינע דאַמען אויסגעפאָהרען אין א דערבייאיגען באַדע־אָרט און מיזשויעוו איז אַרוים שפּאַציערען איינער אליין. ער האָט ניט־גע־איילט זיך אַרומגעטריבען איבער'ן ברעג, ווייטער פון סקווער אין קורזאַל, וואו עס האָט געשוויבעלט מיט א פּלאַטערנדיגען פּאַרנאַכטי־גען עולם. ער האָט זיך געפיהלט אזוי גוט, ווי ער האָט זיך שוין לאַנג ניט געפיהלט. דער לופטיגער אבענד, אָהן לבנה־שיין, בעפּוצט מיט דעם דורכזיכטיגען גאָלד פון די שטערן, פערזונגען מיט דעם ריטמישען רוישען פון די צישלאָגענדע און אויפשוימענדע כוואַליעס, האָט געבראַכט אין שטילער בעוועגונג די האַרציגסטע סטרונעס אין איהם. די אַנגעצויגענקייט, דער דונקעלער חשד, וואָס האָט כסדר געלע־

כערט זיין הארץ, האט איהם איצט אבגעלאזען, און זיין נשמה איז ווי פערוויענט געווארען אין א שטילען מוזיקאלישען אומעט. עס האט זיך געוואלט אליין זיין און טראכטען וועגען עפעס טייערעס, נאהענטעס.

און אזוי א פערטראכטער איז מיזשויעוו געגאנגען איבער'ן ים־ברעג, דארט, וואו עס איז ליידיג און שטיל געווען, און לייכטע צארטע געדאנקען האבען לאנגזאם ארויסגעבראכט פאר איהם בעקאנטע, האלב פערגעסענע פנים'ער. און מיזשויעוו'ן האט זיך געדאכט, אז ער זעהט זיי מיט אפענע אויגען — ערגיץ וואו שוועבען זיי דא אין דער בלויער בין השמשות לופט, צווישען די בלייכע גרויסע שטערן.

און ביסלעכווייז האבען איהם די געדאנקען, לויפענדיג אין א קרייז, געבראכט צו יענע צייט, ווען ער איז אקארשט אנגעקומען פון אויסלאנד, א פערטשאדעטער פון זינלאזען לעבען, א פערמאטערטער פון די פאלשע, פערשטעלטע מענשען, און דא פלוצלינג בעגעגענט ער זיך מיט זיין אלטען פריינד און זיין פרוי, מאריא סערגעיעוונא. מיזשויעוו איז געווען צורייצט, פערביטערט, אין מרה־שחורה פערזונקען. זיי האבען איהם דערווארימט מיט דער איינפאכקייט פון זייערע בעציהונגען, פון וואס ער איז שוין לאנג אבגעוועהנט געווען. זיי האבען איהם אריינגענומען אין דעם ענגען קרייז פון זייער ליכטיגען, היימליכען לעבען, און עס זיינען אוועק טעג און אבענדען, אינטימע, פרעהליכע, פערצויבערטע פון דער נאהענטקייט פון א שעהנער, ליעבער פרוי. דערנאך איז געקומען א געהיימע ליעבע — א מאדנער, פער'שיכור'נדער שפיעל פון דער ריינסטער הייליגסטער אכטונג מיט דעם זינדיגסטען, חוצפה'דיגסטען פערלאנג, און שרעקליך, ווי דער טויט, און מונטער, ווי דאס לעבען, איז געקומען דער מאמענט, ווען אין איהר האט זיך אבגערופען א ציטערנדע, שעמעדיגע סטרונע, און פלוצלינג האט דער חלום, וואס האט געשיינט צו זיין אזוי אונמעגליך, פון וועלכען מען האט אפילו טראכטען ניט געטארט, איז צוגעקומען אזוי נאהענט און האט גענומען שלאגען פון זיך מיט היציגער פרויען־ליידענשאפט. און דערנאך האט זיך אלץ פערפלאטנערט און איז אנגעלאפען מיט עקעל און וועהטאג, אז דער מוח האט זיך אזש געהויבען. און עס האט זיך גענומען ציהען א לאנגער און אונגלייכער קאמף צווישען געוויסען — און פערלאנג פון קערפער נאך קערפער, וואס וויל פון קיין זאך ניט וויסען און מיט קיין זאך זיך ניט רעכ־

נען. עס זיינען געווען העלע מאָמענטען פון ווילדען גליק, ווי אין יענעם אבענד, ווען די שטרענגע שווארצע קלייד איז פלוצלינג אראָבגעפאלען און א רייצענדע נאקעטע פרוי איז געשטאַנען פאר איהם אונטער־טהעניג און אונפערשעהמט: אבער דאָס גליק איז דערטרונקען געוואָרען אין דעם זומפּ פון ערנידריגענדער פאלשקייט, שאנדע, פערראט און שווינדעל, וואָס איז דערגאנגען ביז צו אונערהערטער גע־מיינהייט געגען א מענשען, וועלכעןביידע האָבען געאכט און געליעבט. דער שמוץ איז צוגעקומען אלץ העכער און העכער, דערגרייכט ביז צום האלז און ווען עס איז שוין געוואָרען שווער צו עטעמען, איז פאר־געקומען א קורצער און שאַרפער ריס.

מיזשויעוו האָט זיך דערמאָהנט, ווי לייכט און פריי עס האָט זיך אויפגעאטעמט, ווען אלץ איז אזוי צו אזוי געענדיגט געווען, און א ניי לעבען האָט זיך פאר זיי אנגעהויבען. אבער די פערגאנגענ־הייט האָט, קענטיג, איבערגעלאזען א שאַרפען שפּיץ, וואס האָט נאָך אלץ געשטאָכען אין דער פון אויבען פערטריקענטער וואונד. ווען די ערשטע היץ פון ליידענשאפט איז אריבער, האָט זיך מיזשויעוו'ן גע־נומען דוכטען, אז עס איז בעגאנגען געוואָרען א שרעקליכער, אונ־פערבעסערליכער פעהלער. אָט די ליידען און ספקות, וואס מאריא סערגעיעווגא האָט דורכגעמאכט, האָבען גענומען ריידען צו איהם מיט א געהיימער, גיפטיגער שפּראַך, א זיין, מיזשויעוו'ס, ראָלע איז דאָ אַן עלענדע, א קלעגליכע. די פרוי האָט ליעב געהאט איהר מאַן און ווייטער קיינעם ניט, און מיזשויעוו, — וועלכער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט, אויסער מיט זיין געלד — איז דאָ געווען אַן איינפאכע צופעליגקייט. מאריא סערגעיעוונא און איהר מאַן האָבען געלעבט אזוי גרוי און אָרים און עס האָט זיך איהר געבענקט אזוי נאאיוו און אונשולדיג נאָך פרייד און גלאַנץ און מעהר נישט...

— צו וואָס זשע זיינען צובראכען און צוקאלעטשעט געוואָרען דריי לעבענס, אויב אזוי? — האָט מיזשויעוו מיט שרעק זיך גע־פרעגט.

דער ערנידריגטער, פערלאָזענער מאַן קרענקט ערגיץ אויס איי־נער אליין דאָס געהיימניס פון דער בעליידיגונג, וואָס איז איהם אָנ־געטהאַן געוואָרען, א בעליידיגונג, וואָס קען ניט אבגעווישט און ניט פערענטפערט ווערען; און די יונגע פרוי קוועלט זיך אַן איינזאַמע, ווי אַן איבּרינע שפּיעלצייג...

„און אין מיין לעבען איז צוגעקומען נאך א י י ן פערקויפטע פרוי און ווייטער גארנישט!" — האט מיזשויעוו א טראכט געטהאן מיט ביטערער גראבקייט און ער האט דערפיהלט, אז זיין פנים האט א ציטער געטהאן און זיך וועהטאגדיג פערקרימט.

„איך האב קיין רעכט ניט אזוי צו טראכטען!.. אפשר האט זי אויפריכטיג געליעבט" — האט ער אין די געדאנקען אויף זיך זיך אנ־געבייזערט און האט געוואלט דערשטיקען אין זיך די פיינליכע פראזע, וואס האט זיך ביי איהם אריינגעכאפט. אויף א רגע האט זיך אלץ צונויפגעמישט אין איהם, אבער באלד האט מיזשויעוו דערפיהלט, אז דער געדאנק איז ניט טויט, נור ער האט זיך ארונטערגעלאזען טיעפער און ווי א דין שלענגעל, וואס בעהאלט זיך צווישען שטיינער, גליטשט ער זיך אונבעמערקט ערגיץ דארט ארום אין דער טיעפעניש.

מיזשויעוו האט א טרייסעל געטהאן מיט'ן קאפ; מיט א שטאר־קער, כמעט פיזישער אנשטרענגונג האט ער פערזאגט די עראינערונגען. און איז לאנג ארומגעגאנגען איבער'ן ברעג, אהן שום געדאנק, נור עפעס פארמלאזע שטיקער האבען מיעד זיך געקוויקעלט אין זיין נשמה. אין דער אבענד איז אלץ טונקעלער געווארען, און דער בלויער הימעל אלץ טיעפער און רוהיגער, און די שטערן איבער די בערג האבען אלץ העלער געבלישצעט, און דער אנטשוויגענער ים האט לייכט און שטיל געזיפצט, ווי איינדרעמלענדיג.

„וואלט כאטש איינער געווען, אין וועלכען מען קען זיך פער־טרויען!" — האט מיזשויעוו פלוצלינג א טראכט געטהאן, און ער האט זיך דערמאהנט אן דעם מענשען, מיט וועלכען ער איז געווען נאהענט נאך אין יענער צייט, ווען איהם איז נאך געווען פרעהליך אויפ'ן הארצען, און ער האט זיך געווארפען מיט געלד און געטרוימט וועגען ברייטער, שעפפערישער טהעטיגקייט.

„עך, מיט איהם א שמועס טהאן!" — האט מיזשויעוו א קא־פעטשקע נאאיוו א טראכט געטהאן און זיך צושמייכעלט: די בריי־טע, צופאהרענע פיגור פון בעריהמטען שרייבער ניקאלאיעוו איז בולט געשטאנען פאר איהם אין דער טונקעלקייט פון דרום'דיגען בין־השמשות.

— נישקשה, ברודער, מיר וועלען אונזערס אניאגען!.. מיר זיי־נען א געזונטינקער פאלק! — האט ער דערהערט זיין קול, פול דרייסט־

קייט און גבורה, אפילו מיט דעם אקצענט אויף דעם קיילעכדיגען „אָ“, ווי מען רעדט עס ארויס אויף דער וואָלגא.

מיזשויעוו׳ס הארץ האָט א ציטער געטהאָן.

הילכיג אבקלאפענדיג דעם גאלאפּ האָבען זיך פארבייגעטראגען: א פרוי, אין א רייטער־אנצוג, וואס האָט פעסט ארומגעכאפּט איהר קיילעכדיגע גליעדער פון א יונגער „זי“, און א געזונדער פעסטער טאטער, מיט אויסגעצויגענע, ווי סטרונעס, מוסקולעזע פיס. די פרוי האָט געלאכט מיט אבגעהאקטע געלעכטערלעך און זיך גע־בויגען אין זאטעל, דער טאטער איז זיך געזעסען א מאיעסטעטיש רו־היגער, א זעלבסטצופריעדענער. זיי האָבען זיך פארבייגעטראגען און זיך אויסגעמישט מיט דער דונקעלקייט.

און מעכאניש איז מיזשויעוו׳ס געדאנק נאָכגעלאָפען אט דער פרוי: א סך פון איהר סאָרט זיינען איהם נאָהענט געווען. אין דעם נעבעל, וואס פערלירט זיך ווייט אין דער פערגאנגענהייט, ציהען זיך אוועק אין איין לאנגע קייט: פונקט אזעלכע פערפיהרערישע, רעטזעל־האפטע אויגען, ווי ביי מכשפ׳טעס, געטאָקטע אָרימס, קיילעכ־דיגע ברוסטען, דינע טאליעס און שטראָמע היפטען, ווי ביי א יונגער קליאטשע. זיי פלעגען זיך איהם געבען לייכט אין די הענט אריין, האָ־בען נור געקאָסט אביסעל מעהר אָדער ווענינגער, מיט פערמאכטע אויגען האָבען זיי זיך געוואָרפען אונטער׳ן גאָלדענעם רעגען, אונטער וועלכען זיי פלעגען אויפבליהען און בעקומען אזא גלאטע, גלאנציגע הויט, ווי גוט אבגעקארמעטע חיות.

און לאנג האָבען זיי שוין אויפגעהערט צו בעשיינען מיזשויעוו׳ס לעבען; עס האָבען איהם שוין לאנג ניט געפרעהט ניט די קיילעכדיגע בריסט, ניט די סאמעטענע לייבער און ניט די אויפציטערנדע אין יסורים פון תאוה שנעע־ווייסע פיס; ער בלייבט איצט אלע מאָל איינס און דערזעלביגער — אן איינזאמער, זוכענדער, בענקענדער.

מיזשויעוו איז ווייטער געגאנגען און קוועלענדע געדאנקען האָ־בען ווידער גענומען זיך אבפּלאָנטערן פון דעם גרויסען אנגעפּלאָנטער־טען קנויל.

און איהם אנטקעגען האָבען זיך א שאָט געטהאָן פון האפען אלערליי עקיפּאזשען, ווי זיי וואָלטען ערגעץ א וואנד דורכגעבראָכען. וואָס איז זיי געשטאנען אין וועג. עס האָבען זיך גענומען פארבייטראָ־גען פנימער, היט, שאכטלען און בעשלאָגענע קאסטענס; פלעגען

אויפבליצען און פערשווינדען אונבעקאנטע, פרעמדע אויגען. די דאמ־בע, ווי א לעבעדיגע, האט גענומען ברומען און ציטערן אונטער דעם אונאויפהערליכען רודערן פון די רעדער. מיזשויעוו האט מיט א ווידער־געפיהל געקוקט אויף זיי.

וויפיעל זיי זיינען דאס דא!... און ווער האט זיי אנגעפלאדע־וועט!... און צו וואס!... האט ער מיט עקעל געטראכט. אין איהם האט זיך פארגעשטעלט א ריעזיגע, שמוציגע בויך, אויפגעבלאזען ביז דעם הימעל פון אן אייביגען שווערען טראגען, און פון דארט, קיינער ווייס ניט צו וואס, קריכען, פויזענען, שיטען זיך און קרעמפען זיך ארויס מיליאנען מיאוסקייטען, אזעלכע איבעלדיגע און איבעריגע, אונ־אינטערעסאנטע בעשעפעניסען.

א דונערנדער געדודער, ווי פון לאווע, וואס פאלט פון די בערג, האט אויפגעטרייסעלט די דאמבע, וואס האט זיך געצויגען אין דער לייננג פון ים־ברעג, אבער באלד איז עס אנשטומט געווארען אין ד ווייטע שטאדטישע גאסען. עקיפאזשען זיינען שוין געפאהרען אלץ זעלטענער, און ווידער האט מען געקענט הערען, ווי דאס וואלט געווען ווייט אויס'ן שטאדט, אויף א וויסטען ברעג, דאס גלייכמעסיגע, פערטראכטע אטעמען פון ים. מיזשויעוו איז ווידער צוגעקומען צום ענד פון דער דאמבע, דארט וואו עס האט זיך געלויכטען א קאפע הויז, פול אנגעפאקט מיט רויט־קעפיגע, געוואלדעווענדע טערקען, און ער האט זיך אומגעקעהרט צוריק.

נעהענטער צום שטאדט־גארטען האבען זיך אנגעטראפען גע־וועהנליכע שפאציערער. עס איז דורכגעגאנגען אן אפיציער מיט א יונ־גער דאמעלע, וועלכע האט געוויעגט אהין און אהער איהרע בויג־זאמע שלאנק־בעצויגענע היפטען; צוויי דריי אבגעפרעסענע הערען זיינען דורך, מיט בלוטיג־פייערינגע ציגארען אין מויל. דערנאך איז אנגעלאפען א קלינגענדע כאפטע פריילינס, וועלכע האבען מיזשויעוו'ן פערטויבט מיט זייערע געלעכטערס און געשרייען, און וועלכע האַ־בען אויף איהם א וועה געטהאן מיט דעם פיינעם אראמאט פון פאר־פיומען און מיט דעם לייכטען ווינט פון זייערע קליידער. צולעצט האט זיך איהם בעגעגענט דער אלטיטשקער גענעראל מיט די שמאלע באקען־בערד און ברייטע רויטע הויזען־פאסען. מיט איהם איז געווען א יונג מיידעלע, גאר א נישקשה'דיג פנים'על. זי האט זיך געוואר־פען אין די אויגען מיט דער צארטער רויטליכקייט פון איהרע באַ־

קען און דער שטרענגער, צניעה'דיגער גימנאַזיסטישער פאַרמע.

ווען ער האָט דערזעהן מיזשויעוו'ן, האָט דער גענעראַל גענומען איילען איהם אנטקעגען, נאָכשלעפּענדיג דאָס רעכטע פיסעל, און נאָך פון דער ווייטענס האָט ער געשמייכעלט און זיך גענייגט. געוועהנליך פלעגט ער מורא האָבען פאַר מיזשויעוו'ן און פלעגט ניט צוגעהן, ווען יענער איז געווען אליין, — נאָר איצט האָט זיך איהם אזוי פערוואָלט אויספיינען זיך פאַר דער טאָכטער דערמיט, וואָס ער קען זיך מיט א מיליאָנער, אז ער האָט זיך ענטשלאָסען. זיינע אויגען האָבען אויפגע־שיינט מיט א קליינטשינקען נאַאיווען שטאָלץ, און מיט א נאַאיווען שטאָלץ האָט אויך געקלונגען זיין קול'כעל, ווען ער האָט פאַמיליערער, וויפיעל עס איז נויטיג געווען, ארויסגערעדט:

— אה, פעדאָר איוואַנאָוויטש!.. שפּאַציערט?... וואָס מאַכט מען?

— דאַנקע! — האָט מיזשויעוו געענטפערט פריינדליך, אבער אויך מיט גדלות. דאָס איז ארויסגעקומען אונגערן און ער האָט עס אליין ניט בעמערקט. ער האָט נאָכלעסיג אויפגעהויבען דעם הוט.

— ערלויבט פאָרצושטעלען — האָט דער אלטעטשקער גערעדט און עס האָט איהם אנגענומען א מורא, שוין ניט פאַר מיזשויעוו'ן, נור פאַר גאָר עפּעס אנדערש, — דאָס איז מיין טאָכטער... ניו־ראַטשקא.

מיזשויעוו האָט א דריק געטהאָן דאָס וואַרימע, ציטעריגע הענ־טעל. זי איז די גאַנצע געווען א וואַרימע און א ציטערענדע. ווי אַן ערשטע פריהלינגסטאָג. און ווען זי האָט אויפגעהויבען אויף מי־זשויעוו'ן איהרע פייכטע טונקעלע אויגען, האָט ער איהר ניט ווי־לענדיג צוגעשמייכעלט, און זי האָט איהם אנטקעגענגעשמייכעלט.

ווייטער איז מען אוועק זאַלבע־דריט. דער גענעראַל האָט זיך גע'בריה'ט און געפּלוידערט אין דער וועלט אריין, דאָס האָט ער געוואָלט צוגעהען מיט זיין טעכטערל, וועלכע האָט זיך אביסעלע פערלאָרען, און אויך ווייזען איהר, אז ער איז מיט'ן מיליאָנער מעשה גוטער ברודער. פון אָנהויב איז ער שוין אפילו געווען צו גוט־ברידעריש און נאָך זעהר א ניט געלונגענעם שפּאַס האָט ער געמאַכט א פערזוך לייכט א נעהם צו טהאָן מיזשויעוו'ן ביי דער טאַליע, אבער ער האָט זיך אין צייט געכאַפּט. די פאַמיליאַריטעט איז מיזשויעוו'ן ניט געפעלען און ער איז געוואָרען קאַלטליך.

דאָס מיידעל האָט זיך אַלץ געריוויטעלט און אויף מיזשויעוו'ן זיט געקוקט. ער האָט נור געזעהן איהר קליין אייערל, א פּוכיגען לאָק האָר און דעם ביז גאר פיינעם שניט פון איהר ראזעווע בעקעל. זי איז געגאנגען מיט אן אראָבגעלאזטען קאָפּ, ווי זי וואלט זיך פאר עפּעס געשעהמט, און איהרע קנאפּעלאך האָבען געקלאפּט פּארזיכטיג און אונזיכער. ווען דער גענעראל פלעגט מאכען א בעזונדער ניט גע־לונגענעם וויץ, פלעגט זי נאָך נידריגער איינבויגען דעם קאָפּ און די באק פלעגט ביי איהר נעהמען ברענען. מיזשויעוו האָט אינסטינקטיוו געזוכט איהר אויפצומונטערן, און ער האָט געלאזט פאלען עפּעס קאָ־מישעס, און דאָ האָט דאָס מיידעל פעררייסען דעם קאָפּ, ארויסגעשטעלט פאראויס איהר ווייכע, ווי א קישעלע, גאמבעטשקע און זיך צולאכט. מיזשויעוו האָט א קוק געטהאָן אויף דער גאמבעטשקע: אזוי פיין אבגערונדעט, אזוי צארט, אז עס האָט זיך געדוכט, ווען מען ריהרט עס אן מיט'ן פינגער, וועט מען שפּירען בלויז ווארימקייט. און ער האָט שוין ווייטער גענומען ריידען פריינדליכעס און קאָמישעס, כדי דאָס מיידעלע זאָל לאכען.

איהר לאכען איז געווען מאָרנע וואונדערליך, זיך אויף אמאָל צוקלונגען און איבערגעריסען; דערנאָך א קוק געטהאָן געראד פאר זיך מיט איהרע טונקעלע אויגען, פערלעגען א שמייכעל געטהאָן און גע־ווארען ערנסט ביז גאר.

און גלייך ווי זי האָט זיך צולאכט צום ערשטען מאָל, איז מי־זשיועוו'ן פרעהליך געוואָרען און דאָס פּאָרל האָט איהם גענומען גע־פעלען — אי די פרוי - מיידעלע, אי דער גוטיטשקער, שרעקעדיגער גענעראל, מיט זיינע ברייט רויטע פאסען און אונגעלונגענע וויצען, אויך דאָס איז איהם געפעלען, וואס דער אלטיטשקער האָט איהר גע־רופען: „קינדעלע“ און זי איהם „פּאַפּעלע“. דאס איז געווען נאאיוו און גוט.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דעם סקווער, וואו דער בלויער האלב־דונקעל איז שוין געווען גאנץ געדיכטליך. דאָרט האָבען שוין זיך ארומגעבלאָנקעט פּארלאך, מיט זייער שטילען שעפּטשען און גע־היימניספולען לאכען. אזא לייכטקייט האָט זיך אראבגעלאזען אויף מיזשויעוו'ן ווי גאר מיט יאהרען צוריק, און ער איז געוואָרען גוטהער־ציג, בערעדעווריג, אויפגעלעגט. גענומען דערצעהלען וועגען זיינע אויסלענדישע רייזען, הומאָריסטיש פארגעשטעלט ווי אזוי ער איז גע־

שטאַנען אויפ'ן שפּיץ פון דער כעאָפּס־פּיראַמידע, און דערנאָך, אום נאָך נעהענטער צוצוקומען צו דעם מיידעל, האָט ער גענומען דער־צעהלען וועגען זיינע גימנאזיסטישע יאהרען.

— וואס, איהר האָט גאר אין גימנאזיע געלערנט? — האָט דער גענעראל זיך עפּעס פערוואונדערט.

— יא, מען האָט אונז ערצויגען איינפאך און נאָך דערצו האָבען מיר דאמאלס געלעבט אונטער בעשיידענערע אומשטענדען.

מיזשויעוו איז אויף א ווײַלע אנטשוויגען געוואָרען, ארויסגע־רופען אין זיך א פערגעסענע בילד פון יענע יאָהרען און זיך צולאכט.

— האָבען מיר דאס אביסעל געהאט משוגעים צווישען אונזערע לעהרער!

— מיר האָבען אויך געהאט... — האָט דאס מיידעל זיך אָב־גערופען.

— ווי געהאט?... זייט איהר שוין מעהר ניט אין גימנאזיע?— האָט מיזשויעוו געפרעגט און אנגעקוקט איהר מיט א שמייכעל. עס איז איהם אנגענעהם געווען צו ערפאהרען, אז זי איז שוין אויך א „דערוואקסענע".

— ניין, איך האָב שוין געענדיגט... לאנג צוריק... — האָט דאס מיידעל שטיל געענטפערט.

— וואס, רעדט זי לאנג! — האָט דער גענעראל מיט ליעבע זיך צולאכט, — סך הכל דריי מאָנאט!

— און מיר דוכט זיך, אז גאט ווייס, וויפיעל צייט עס איז שוין אוועק — האָט דאס מיידעל נאָך שטילער זיך אבגערופען, און שוין גאר אין א שעפּטשענדען טאָן האָט זי צוגעגעבען: וויפיעל וואסערן זיי־נען שוין פערפלאָסען.

— גאָר אזוי! — האָט מיט קאָמישען ערנסט מיזשויעוו אויס־געשריען און איהם האָט זיך פערוואלט פשוט א נעהם טהאָן דאס מיידעלע און א קוש טהאָן אין בעקעל. אזוי גוט, רייז און זאפטיג א קוש טהאָן.

ער האָט זיך אויפמערקזאמער צוגעקוקט צו איהר און ער האָט דערזעהן, אז זי איז איהם פריהער פארגעקומען אינגער, ווי זי איז אויף צו אמת'ן. פון דער זייט האָט ער געזעהן דעם ווייכען שניט פון איהר ברוסט; דער אקסעל, וואס נאָהענט צו איהם, איז געווען רונדליך, און דער ארבעל האָט שטייף ארומגעכאפּט איהר ארם.

— נו, און איצט?... אויף קורסען? — האט ער ווארים גע־פרענט.

— איך ווייס ניט... — האט זי שטיל, שטיל ארויסגערעדט און די גאנצע זיך איינגעצויגען.

דער גענעראל האט א הוסט געטהאן און אין פערלעגענהייט זיך גענומען גלעטען די באקען־בערד.

א מינוט צייט האט געהערשט א שווייגען, און מיזשויעוו האט דערפיהלט, אז ער האט דא אנגעריהרט אן אנגעוועהטאגטען ארט. איהם האט אנגענומען א רחמנות און א פרעהליכער געדאנק איז ביי איהם געבארען געווארען, אז ער קען דאס אלץ גוטמאכען. אבער זא־גען עס האט ניט געפאסט, און אום איבערצורייסען דאס שווייגען און אום דאס מיידעל אויפצומונטערן, האט ער ווידער אנגעהויבען וועגען זיינע לעהרער.

— איך געדענק א לעהרער פון מאטעמאטיק... אזא דיקער, וויכ־טיגער, ווי א דירעקטאר פון א מיניסטערשער קאנצעלאריע. די גאנצע שטונדע, וואס ער איז ביי אונז אין קלאס, האלט ער אין איין געהען פון ווינקעל צו ווינקעל און פרעדיגט אונז זיין פילאזאפיע, וואס בעשטעהט פון איין פראזע, געהט זיך אזוי פון ווינקעל צו ווינ־קעל, דרעהט מיט די פינגער פאר'ן בויך און רעדט וויכטיג איבער וויכטיג: פארהאן פילא־זאפען... פארהאן הארי־פאשניקעס... און פאר־האן ליעבלינגע פון שיקזאל!

— איך, פעדאר איוואנאוויטש, האט ער אודאי צוגערעכענט צו די ליעבלינגע פון שיקזאל! — איז דער גענעראל זיך פערגאנגען אין א חניפה'דיגען געלעכטער און אזש אונטערגעטאנצט.

—יא... אלענפאלס, צו די הארעפאשניקעס וואלט שווער געוועזען מיך צוצורעכנען..

— און צו די פילאזאפען? — האט דאס מיידעל שעלמיש א פרעג געטהאן און גלייך זיך פערשעהמט.

מיזשויעוו האט זיך צולאכט און ווידער דערשפירט א פערלאנג איהר ארומצונעהמען און א קוש צו טהאן, און דוקא אין בעקעל און זאפטיג א קוש טהאן.

אבער דאס מיידעל איז שוין ווידער געוועזען פארבעהאלטען אין

זיך. מיט לייבטען אומעט האָט געוועהט פון איהר איידעליטשקער געשטאַלט.

— יא... — האָט מיזשויעוו ווידער גענומען איילענדיג דערצעה־לען; איהם האָט זיך ניט אנדערש פערוואלט, אז זי זאָל ניט זיין אזא שווייגעדיגע און אומעטיגע, — און געוועזן איז ביי אונז א לעהרער פון געאָגראַפיע... א הויכער, מאגערער, ווי א שטעקען, און גערופען האָבען מיר איהם „מאַקאַראָן“. יענער פלעגט אליץ וועלען פערבילד־ליכען דאָס זונען־סיסטעם אין פערזאָנען: אליין פלעגט ער פארשטע־לען די זון, מיר פלעגט ער א נאָמען געבען די ערד, און א קליין אי־דעלע—די לבנה א. אז. וו. די זון פלעגט זיך אוועקזעצען מיט די פיס אונטער זיך אין מיטען קלאַס און לאנגזאם זיך נעהמען דרעהען, די ערד איז געלאָפען ארום דער זון און די לבנה פלעגט זיך טראגען אהן אטעם ארום דער ערד... פון אָנפאנג איז אליץ געגאנגען, ווי עס בעדארף צו זיין. דערנאָך אבער פלעגט זיך אליץ פערפלאָנטערן, און עס פלעגט פארקומען א וועלט־קאטאסטראָפע: די לבנה פלעגט ארויספליהען אויף דער ערד, מארס פלעגט טרעפען מיט'ן קאָפּ יופּי־טער'ן אין בויך, און אָט די מאיעסטעטישע פּלאַנעט פלעגט אין מי־טען דערינען זיך אוועקזעצען אויף דער זון, און עס פלעגט ווערן א תוהו ובוהו!

דאָס מיידעל האָט פּלוצים פערוואָרפען דעם קאָפּ און זיך צו־קלונגען מיט אזא זארגלאָזען געלעכטער, אז מיזשויעוו איז אָנגעקוואַ־לען פון פרייד. און איהם האָט זיך שרעקליך פערוואלט, אז זי זאָל ווייטער לאַכען, און ער האָט גענומען ארויספּלוידערן אליץ, וואָס איז איהם נור געקומען אין קאָפּ אריין. און כאָטש אליץ, וואס ער האָט דערצעהלט, איז געוועזן גאַלע נארישקייטען, נור געפלאפּעלט האָט ער מיט אזא נאַטירליכען קאָמיזם, אז עס איז ווירקליך געוועזן צום לאַ־כען. דאָס צורויטעלטע מיידעל האָט שוין געלאַכט יעדע ווייַלע, פער־וואָרפענדיג דעם קאָפּ און ארויסשטעלענדיג איהר ליעבע גאָמבעטש־קע. דער גענעראַל ווידער האָט זיך דערלאַכט ביז טרעהרען און די פארבייגעהער פלעגען זיך אבשטעלען קוקען אויף דער לאַכעדיגער גרופּע.

— איך האָב געקענט א דיאַקאָן אין סאַמאַרא... א שיכור פון די אמת'ע שכורים!... פלעגט מען קומען צו איהם ער זאָל געהן אבריכטען א וואַסער עס איז הייליגע צערעמאָניע, פלעגט ארויסגעהן דאָס ווייב

זיינס און איבערגעבען בסוד: „דער פאטער דיאקאן קען אייך ניט אויפנעהמען!" — „וואס איז? ער איז אין דער הויכער מדרגה?" — „יא, אין דער הויכער מדרגה", פלעגט זי ענטפערן און אנווייזען אויפ'ן קאפ, „אזוי!" און דער בעזוכער פלעגט עס אננעהמען פאר א גאנץ גוטען תירוץ און אוועקגעהן מיט אן ערנסטע מינע.

— איז דער הויכער מדרגה! — האט דאס מיידעל זיך געקייכט און האט שוין געקוקט מיזשויעוו'ן גלייך אין פנים אריין, מיט אזא אויסדרוק, אקוראט ווי זי וואלט ערווארט פון איהם נאך דאס זאמע קאמישסטע.

און דער גענעראל איז נאכגעגאנגען פון הינטען, אונטערגעהונקען און געשוויגען. אנטשוויגען געווארען איז ער גאר פלוצלונג, א מין שווערער געדאנק האט זיך אוועקגעלעגט אויף זיין איינגעשרומפען פנים'על. מיט אמאל איז איהם אויפגעפאלען זיין טאכטערס אונער־ווארטעטע פרעהליכקייט און מיזשועוו'ס שוין צו הארציגע איינפאכ־קייט און ער האט זיך דערשראקען. און אין דער סאמע טיעפעניש פון זיין נשמה האט זיך א ריהר געטהאן א טונקעלער חשד. ער האט איהם נאך ניט געקענט אויסדריקען אין ווערטער, נור דאס איז געווען א ציטערדיגע, אהנמעכטיגע מורא פאר זיין צארט ריין מיידעלע.

— די רייכע לייט... — איז איהם דורכגעפלויגען דורכ'ן קאפ,— וואס פאר א בעטרעף ביי זיי.

איהם האט זיך גאנץ קלאר פארגעשטעלט, וואס מיזשויעוו קען טהאן מיט זיין קליין מיידעלע, אבער דאס איז געווען אזוי שוידערליך, אז דער גענעראל האט אפילו מורא געהאט צו טראכטען וועגען דעם. ער האט דאס ניט געקענט בענעהמען מיט'ן געדאנק, אז זי זיין מיי־דעלע זאל אויסגעטהאן ווערן נאקעט און געשענדעט ווערן.

— ניוראטשקא!... אפשר צייט א היים... — האט ער אונגע־שיקט זיך אריינגעמישט אין זייער געשפרעך.

דאס מיידעל האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט.

— נאך פריה, פאפעלע!

דער גענעראל א צומישטער האט עפעס געגומען רעדען אונטער'ן נאז. דאס פנים'על איז ביי איהם געווען רויט, און די אויגעלאך האבען זיך זינלאז געווארפען. מיזשויעוו האט זיך אויך אומגעקוקט צו איהם און אויף די ווייטסטע און פיינסטע הינטערוועגען פון געדאנק איז ער צוגעקומען צום אלטיטשקענס בעהאלטענעם שרעק. עפעס שווערעס,

לאנגאַניגעס האָט זיך אין איהם א ריהר געטהאָן. צוערשט האָט עס איהם א שטאָך געטהאָן, אבער פּלוצלונג האָט א געהיימער שארפער געדאנק א בלישצע געטהאָן אין דער טונקעלער טיעפעניש פון זיין נשמה: געבען געלד, אוועקפיהרען אויף קורסען... אין אונגלייכע שפּרונגען, ווי בליצען, האָבען א גלאַנץ געטהאָן פאר זיינע אויגען א בלענענדער, יונגער, צום ערשטען מאָל נאקעטער קערפּער, א ציטערנ־דער נאאיווער אויסברוך פון דער נאָך אונערפאהרענע ליידענשאפט... דערנאָך א ווילדער פּייעריגער צוזאמענגוס. ער האָט געגען זיין ווילען, פון אן א זייט א קוק געטהאָן אויף דאָס מיידעל, און איהם האָט זיך אבגערוכט, אז זי שטעהט שוין א נאקעטע, און ער זעהט איהרע רונדע נאקעטע ארעמס, קליינטשינגע שטייפע בריסטלאך, ווייכע גרייזעלאך האָר אויף איהר נאקעטען אקסעל. א הייסע כוואליע האָט איהם א זעץ געטהאָן אין קאָפּ, אבער מיזשויעוו איז תיכף געקומען צו זיך.

דאָס מיידעל האָט געקוקט אויף איהם און עפּעס געפרעגט.

— יא — האָט מיזשויעוו אבגעענטפערט, און ער האָט שטארק זיך דערפרעהט, וואס דאָס וויסטע בילד איז פערשוואונדען. איהם האָט זיך שרעקליך פערוואלט צוצושטרייען דעם חשד, וואס דער אל־טיטשקער, — ווי ער, מיזשויעוו, האָט זיך אנגעשטויסען — טראָגט אין הארצען. ער וועט ווערן א פשוט'ער, פריינדליכער, זייער גלייכען.

„ער איז דאָך גערעכט, וואָס ער האָט מורא פאר מיר, — האָט ער מיט וועהטאָג געטראכט — אבער איך בין גיט שולדיג... יעדער אויף מיין פּלאַץ וואלט אזוי געהאנדעלט. איז וואס...“

מיט געוואלטיגער אנשטריינגונג האָט מיזשויעוו אבגעטריבען דעם גיערינגען, הערשערישען געדאנק, וואס האָט זיך ווידער גערוקט אויף איהם, און עס האָט איהם געגומען אזוי באנג טהאָן, ביז צו פערצווייפעלט ווערן, וואס ער איז אזוי אהגמעכטיג געגען יענער מאכט.

און ארייגטהוענדיג זיך אין אַט דער שטימונג פון צער איבער זיך און הארציגע חרטה געגען אַט דעם ריין, צארט מיידעלע, האָט מי־זשויעוו ווארט פאר ווארט געגומען דערצעהלען איהר וועגען זיין לעבען.

— איהר זייט א גליקליכער, — האָט ניוראטשקא נאאיוו גע־פּיפּצעט.

— איהר קענט אומעטום זיין, אלץ זעהן, אלץ דערגעהן!... אַט מיר, זיינען צום ערשטען מאל אין יאלטא און עס קומט אונז פאר, ווי אין גן עדן.

— גליק איז ניט דעריין — האָט מיזשויעוו טרויריג איהר אבגע־ווינקט — לעבען קענען אומעטום; מענשען לעבען דאך נעבען צפון־פּאָל, אויף קאמטשאטקא, אין סאכארא און אין די פינסקער בלאָ־טעס... און די מענשען, וואס לעבען דארט, דערהויבען זיך אפילו ביז צו אן אייגענארטיגער פּאָעזיע. מען קען לעבען אָהן פּאלמען, אָהן וואַ־רימקייט, אָהן גרויסע שטעדט. דאָס איז אלץ א קליינינקייט... בלויז פאָרמע. אבער אָהן איינם קען א מענש ניט לעבען: אָהן מענשען. אין איינזאמקייט ווערט דער מענש פערטעמפּט, פער'חלש'ט, ווערט אָהנ־מעכטיג, איבריג.

— און מיר דוכט זיך, אז איך וואלט געלעבט איינע אליין אפילו אין מדבר, ניט מיר נור בלומען, פויגעל, ים...

— דאָס דוכט זיך נאָר אזוי — האָט מיזשויעוו גוטמוטיג א שמייכעל געטהאָן — דער מענש בעזיצט קאמפּליצירטע און טיפע געפיהלען... און ארום איהם מוז זיין עפּעס קאָמפּליצירטעס, פיינעס, טיפעס... מיט הימעל, בוימער, ימים קען מען א נשמה ניט לעבעדיג מאכען... וויפיעל דו זאָלסט ניט פאהרען, וויפיעל דו זאלסט ניט קו־קען...

— ריכטיג. אבער איהר מוזט, מסתמא, שטענדיג האָבען ארום זיך מענשען, וויפיעל איהר ווילט נור אליין... איהר קענט דאך אזוי פיעל גוטס טהאָן, — האָט דאס מיידעל בעמערקט ניט דרייסט, און איידער ער האָט נאָך בעוויזען צו ענטפערן, האָט דאָס מיידעל דער־פיהלט, אז עס האָט איהר עפּעס א דריק געטהאָן ביים הארצען.

ביי מיזשויעוו'ן האָבען זיך די ליפּען א האָרעלע פערקרימט און זי האָט פּלוצים דערזעהן איהם אזא גרויסען, שווערען און קראנקען.

—אה — האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען מיט ביטערנים, — גוטס !... ווען יעדער איינער, וועלכער קומט צו צו דיר. קומט נאָר נאָך אָט דעם גוטס...

— ניט יעדער דאך — האָט דאס מיידעל האסטיג זיך אבגעענטפען ־מאָדנע רחמנות'דיג.

מיזשויעוו האָט אַבגעשוויגען עס איז איהם געוואָרען קאַלעמוטנע אויף דער נשמה: עס האָט געגומען שרעקליך פערדריסען, וואָס ער רעדט ווענען דעם פּאַר אַ קליין מיידעלע, עפּענט פאַר איהר זיין האַרץ. אַ קאַלטער שטאָלץ האָט זיך געלעגט אויף זיינע ליפּען, דאָך אונטער דעם שטאָלץ איז געווען נאָך אַ געפיהל: כאָטש איינמאָל זיך ארויסזאָגען. פּראָסט און פּשוט, און מעג עס אפילו איהם ניט אָנשטעהן, און דאָס צווייטע געפיהל האָט ביינעקומען.

— אפשר טאָקע ניט יעדער, — האָט ער זיך אָנגעטהאָן אַ כוח צו ריידען — אבער ווען מענשען קומען נור כדי געלד צו נעהמען, און ווען אפילו עס קומט איינער, גלאַט, מיט אַן אָפען האַרץ, דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אנשטעל, אַז אין דער טיעפעניש פון זיין האַרץ גאַרט ער נאָך געלד. און דו ביזט שוין אויף דער וואָך... אָפּט, ווערסטו אַזוי אויפגעקאַכט, אַז דו נעהמסט אַליין אַבשטויסען, ווערסט גראָב, האַרצלאָז... דאָס איז אַזוי פּיינליך, בנאמנות!

מיזשויעוו'ס קול האָט דאָ אַ ציטער געטהאָן, ווידער האָבען זיך ביי איהם די ליפּען פערקרימט און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. עס איז געוואָרען אַזוי שטיל אַרום, און דאָס רוישען פון ים האָט געקלונגען אין דעם מיידעלס אויערן אַזוי טרויריג, פער'יתום'ט. זי האָט זיך פערטראַכט און טויזענדער צערטליכע, האַרציגע ווערטער זיינען איהר געקומען אויפ'ן זין. פון גרונד פון איהר מיידעליש־נאַאיוועער נשמה האָט אַ שלאָג געטהאָן מיט מוטערליכער צערטליכקייט און זי האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם טרייסטען, לאַסצען.

דער גענעראַל האָט אַ פערוואונדערטער געקוקט פון הינטען אויף מיזשויעוו'ס הויכען, ברייטען רוקען, מיט די איינגעצויגענע שולטערן. צוערשט האָט ער איהם ניט געגלויבט, זיין טונקעלער שרעק האָט זיך נאָך פערשטאַרקט: איהם איז פאַרגעקומען, אַז מיזשויעוו פערשטעלט זיך פאַר אַן אונגליקליכען, בכיון צוליעב ניוראַטשקאַ'ן. דערנאָך אבער האָט דער אַלטיטשקער זיך פערשעהמט פאַר זיין גע־דאַנק און ער איז בעהערשט געוואָרען פון אַ פאַטערליך געפיהל פון רחמנות.

— מיר דוכט זיך... — האָט דאָס מיידעל שטיל אַנגעהויבען.

אבער דער אויסברוך איז שוין געווען פאַרביי. דער קאַלטער שטאָלץ האָט גובר געווען. מיזשויעוו האָט שוין חרטה געהאָט אויף

זיין אפענהערציגקייט פאר אזעלכע, אין גרונד גענומען, נישטיגע מענשעלאך, ווי עפּעס אַן אינוואליד א גענעראל און זיין טאָכטער די גימנאזיסטקע, וועלכע ער קען קויפען. ער האָט זיך אליין געפּיינינגט מיט דעם געדאנק, פערשטאַנען, אז ער איז גראב, אונגערעכט, אבער דאָך האָט ער ארויפגעצויגען אויף זיך א גדלות.

— ניין, דאָס אלץ איז הוילע נארישקייטען... — האָט ער קאלט איבערגעשלאָגען און גענומען רעדען וועגען אונכויטיגע, אונאינטע־רעסאנטע זאכען.

דאָס מיידעל האָט געווארפען אויף איהם א האסטיגען בליק. אויף מיזשויעוס אונבעוועגליכען פּנים איז געהאנגען א פערגליווער־טער עקעל. זי איז אויף אמאָל בלייך געוואָרען, זיך אויסגעגלייכט און גענומען קוקען גערוד פאר זיך און די פינגער האָבען איהר געצי־טערט פון דער געהיימער, אבער שווערער בעליידיגונג, ווי עמיצער וואלט איהר אויסגעטהאָן און אויסגעלאכט, ווי עמיצער וואלט אויס־געשפּאָט דאָס, וואס זי האָט אויפגעדעקט מיט א ריינער און עהרלי־כער כונה.

דער גענעראל האָט פּרובירט טרייסטען מיזשויעוו'ן, אבער זיינע ווערטער האָבען אזוי ניט געקלעפּט, אזוי ניט אם פּלאץ געווען, אז ער איז אליין צומישט געווארען און פערקראכען אין בויבעריק.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג פון דער דאמבע, איז שוין געוואָרען גאר אונבעקוועם, ווי אויסגעליידיגט וואָלטען געוואָרען אלע רייד. עס האָט זיך דערפיהלט, אז עס איז צייט זיך פונאנדערצו־געהן. דער גענעראל האָט זיך אויסגעשלאָגען פון די כוחות און, ניט ווייסענדיג ווי צו ענדיגען, האָט ער זיך געקוועטשט, און געשטאָמעלט, און געטראמפּעלט אויף אַן אָרט. ער האָט געבאלעבאטשעט שוין גאר אונאינטערעסאנטע זאכען וועגען אבענד, ים און דאָס לעבען אין יאלטא. מיזשויעוו האָט געשוויגען און פון צייט צו צייט איהם אבגע־פּטר'ט, ניט שענקענדיג איהם אפילו קיין בליק, מיט:

— יא, געוויס...

— זעהט איהר, פעדאר איוואנאָוויטש... — האָט דער גענעראל ווידער אָנגעהויבען, נור דאָ האָט די טאָכטער איהם א ציה געטהאָן ביים ארבעל און, ניט קוקענדיג אין זיין זייט, האָט זי שטיל, אבער פעסט ארויסגערעדט:

— צייט א היים, פּאפּעלע... מיר איז קאלט.

— באלד, באלד, קינדעלע... — האָט דער גענעראַל זיך דער־פרעהט און גענומען זיך איילען — נו, צום ווידערזעהן, פעדאר אי־וואנאָוויטש, צום ווידערזעהן...

ער האָט לאנג געדריקט מיזשויעוו'ס האנד, געפיהלט, אז עפּעס פעהלט, און זיך ניט געקענט ענטשליסען אוועקצוגעהן. דאָס מיידעל האָט געוואַרט א שווייגעדיגע, א בלייכע, א טרויעריגע, עס האָט איהר זועח געטהאָן דאָס הארץ אויף אלעמען — אויף זיך און אויפ'ן פאָ־טער און אויף מיזשויעוו'ן און אויך אויף דאָס גוטע, ליכטיגע, וואס איז געוועזן און אוועק, עס איז עפּעס א שאָד געוועזן און פערדראָסען אויף עמיצען ביז טרעהרען.

שוין ביים געזעגענען זיך, האָט זי קורץ און שוואך זיך צולאכט אויף דעם פאָטערס א בעמערקונג און ווידער אמאָל פערוואָרפען דאָס קעפּעל און געוויזען איהר צאַרטע, לויטערע גאָמבעטשקע.

און אין דער סאמע לעצטער מינוט איז א וואַרימקייט דורכגע־לאָפען דורך איהר הערצעל און זי האָט מיט א קלינגענדען קול א זאָג געטהאָן:

— פעדאר איוואנאָוויטש, קען מען אייך בעטען, איהר זאָלט אונז בעזוכען?

— דאנקע... — האָט מיזשויעוו קאַלט געענטפערט.

דאָס מיידעל איז וועהטאָגדיג רויט געוואָרען, די אויגען זיינען ביי איהר געוואָרען אזעלכע טרויעריג־פער'חידוש'טע.

דעם גאנצען וועג האָט זי געשוויגען און זיך צוגעהערט, ווי די נאָ־סע שטיינדלאך צישען און קנאקען אונטער די פיס. ווי זיי וואָלטען געוואָרענט פאַר עפּעס. זי האָט זיך געפיהלט צוטומעלט און צוטראָ־גען, ווי א גליק וואָלט זיך איבערגעריסען אום קיינמאָל ניט גאנץ צו ווערן. און שאַרפער פון אלץ און נאָך שטאַרקער, ווי פריהער, איז גע־ווען דער רחמנות אויף מיזשויעוו'ן.

פ י ע ר ט ע ס ק אַ פּ י ט ע ל.

די נאכט האָט אבגעטיילט דעם ים פון דער ערד, הינטער דער העל־בעלויכטענער שטיינערנער פאַרענצע פון דער דאמבע איז גע־שטאנען דער חושך, ווי א וואנד, און ווי פערשטעלט א וואונדערליך לעבען. דאָרט אין פינסטערן רוים האָט אָהן צווייפעל זיך עפּעס בע־וועגט און שווער געזיפצט און אויפגעפּלעסקעט, ווי קלאָגענדיג, און זיך געהויבען און געפאלען און ווידער זיך געהויבען. דאָרט ווייט אין

דעם חושך, וואס האט זיך צונויפגעגאסען מיט'ן שווארצען הימעל, דארם, בעהאלטען פון מענשליכען אויג איז אנגעגאנגען אונערמידליך אן אייביגער געהיימער קאמף, ווי מיליארדען ווזענס וואלטען זיך געאיילט אויסצונוצען דעם צודעק פון דער קורצער נאכט אום צו פער־ענדיגען אן אכזריות'דיגע פינסטערע ארבייט.

און די דאמבע, בעלויכטען פון די טויט־בלייכע פייערן פון די לאנטערנעס, איז געווען ווי אין פלען ביי דער דורכזיכטיגער, וואכענ־דיגער פוסטקייט. די בוימער זיינען געווען צונויפגעהעפט אין איין פינסטערע שטיק, בלויז ביי די סאמע פייערן האבען זיך געלויכטען איינצעלנע טויט גרינע פערגליווערטע בלעטער. צייטענווייז פלעגען פון ערגיץ וואו זיך דערטראגען דייטליכע טריט און פלוצלינג אין א ליכטקרייז פלעגט שארף ארויסטרעטען א שווארצער שאטען און גע־וואקסען, און זיך געצויגען און זיך איבערגעבויגען איבער דער פא־רענץ אין ים אריין, און פונקט אזוי פלוצלינג פערשווינדען אין חושך און אוועקטראגען אין דער ווייטקייט דייטליכע, אבער אלץ שטילער ווערענדע טריט.

מיזשויעוו איז געגאנגען אליין, און עס האט זיך איהם געדוכט, אז זיין קאפ איז געוואלטיג גרויס און זיין הארץ איז פוסט.

אונערמידליך האט דער ים גערוישט און זיך געגרעמט מיט זיין אייביגען גראם; איבער די בערג האבען שטום געברענט די גרויסע שטערן, און ביי מיזשויעוו'ן אויפ'ן הארצען איז געווען אזא געפיהל, ווי ער וואלט געשטאנען איבער א וועלט, וואו אלץ איז שוין לאנג אב־געשטארבען, אויף שטענדיג דאס לעבען זיך אבגעשטעלט, און דאס אויג זעהט נור טויטע שנעען־פעלדער און ווייטע שטערן, פערגליווער־טע אין קעלט פון אייביגען שווייגען.

א טויטער אומעט האט שטיל געגאגט אין דער נשמה, און עס איז געווען אלץ איינס וואוהין צו געהן און צו וואס צו געהן אין דער פוסט־קייט און שטום־שווייגען פון דער נאכט.

איין ליכטיגע ערינערונג האט נאך געלעבט אין איהם, צו די אויערן האט זיך ווי דערטראגען פון דער ווייטען א קלינגענדער געלעכטער. פאר'ן זכרון האבען זיך געוויזען: ליכטיגע האר, נאסע אויגען און א ווייכע, לויטערע גאמבעטשקע פון א לאכענדען פרויען־קעפעל, אבער די געדאנקען זיינען געלאפען פארביי איהר, געשווינד און ווייט אוועק, ווי וואלקענס פארביי דער לבנה אין א מוטנער ווינ־

טער נאַכט. זיי האָבען ניט קיין ציעל, קיין אָנהויב און קיין סוף און אומעטיג איז זייער רויכיגער טראַגענדער אימפּעט.

לאַנגזאַם און שווער, ווי אַ געפּעהרליך קראַנקער, פלעגט מיזשוי־עוו דערגעהן ביז צום ברעג פון דער דאַמבע, זיך אָבשטעלען און געהן צוריק און ער וואָלט מיט ווערטער ניט געקענט אויסדריקען ווענען וואָס ער טראַכט די גאַנצע צייט, עס זיינען ניט געוועזען קיין קלאָרע ווערטער, עס איז קיין געשטאַלט ניט געווען, צו ווערמען זיך צו ווענדען מיט אַ פּראָטעסט. נור עפּעס האָט געפּאָדערט די קראַנקע נשמה, עס האָט איהר געדריקט דאָס בעוואוסטזיין פון אַן אונפערשטענדליכער אונ־גערעכטיגקייט, וואָס קען שוין קיינמאָל ניט גוט געמאַכט ווערן. עס האָט זיך יאָ ערגעץ זיך געמאָלען אַ האסטיגע בעוועגונג, אַ בלענדענ־דער, לעבעדיגער אימפּעט, ווי מענשליכע ליעבע אדער מענשליכע פרייד. אָבער ארום איז געוועזען פּוסט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז ניט נור דאָ, אויף דער דאַמבע, נור אין לעבען בכלל קען ער נור פער־נעהמען איינס: געצעהלטע, הילכענדע, שווערע טריט, זיינע טריט... ציעללאָז קלאַפּט ער אָב און צעהלט די שטאַפּלען פון אַ טויטען, פאַר אַלעמען איבריגען וועג.

„צייט צו שטאַרבען!“ — האָט מיזשויעוו פּלוצלינג אַ טראַכט געטהאָן מיט אַ קרומען שמייכעל.

און אויף אַ רגע איז איהם געוואָרען לייכט און פריי, ווי דורך אָט דעם וואָרט וואָלט דער פאַרהאַנג אַראָבגעפאַלען פון דעם שווערען חושך און עס וואָלט זיך ארויסגעשטעלט, אַז דאָרט איז גאָר נישטאָ — לייד־ריג. און דורך דעם געפיהל פון ליידיגקייט איז ער דער גאַנצער גע־וואָרען לייכט און פריי, ווי ער וואָלט אויפגעהערט צו זיין מיזשויעוו, דער שווערער, פער'חושכ'טער, אריינגעלעבטער מענש. נור די רגע האָט פערבייגעשוועבט און אַלץ איז ווידער פערלאָשען געוואָרען אין איהם, ווי אַ פונק אין דער פינסטער געגען ווינד.

— ווען דאָס איינציגע, וואָס עס איז געבליבען, איז דער טויט— הייסט עס, אַז דאָס אַלץ איז אמת: אַז דאָס לעבען איז אויף צו אמת'ן עקעלהאַפט, זינלאָז, און אַז לעבען דאַרף מען ניט.

און איצט איז איהם אויף אַמאָל געוואָרען שווער, און עס האָט זיך איהם וויינען געוואָלט, און פאַלען צו דרערד מיט דעם פּנים אַראָב, און ליגען.

— אָבער וואָס איז מיט מיר איינענטליך?... בין איך קראַנק?

— האט מיזשויעוו א פערצווייפעלטער זיך געפרעגט, א שרעקליכע אונבעגרייפליכע שווערקייט האט איהם געשטיקט. — איך האב אלץ, וואס א מענש דארף, און נאך מעהר... טויזענדער מענשען וויג־שען זיך צו האבען א הונדערט חלק פון דעם, וואס איך האב... טרוימען וועגען דעם, ווי וועגען אן אונדערגרייכבארען גליק! מיין גאנץ קווע־לען זיך וועט יעדער איינער אנרופען משוגע פון וואוילטאג.. וואס זשע פעהלט מיר... וואס האב איך ניט געהאט...

אין איין אויגענבליק האבען זיך פאר מיזשויעוו'ן פארביינגעטרא־גען אין גלענצענדע רייהען — צעהנדליגע רייצענדע פרויען, טעא־טערן, ימים, שטעדט, בילדער, אויטאמאבילען, ציכטפערד... א גאנצע וועלט, פול קאלירען, ליכט, בעוועגונג, דאס פרעכטיגסטע, שעהנסטע, און אנגענעהמסטע, וואס די וועלט קען געבען... נור זיין איינען גע־שטאלט, קראנק און שווער איז געבליבען אן א זייט און אלץ האט זיך אוועקגעטראגען, און איז פערבלייכט געווארען, אלצדינג האט בעקומען א י י ן קלענגליך אויסזעהן, ווי א אבגעבליאקעוועטער גאלדבלעך.

— ניין, ניט דאס, ניט דאס!... טו וואס זשע?... — האט ער א פרעג געטהאן אין דער טיעפעניש פון זיין פערשטומטער נשמה. און פלוצלינג האט א כוואליע פון צארן, א צארן גלאט אין דער וועלט אריין, אויפגעטרייסעלט מיזשויעוו'ס גרויסען שווערען קערפער, און דורך א וואהנזיניגען וועהטאג, וואס האט אנגעהאלטען א י י ן אונענדליכען אויגענבליק, איז ער דורכגעפאלען אין א קאלטע הייהל, אין וועלכער עס איז שוין קיין זאך ניט געווען, נור אונענדליכע מיעד־קייט.

שטום, אהן געדאנקען, ווי אראבלאזענדיג זיך אלץ נידריגער און נידריגער, איז מיזשויעוו צוגעקומען צום ברעג פון דער דאמבע און דא האט ער בעמערקט, אז ער איז שוין פיעל מאל איהר דורכגעגאנגען הין און צוריק, ער האט זיך אומגעקעהרט און איז אריינגעפאלען אין העלען פאס ליכט, וואס דער רעסטאראן האט געווארפען איבער'ן וועג. מיזשויעוו איז אריבער די גאס און מעכאניש א ציה געטהאן די גרויסע שווערע טהיר.

„מען דארף גאר א בים טהאן... איך בין פשוט אבגעשוואכט..."

— האט ער גלייכגילטיג א טראכט געטהאן.

הינטער די שפיגעל־פענסטער האט געבליצט מיט צעהנדליגע פייערן, שווארצע פיגורען האבען זיך בעוועגט, די געצאקטע בלע־

טער פון די דעקאָראַטיווע פלאַנצען האָבען געשפּרינקעלט מיט גרינס און די געדעקטע טישלאַך האָבען געגאָסען מיט בלענדענדע ווייס פון באַרג־שנעע.

ווי נור מיזשויעוו האָט געעפענט די טהיר, האָט דער פּאָרטער אַראָבגעכאַפּט פון זיינע מאַסיווע שולטערן דעם פּאַלטאָ, און מיזשויעוו, נאָך דער שטילקייט פון דער נאַכט, איז ווי מבולבל געוואָרען פון דעם געפּילדער, וואָס האָט זיך געטראָגען פון אַלע זייטען — אַ געמיש פון קולות, געלעכטער און געקלינגעריי מיט גלעזער. מיזשויעוו׳ן האָט מען באַלד דערזעהן און דערקענט. דאָ און דאָרט האָט מען דורך דאָס געפּילדער געהערט זיין נאָמען אַרויסרעדען — איילענדיג, ווי אַ וואָרנונג. עטליכע פרויען פּנים׳ער האָבען איהם בעגלייט מיט נייגיעריגע בליקען, ווען ער האָט לאַנגזאַם זיך געמאַכט אַ וועג דורך די טישלאַך. ביים סאַמע בופעט האָט איהם אַ רוף געטהאָן זיינער אַ בעקאַנטער מאַסקווער ליטעראַט — אַפּאַלאָוו.

— פעדאָר איוואַנאָוויטש! — האָט ער אויסגעשריען מיט התפעלות און ער האָט זיך אויפגעהויבען איהם אַנטקעגען. זיין פּנים, אין דינע, פיינע שטריכען, מיט מאָדנע שמאָלע אויגען, ווי ביי אַ יאַפּאַנעזישע ליאַלקע, האָט זיך צושמייכעלט און אויסגעדריקט האַרציגע פרייד און גוט פריינדשאַפט — פעדאָר איוואַנאָוויטש, — זעצט זיך צו אונז!... קעלנער, דערלאַנגט אַ שטוהל.

ביים טיש זיינען חוץ אַפּאַלאָוו׳ן געזעסען נאָך דריי: יענע צוויי שריפטשטעלער, וועמען מיזשויעוו האָט היינט בעגעגענט אויפ׳ן ים־ברעג, און אַן אויפגעלאָפּענער, פליכעוואַטער און שמוציגליכער הערר, אין ענגע לייוועטענע הויזען, קענטיג, ניט אויף איהם גענעהט, און אַ משונה׳דיגער וועסט, וואָס איז שווער געוועזען צו זאָגען אויף איהר, צי איז ערגיץ אין אַמעריקאַ אַמאָל אַזאַ מאָדע געוועזען, צי איז עס פשוט אַ וועסט פון אַ צירק־טענצער.

— איהר זייט ניט בעקאַנט?... — האָט אַפּאַלאָוו געהאַלטען אין פרעגען, ווען אַלע האָבען זיך לאַנגזאַם זיך אויסגעשטעלט — משעטיריאָוו... מאַרוסין... פּאָדגורסקי...

— אַ געוועזענער שריפטשטעלער!... — האָט דער אויפגעבלאָזענער הערר האַלב אויפריכטיג, האַלב לצנות׳דיג, צוגעגעבען צו זיין פאַמיליען־נאָמען.

מיזשויעוו האָט אַרויסגערעדט זיין נאָמען קורץ, געכאַפּט. איהם

איז אלע מאל געווען אונאנגענעהם זיך אנצורופען: עס איז דאך געווען נאריש איבערצו'חזר'ן א נאמען, וואס יעדער איינער, געוועהנ־ליך, האט שוין אין פאראויס געוואוסט, און נים אנרופען זיך, וואלט אויסגעקומען שוין צו גדלות'דיג.

און דאס פלעגט איהם אלע מאל אויפרעגען.

— אבער סיי ווי אלע קענען דאך אייך, פעדאר איוואנאוויטש!

— האט אפאלאוו זיך צולאכט, און עס איז שווער געווען צו זאגען, צי איז דאס געווען א גוטמוטיגער געלעכטער, אדער מיט בעהאלטענער איראניע.

מיזשויעוו האט אויסגעקרימט זיינע ליפען אין א שמייכעל, און דער קרומער שמייכעל איז איהם אליין געווען נים צום הארצען: ווי מען זאל איהם נים טייטשען, איז געווען שלעכט — צי נים ער צו, אז אלע קענען איהם, צו לייקענט ער עס, צו מאכט ער זיך, אז ער לייקענט. ער האט געפיהלט, אז דאס איז נים גלאט אזוי אזא שמייכעל, און אז אלע זעהען עס, און דאס איז געווען פיינליך.

דער לאקיי האט האסטיג צוגעשטעלט א שטוהל, און מיזשויעוו האט זיך געזעצט און גלייך צונויפגעלעגט זיינע מאסיווע הענד אויפ'ן טישטוך; געווארפען א זייטיגען שווערען בליק אויף דעם דערבייאי־גען טישעל, וואו דריי געפאשעטע און אויסגעפוצטע דאמען און צוויי אפיציערען, אין גלענצענד'ע פאראדנע פארמעס, האבען זיך געלאזט וואוילנעהן. א מינוט האבען זיך אלע געפיהלט אונבעקוועם און מען האט געשווינען. אפאלאוו האט געקוקט מיזשויעוו'ן אין די אויגען פריינדליך, אבער מיט אזא נייגיערינקייט, ווי דאס וואלט נים א מענש זיך געזעצט אנטקעגען איהם, נור א ווייסער בער. דער צושוי־בערטער פארגורסקי, וועלכער האט אויסגעזעהן, ווי א קנויל שמוציגע וועש, אריינגעפאקט אין שמאלע הייזעלאך און א קורץ לייוועגטענעם רעקעל, האט אויך געקוקט מיט נייגיערינקייט. א פרעכער, זשעדנער פייערל האט געפינקעלט אין זיינע קליינע שארפע אויגעלאך. טשע־טיריאוו און מארוסין האבען שווייגענדיג געטרונקען ביער און עס האט אויסגעזעהן, אז זיי מערקען אפילו נים מיזשויעוו'ן. מיט א פלינקען בליק האט מיזשויעוו געכאפט, אז מארוסינס ווייכע, שוואכע הענד ציטערן מיט א דין, קרענקליך ציטערן, און ער האט זיך דערמאהנט — עמיצער האט עס איהם דערצעהלט — אז מארוסין ליידט אויף שווינדזוכט. אויך האט איהם איבערראשט דער אויסדרוק פון מארר

סינ'ס אוינען: עפּעס פערגעננליכעס, וואָס אַט פערשווינדעט עס; אַזוי קלאָר דורכזיכטיג, ווי אַ שטיקעלע פון ליעבען פריהלינגס־הי־מעל. און מיזשויעוו האָט אַ טראַכט געטהאַן, אַז דאָס מוז זיין זעהר אַן אומגליקליכער, גוטער און ריינער מענש. און אַ ווארים געפיהל, אַ רחמנות האָט זיך אויפגעוועקט אין איהם.

דער רעסטאראַן האָט געהילכט אַזש ביז צום סופיט פון קולות און קלינגעריי. מען האָט זיך איבערגעשריען און איבערגעלאַכט פון טישעל צו טישעל. פון צייט צו צייט פלעגט אַ שטוהל אַ פאַל טהאָן מיט אַ טרוקענעם קלאַפּ, אָדער עס פלעגט אַ ריס טהאָן אין די אויערן אַן אונגעדולדיגער קלונג מיט אַ לעפעלע איבער אַ גלאָז. פרויען פלעגען זיך פערגעהען אין די הויכע טענער און זיך פערכלינגען מיט אַ קיצעלדיגען געלעכטער; די לאַקעען האָבען געשווינדעלט פאַר די אויגען מיט די סערוועטקעס. דאָס ליכט האָט געשפּיעלט אין די קאַלירטע בעכערלאַך, פלעשלען און אין די בומבערלאַך אויף דער גלאָזער, האַלב נאַקעטער פרויען־הויט. און הינטער די ברייטע פענסטער האָט געוואַכט און ניט אַבגעטרעטען די שווארצע נאַכט.

— וואָס זייט איהר עפּעס אַליין?... און וואו איז מאַריא סערגעיעוונאַ?... — האָט אַפּאַלאָוו געפרעגט, און אין זיין קול האָט זיך געהערט, אַז דער נאָמען מאַריא סערגעיעוונאַ רופט אַרויס אין הינטערגרונד פון זיין בעוואוסטזיין אַ פאָרשטעלונג וועגען אַ נאַקעטער פרוי.

מיזשויעוו האָט געוואוסט, אַז מאַריא סערגעיעוונאַ מאַכט אויף אַלע מאַנסבילען אַ פיינליך אויפרעגענדען איינדרוק, אַז אַפילו רעדען רעדט מען וועגען איהר מיט אַ בעזונדערן טאָן. גאָר פון אָנהויב האָט עס איהם הנאה געטהאָן. עס איז געוועזן אַזאַ שאַרפער פערגעניגען אין דעם צו זעהן, ווי אַלע מענער רעגען זיך אויף אָהן שום פעולה פאַר זיך דורך יענער פרוי, וואָס דעם טעם פון איהר נאַקעטקייט פערזוכט ער נור אַליין, דורך דער פרוי, מיט וועלכער ער קען זיך בענוצען ווען און ווי ער וויל, אַפילו אויף דעם גרויזאַמסטען און אונפערשעהמטעסטען אופן. אָבער די לעצטע צייט האָט ער דערשפירט אין דעם עפּעס בעליידיגענדעס און אונאָנגענעהמעס; עס איז געקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז אַזוי ריידען האָט מען אָנגעהויבען וועגען איהר ערשט ווען זי איז זיך צונויפגעקומען מיט איהם. זי איז דאָך פריהער אויך אַזוי שעהן געוועזן, נור יעמאָלט איז זי געוועזן געשיצט מיט אַ צודעק פון

ריינקיים. מיט זיין בעריהרונג האט ער ווי אבגעווישט די ריינקייט, האט איהר אבגעבלויזט און געוויזען פאר אלעמען אין דער ערנידריגענדער גראבער געשטאלט פון א צוגעננליכער „זי“.

— זי איז אוועקגעפאהרען אין סעמעאיד... — האט מיזשויעוו ניט גערן געענטפערט און געקוקט אהן א זייט.

— אה !... איך האב זיי טאקע בעגעגענט... מיט פארכאמענקא׳ן. יא ? — האט אפאלאוו זיך עפעס דערפרעהט, און אין דער דאזיגער פרייד האט מיזשויעוו ווידער עפעס דערהערט: ווי אפאלאוו וואלט שוין ניט געצווייפעלט, אז מאריא סערגעיעווונא וועט סוף כל סוף איבערגעהן צו פארכאמענקא און ער האט בעשלאסען, אז דאס האט זיך שוין אנגעהויבען. מיזשויעוו איז אין זיינע אויגען שוין געווען אן אבגעדראנקטער פאטראן.

— ער לאזט ניט צו דעם געדאנק, אז עס קען אנדערש זיין... האט מיזשויעוו א טראכט געטהאן.

— פארכאמענקא, דאס איז דערזועלביגער ?... — האט פאדגורסקי פלוצים א פרעג געטהאן.

— דערזועלביגער... — האט אפאלאוו געענטפערט. זיינע געהיימניספולע יאפאנעזישע אויגעלאך האבען געלאכט.

— און איהר זייט מיט איהם בעקאנט ? — האט פאדגורסקי א פרעג געטהאן. — בעקענט מיך... ער איז מיר נויטיג פאר א שטיקעל עסק...

— איהר ווילט נעהמען ביי איהם אן הלואה אויף ניט אוועקצוגעבען ? — האט אפאלאוו זיך ערלויבט אן אפענהערציגען שפאס.

— און אז יא, איז וואס... דענקט איהר, ער וועט ניט געבען ?

— יענער וועט, מעגליך, טאקע ניט געבען אויף, — האט מיזשויעוו בעמערקט ניט געטראכטערהייד.

— און איהר וועט יא געבען ? — האט פאדגורסקי פלוצים זיך צו איהם א קעהר געטהאן. אין זיין קול האט זיך געשפירט די אפענהערציגע חוצפה פון א הפקר מענשען.

מיזשויעוו איבערראשט, האט ניט גלייך געענטפערט.

— אפשר יא... — און א שפאט שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען.

— טו ניט זשע אהער 25 רובל !... פאר וואס דען ניט ?...

מיזשויעוו האט מיט זיין שווערען בליק אריינגעקוקט פאדגורס־

קי'ן גלייך אין די אויגען אריין, א וויילע געטראכט, ווידער אמאָל א שמייכעל געטהאָן און אויסגעשטרעקט צו איהם א 25ער. פאַדגורסקי איז געווען אזוי צו זאָגען אויפריכטיג אין זיין פרעכהייט און מיזשויעוו'ן איז דאָס געפעלען.

פאַדגורסקי האָט, קענטיג, דאָס ניט ערוואַרט, און אויך זיך ניט בעזונדערס געקימערט, צי מיזשויעוו וועט געבען צי ניט. ווען אבער ער האָט דערזעהן דאָס געלד, האָבען זיינע אויגען אויפגעבליצט נאָך מיט מעהר העזה. ער האָט זיך רוהיג צוגענומען דעם בילעט און ווי קיינמאָל גאר נישט עס אריינגעשטעקט אין דער קעשענע פון זיין אמעריקאַניש־צירקישער, אדער פשוט'ער, פון זיין פערשמאָלצענער אויך מיר וועסט, וואס איז איהם געלעגען מעהר אויפ'ן בויך, ווי אויף איהר ריכטיגען אָרט.

— דאנקע..

מיזשויעוו האָט בעמערקט, ווי מארוסינס ליכטיגע, אָפענע אויגען, ווי ביי א גוט צוטרויליך מיידעל, האָבען זיך אָבגעשטעלט מיט אן איינגעהאלטענעם שמייכעל אויף פאַדגורסקי'ן און זיך אראָבגעלאָזען אין פערלעגענהייט. מיזשויעוו'ן האָבען זיי אויסגעמידען. טשעטיריאוו ווידער האָט געשוויגען, געקוקט איבער זייערע קעפּ ווייטער אין רעסטאָראַן אריין און ווי ער וואלט גאר נישט געזעהן.

— איהר זייט גאָר נישקשה פון א חוצפה'ניק !... — האָט אָפּאָלאָוו א זאג געטהאָן. זיינע אויגען האָבען עדות געזאָגט, אז דער געדאנק וועגען א הלואה איז איהם אויך געקומען אויפ'ן זין, אָבער צו שפּעט.

— און איך שפּיי אויף דעם !.. — האָט פאַדגורסקי זיך אָבגערופען אין א העזה'דיגען טאָן — בין איך א חוצפה'ניק, און איהר א בעלעטריסט און ער א מיליאָנער, און עס איז נאָך א גרויסע פראגע, וואס פון די דריי איז ערגער !...

אָפּאָלאָוו האָט פערגלאָצט די אויגען מיט א קאָמישער מינע, און דאָ האָט מען געקענט מערקען, אז אין זיי בלישצעט אזא נייגיעריג פּייערל, אזא פיינע אויפמערקזאמקייט, וואס כאַפּט אויף יעדע קלייניגקייט. טשעטיריאוו און מארוסין האָבען גוטמוטיג זיך צולאַכט, און מיזשויעוו האָט מיט ערשטוינען זיך געפרעגט, פון וואנען קומט אזא גוטמוטיגער געלעכטער צו דעם גאַליגען טשעטיריאוו ? אָבער מיזשויעוו אליין האָט אויך געשמייכעלט.

— ווייסט איהר גאר וואס? — האט פאדגורסקי אנגעהויבען אין אזא טאן, ווי ער וואלט זיך נעקליבען אנזאגען א פרעהליכע בשורה — פעדאר איוואנאוויטש וועט אונז גאר מכבד זיין מיט שאמ־פאניער, הא? — פאר וואס דען ניט?

מיזשויעוו האט לייכט א דריק געטהאן מיט די פלייצעס. איהם האט גענומען אמוזירען אט דער חברהמאן, וועלכער קריכט אהן שום צערעמאניע איהם אויפ'ן קאפ.

— זאל זיין אזוי.. אבער איהר אליין וועט זיין דער בעשטעלער — האט מיזשויעוו זיך אבגערופען.

— געמאכט!.. קעלנער! — האט פאדגורסקי א געשריי געטהאן, און איהם האט וועניג וואס געארט, וואס דער גאנצער רעס־טאראן האט זיך אומגעקוקט אויף איהם.

דער הויפטקעלנער, א קליין אלטיטשקער, מיט צושפרייטע באקענבערד, וועלכער איז שוין לאנג געשטאנען אויף דער וואך נעבען מיזשויעוו'ן, ווי א לויערענדער יאגד־הונד, האט פלינק צוגעטענצעלט צו זיי. ער האט זיך געריבען די הענטעלאך מיט דער אנגענעהמסטער מינע. פאדגורסקי האט גענומען בעשטעלען געריכטען. און מיט אזא זיכערהייט, ווי ער וואלט זיין גאנץ לעבען קיין אנדער זאך ניט געטהאן, ווי געגעסען די פיינסטע לוקסוס מאכלים. מיזשויעוו האט זיך אזש פערקוקט אויף איהם. און פאדגורסקי, ווי א געניטער קונצענמאכער, וואס זעהט, מערקט און בעווייזט אומעטום, האט תיכף אריינגעווארפען:

— אט דאס זיינען די מיליאנערען... מיינען, אז זיי אליין נור עסען און טרינקען.

— און איהר ווייסט דאס, וואס מיליאנערען מיינען? — האט מיזשויעוו געפרעגט, און אליין ניט בעמערקט, מיט וואס פאר א גדלות טאן ער האט דאס ארויסגערעדט.

— א פראגע... איך זאל ניט וויסען... ווען איך בין נאך געווען א בעריהמטער שרייבער...

אלע האבען זיך צולאכט. אבער פאדגורסקי'ן האט דאס ניט אנגעהויבען צו ארען.

— ...האב איך זיי, די מיליאנערען, געהאט ווי די הינט, איך זעה זיי דורך און דורך, ווי א גלעזעל בראנפען!

מען האט געבראכט שאמפאניער. ער האט א ציה געטהאן מיט

אייז און פייכקייט, ווי פון אן אָפענעם קעלער. דער אַלטיטשקער, דער הויפּטקעלנער, האָט העפליך געטרייסעלט מיט זיינע באַקען־בערד און געפּרובט איינהאַמעווען פּאַרגורסקי׳ן, וועלכער איז שוין גאַר אַרויס פון די כלים. יענער האָט אויפגעלעבט: זיינע שיטערע העל־רעלאַך האָבען זיך אויפגעשטעלט איינציגווייז און אין בינטעלאַך, די אויגעלאַך האָבען געפינקעלט פרעך און גיעריג, די אומגעלומפּערטע וועסט האָט חוצפה׳דיג זיך אַרויסגערוקט פאַראויס. פּאַרגורסקי האָט זיך געוויצעלט, געשריען, געטרונקען, און עס איז קענטיג געווען, אַז ער פיהלט זיך אויב ניט גליקליך, טו וועניגסטענס זאַט. מיזשויעוו האָט געקוקט אויף איהם און מיט מאָדנעם פערגניגען געזעהן, אַז דעם חברהמאַן געהט ניט אָן ניט מיזשויעוו, ניט זיינע מיליאָנען, ניט טשעטיריאַוו און קיין זאַך אויף דער וועלט. ער האָט זיך שאַמפּאַניער, ציגאַרען, זיינע וויצען, און דאָס איבעריגע איז וויכטיג פאַר איהם נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל מען הערט איהם אויס און מען קאַרמעט איהם.

טשעטיריאַוו און מאַרוסין האָבען גאַרנישט געטרונקען און כמעט ווי גאַר ניט גענעסען. זיי האָבען די גאַנצע צייט געשווינען, זיך דורכוואַרפענדיג ווען ניט ווען מיט אַ פראַגע. אַבער זיי האָבען אויפ־מערקזאַם, ווי דאָס קענען די קינסטלער, זיך צוגעקוקט און זיך צו־געהערט צו אַלץ אַרום זיי. נור עס האָט אויסגעזעהן, אַז מיזשויעוו׳ן הויבען זיי ניט אָן צו מערקען. און זיי טהוען עס אומישנע. איהם האָט דאָס פיינליך פערדראָסען. דערפאַר אַבער האָט אַפּאַלאָוו פון איהם דאָס אויג ניט אַראָבגעלאָזען. און זיין בליק איז ווי פריהער געווען אויפמערקזאַם נייגיעריג, ווי ער וואָלט אויף עפּעס אויסגעקוקט. און די גאַנצע צייט האָט ער געזוכט אויפצוהאַלטען מיט מיזשויעוו׳ן אַ שמועס, זיך געוויצעלט, געשפּאַסט, אַריינגעוואָרפען טרעפענדע בע־מערקונגען, און דורך דאָס גאַנצע שפּיעל איז קענטיג געווען, אַז ער איז דאָ אויסען נור איינס: צו געפעלען מיזשויעוו׳ן.

ביי אַ דערבייאיגען טישעל איז געזעסען אַ ברייטע, עפּעקטפולע דאַמע, מיט אַן אויסשניט אויף איהר צאַרט ראָזעווען רוקען.

— האָט איהר, פעדאָר איוואַנאָוויטש, בעמערקט, אַז ביי רעסטאָ־ראַן־בעלייכטונג קוקט די נאַקעטע פרויען־הויט אויס ווי פייכט? — האָט אַפּאַלאָוו געמאַכט איינע פון זיינע קלוגע בעמערקונגען.

— ניט געלונגען! — האָט פּאַרגורסקי אַבגעלייקענט מעשה מבין.

און עס איז געוועזן קענטיג, אז ער זעהט דורך און דורך אפּאלאָווס געהיימע חניפה און ער לאַכט פון איהם.

— טראַכט אויס עפּעס בעסערעס... דאָס איז צו ביליג!.. ווארים דוקא ביי רעסטאָראַן בעלייכטונג?

זיינע גרויסע שווארצע אויגען האָבען דערביי לייכט א פינטעל געטהאָן, אבער אַפּאלאָוו האָט זיך געמאַכט, ווי ער פערטיידיגט מיט האַרץ זיין מיינונג.

— יאַ, גראַד ביי רעסטאָראַן־בעלייכטונג... און מערקט: דאָס איז גאַנץ נאַטירליך — רעסטאָראַן־בעלייכטונג איז אַלעמאָל אנגעזעטיגט מיט פייכקייט.

— זיי שוויצען פשוט!... — האָט פּאַדגורסקי אבגע'פסק'ענט — הערט בעסער: איז עס אמת, אַז דאָרט, וואו עס זיינען פאַרהאַן פיעל פרויען, שמעקט תמיד מיט פּודער, פּאַרפיומען און פגר?

— וואָס רעדט איהר! — האָט מיזשויעוו אנטערגעשמייכעלט.

— איז וואָס?... ס'איז דאָ א שטיק אמת דעריין... — האָט טשעטיריאָוו זיך אָנגענומען פאַר איהם.

ווען די דאַמע פון דערבייאיגען טישעל האָט ביים אויפהויבען זיך אונגערן אראָבגעלאָזען פון די אַקסלען איהר פוכענעם איבערוואורף, האָט אַפּאלאָוו גלייך מיט א שנעלען בליק, ארומגענומען איהר גאַנצע פיגור און ער האָט זיך שוין געווענדעט צו פּאַדגורסקי'ן צו ווייזען, אַז איהם געהט אין דער זאַך גופא, ניט אין מיזשויעוו'ן:

— אָט נאָט אייך: ווען ביי א פרוי פאַלט אויף אַמאָל אראָב דער איבערוואורף פון די אַקסלען, דוכט זיך אייך אן אויגענבליק, אַז דער גאַנצער רוקען איז ביי איהר נאַקעט!

— דאָס איז שוין ניט שלעכט... — האָט פּאַדגורסקי צוגענעבען. — דערצעהלט עס פּאַרכאַמענקאָ'ן... וועט ער אייך גוט בעצאָהלען דערפאַר!...

— איהר האָט, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז מיט פּאַרכאַמענקאָ'ן זייט איהר ניט בעקאַנט?... — האָט מאַריסין איהם דערמאָהנט און זיך פערשעהמט ווי א קינד.

— האָב איך עס געזאָגט?... זעהר מעגליך... נו, הייסט עס האָב איך געזאָגט א ליגען... — האָט פּאַדגורסקי קאַלטבלוטיג געענטפערט.

מאַריסין האָט געפּרובט איהם אריינקוקען אין די אויגען, אבער גלייך זיך צופינטעלט, זיך פערדרויטעלט און צומישט געוואָרען אַזוי

איפּריכטיג און נאַאיוו, פּונקט ווי ניט פּאַרגורסקי, נור ער האָט דעם ליגען געזאָגט.

און ווידער האָט מיזשויעוו מיט אַ צאַרט פריינדליכען געפיהל וועגען איהם אַ טראַכט געטהאָן.

— אַזאַ גוטע נשמה!

— איך קען איהם שוין לאַנג, נאָך פון מאַסקווע... — האָט שוין פּאַרגורסקי דערצעהלט — מעגליך, אַז קיינער קען איהם ניט אַזוי גוט, ווי איך... ער זיצט מיר שוין אָט דאָ!

פּאַרגורסקי האָט אויסגעשטרעקט זיין ברייטע שווייסיגע לאַפּע און פעסט איהר צונויפגעדריקט. און די בעוועגונג פון אָט דער שמור־ציגער האַנט, מיט די שוואַרצע שטומפּיגע נעגעל, איז געווען אַזוי ווילד טיעריש, אַז אַלע האָבען ניט ווילענדיג זיך אומגעקוקט און זיך דער־פיהלט אונבעקוועם. אַפילו ביי מיזשויעוו'ן איז אַריבער אַ סקרוך אי־בער'ן לייב.

— ווען דער אַלטער פּאַרכאָמענקאָ האָט נאָך געלעבט, האָט דער זוהן קיין האָניג ניט געלעקט. דער אַלטער האָט איהם געהאַלטען ווי אַן אַרעסטאַנט, געשלאָגען און קיין קאָפּיקע ניט געגעבען. ערשט ביינאַכט, נאָך אַ טאָג לייזונג, פלעגט ער איהם צורופען צום טאָמ־באַנק, אַ קלוגע טהאָן מיט צוויי צוואַנציגערס: נעהם און געה... אָט דער פּאַשקאָ האָט יעמאָלט געהאַלטען אין איין אַרומנישטערן נאָך געלד, נאַטירליך, אונטער פאַלשע וועקסלען... אָט ביי דער געלעגענהייט האָ־בען מיר זיך צונויפגעשמעקט... אָה, וויים איך פון איהם קונצען!... ווען איך קריעג איין דאָקומענטיקעל אַזאַ, וואָלט איך איהם דאָס אָב־געשפּיעלט אַ שאַנטאַזש'ל... ער וואָלט ביי מיר ווי אַ חזיר'ל געקווי־טשעט!...

—איז דאָס אַזוי נויטיג? — האָט מאַרוסין מילד געפרעגט. איהם איז שווער געווען צו קוקען פּאַרגורסקי'ן אין פּנים אַריין און ער האָט געפינטעלט מיט די אויגען.

— איהר קענט איהם ניט, ניקאָלאַי ניקאָלאַיאיטש, — דאָס איז אַזאַ שרץ!... איהם צושטיקען, וועט דער אויבערשטער מוחל זיין אַ גאַנצען שאַק עבירות. שכל האָט דאָס ווי מיין קאַלאַש, און פּאַסקודעט ווי דריי רוימישע קסרים און פיער רוסישע אַרכימאַנדריטען צוזאַמענ־גענומען. דאָס איז דאָך אַן אמת'ע בעסטיע!.. איהר ווייסט, וואָס פאַר אַן אידעאַל ער האָט? ער האָט ערגיץ געלעזען, אַז די דייטשע אָפיציע־

רען אין אפריקא פלעגען קרייציגען די נעגערשע פרויען און שיסען אין זיי פון רעוואלווערען אין א וועט... טרוימט דאס וועגען דעם טאג און נאכט!... קרייציגען א פרוי... און ער וועט עס אמאל טהאן אויך... ווען דער פאפא זיינער איז שוין געלעגען אויפ'ן טויטען בעט, אהן לשון, איז דאס ערשטע, וואס פאשקא פארכאמענקא האט געטהאן, ווען ער האט זיך דערפיהלט פאר'ן יורש, געווען אט וואס: אריינגעגאנגען אין שלאף־צימער, אנגעכאפט דעם גוסס פאר'ן בארד און א טרייסעל געטהאן: „אט האסטו דיר, רויבפויגעל, געצאהלט פאר דיין כאפ־לאפ!" און ווי נור ער האט בעקומען די ירושה, איז ער נאך ערגער געווארען פון טאטען.. קארג, ווי א הונד!... א גארנישט דורך און דורך... מיליאנערען עקזיסטירען נור דארויף, אום צו טרינקען אויף זייער חשבון שאמפאניער, און דער טויג אפילו צו דעם אויך ניט!

— און איהר זייט פעסט איבערצייגט, אז מיליאנערען טויגען נור דערצו? — האט טשעטיריאוו געפרעגט.

געפרעגט האט ער עס ווי אין שפאס, אבער אלע, אויך מיזשויעוו, האבען דערפיהלט, אז דאס איז אן ארויספאדערונג.

— טי צי וואס זשע דען? — האט פאדגורסקי פרעך געענט־פערט. ער האט גלייך געכאפט טשעטיריאוו'ס טאן און איהם האט זיך קענטיג פערוואלט ארויסרופען א קריעג.

אפאלאוו האט אריינגעקוקט מיזשויעוו'ן אין די אויגען מיט א בליק פון א רודף־שלום'ניק.

— און וואס האלט איהר פון פארכאמענקא'ן? — האט ער אי־בערגעשלאגען אין א געמאכט נאטירליכען טאן.

מיזשויעוו האט געווארפען אויף איהם א גאוה'דיגען בליק און ניט געענטפערט. דער האס, וואס האט געקלונגען אין טשעטיראוו'ס טאן ,האט זיך אבגערופען אין איהם מיט וועה. ער האט טשעטיראוו'ן געלעזען און אויפריכטיג געאכט. ער האט זיך דערפיהלט צווישען שונאים און עס דערפיהלט פיינליך, מיט טרויעריגער איבערראשונג.

— מיר דוכט זיך,— האט ער שטיל אנגעהויבען און געקוקט בלויז אויף זיינע צונויפגעלעגטע הענד — אז דאס איז ניט אין גאנ־צען ריכטיג... מען קען זיין א מיליאנער און טויגען צו עפעס בעסערעס, ווי צו טרענקען מיט שאמפאניער.

טשעטיריאוו האט אויפגעהויבען זיינע איינגעשפארט האסענדע

אוינגען מיט א ליכט שפּאָטיש שמייכעלע. מיזשויעוו האָט א ציטער געטהאָן און זיך פערדרויטעלט.

— און איהר, דאכט זיך, האָט זיך בעליידיגט? — האָט פּאָדגורסקי צווייזייטיג א זאָג געטהאָן.

— איך האָב זיך ניט בעליידיגט — האָט מיזשויעוו זיך אבגעדרופען און נאָך מעהר רויט געוואָרען... — און זאָג עס ניט דערפאר, וואס איך בין אליין א מיליאָנער... פּארכאָמענקא איז אן אויסנאהם. א דעגענעראט, א פערזעהעניש, וואָס קען זיך בעווייזען ניט נור אין די מיליאָנערסקע קרייזען, און מיר דוכט זיך, אז א מענש איז אזוי אָדער אנדערש אונאבהענגיג פון דער סומע געלד, וואס ער פערמאגט.

— זיכער! — האָט אפּאלאָוו אויסגעשריען און ווידער אמאָל איבערטריבען אויפריכטיג.

— פּארכאָמענקא איז ניט קיין דעגענעראט... — האָט טשעטיריאוו קאלט געענטפערט — אין א קרייז, וואו אלץ ווערט געקויפט און פערקויפט פאר געלד, איז פּארכאָמענקא א גאנץ נארמאלע ערשיינונג. אזוי דארף טאקע זיין אן אמת'ער... מיליאָנער. און אויב עס זיינען פאראן אנדערע, זיינען זיי גיכער... א סאָרט דעגענעראַטען.. וואס דאָס איז א לעבעדיגער אונזין...

עס האָט אזוי דייטליך א בלאָז געטהאָן מיט פיינדשאפט און נאָהענטען קריעג, אז מארוסין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און רויט געוואָרען, אפּאלאָוו ווידער האָט אונרוהיג זיך גענומען בעוועגען, ניט ווייסענדיג, מיט וועמען צו האלטען — מיט טשעטיריאוו'ן אָדער מיזשויעוו'ן.

— פארוואס איינענטליך? — האָט מיזשויעוו געפרעגט אין אן איינגעהאלטענעם טאָן און א טרויער האָט זיך דערהערט אין זיין קול.

— איך צ. ב. ש....

— איך רעד ניט וועגען אייך... — האָט טשעטיריאוו נאכלעסיג א ווארף געטהאָן, און עס איז קלאָר געווען, אז ער איז פערכאפּט פון אן איינגעווארצעלטען, איינגעשפּארטען האס, וואס ניט ער וויל און ניט ער קען איהם בעהערשען.

— און טאקע פארוואס ניט וועגען מיר?... — האָט מיזשויעוו שטיל געמאהנט, נאָך אלץ מיט אראָבגעלאָזטע ברעמען.

— וועגען די אנוועזענדע רעדט מען ניט. — האָט אפּאלאָוו זיך

ארייננעמישט — איהר פערגעסט דאס, פעדיאר איוואנאוויטש.

מיזשויעוו האט נאך נידריגער אראבגעלאזט די ברעמען און נאך שטילער געזאגט:

— ניין, ווארום... מיר איז זעהר אינטערעסאנט צו וויסען, וואס דענקט וועגען מיר.. סערגעי מאקסימיטש, וועמען איך ליעב און שעץ אלס שריפטשטעלער.

דא איז אויף טשעטיריאוו פלוצלינג רויט געווארען. און ניט אנקוקענדיג איהם, האט מיזשויעוו פערשטאנען, אז יענער גלויבט איהם ניט און מיינט, אז ער, מיזשויעוו, וויל איהם איינגעהמען מיט נוטע רייד. דאס איז געווען פיינליך בעליידיגענד. ער האט זיך פער'חידושט. טשעטיריאוו'ן האט ער אויף אן אמת געהאלטען פאר א שריפטשטעלער מיט א פיהלענדער נשמה און מיט טיעפער איינ־זעהעניש, און ער האט עס ניט געקענט בעגעהמען, ווי אזוי אזא אויפריכטיגער, טיעפער מענש האסט איהם ניט קענענדיג אפילו און זוכט איהם וועה צו טהאן.

מיזשויעוו האט אנגעטהאן זיך א כוח און מיט פיינליכען גע־פיהל און פונקט אזוי שטיל ארויסגערעדט:

— איך מיין עס מיט אן אמת...

און זיין קול האט א ציטער געטהאן מיט אזא ווארימען געבעט.

מארוסין איז געריהרט געווארען דערפון, וואס אזא גרויסער, שטארקער, בעיאהרענטער מענש קלאפט אזוי קינדעריש צו מענשען, וועלכע פערשטויסען איהם. אין הארצען האט איהם אביסעל פער־דראסען אויף טשעטיריאוו'ן.

— סערגעי מאקסימיטש וויל הפנים זאגען, — האט ער אנגע־הויבען, איז רויט געווארען און אויפגעהויבען זיינע מילדע אויגען — אז די אנזאמלונג פון אונגעהייערע רייכטימער אין די הענד פון איין מענשען... איז אונזין...

— נו, דאס איז שוין גאר א פונקט פון דעם סאציאל־דעמאקרא־טישען פראגראם... — האט זיך פאדנורסקי שפאטיש אבגערופען.

— ניין, דער מיליאנער אליין, אלס לעבעדיגע פערזאן, איז נאך מיין מיינונג אן אונזין — האט טשעטיריאוו שארף איבערגעשלא־גען.

— וואס האבען די אונגליקליכע מיליאנערען אייך איינגענטליך

געטהאָן? — האָט אפּאָלאָוו געפּרובט די גאַנצע געשיכטע פֿער־וואַנדלען אין אַ שפּאַס.

אָבער די אַריינמישונג האָט מיזשויעוו'ן נאָר אויפגערייצט. אין אפּאָלאָוו'ס נייגיעריגע בליקען האָט ער דערשפּירט אַ בעהאַלטענע הנאה.

— ניין, איך וואָלט אייך געבעטען איהר זאָלט סערגעי מאַקסי־מיטש'ן זיך לאָזען אַרויסזאָגען, — האָט ער קאַלט און פעסט אַ זאָג געטהאָן.

אפּאָלאָוו האָט אומזיכער אַ פינטעל געטהאָן און זיך געפּרובט רעטען פון פערלעגענהייט מיט אַ שמייכעל.

— וואָס איז דאָ אַרויסצוזאָגען זיך? — האָט טשעטיריאָוו זויער זיך אָבגערופען — וואָס איך דענק, האָב איך שוין געזאָגט. איך האַלט פאַר אומזיניג דאָס לעבען פון די יעניגע מענשען, וועלכע קאָנצענטרירען אין זייערע הענד אַ ריעזיגע מאַכט, וואָס געהערט ניט צו זיי. זיי קענען ניט ניט וויסען, אַז זיי אַליין זיינען גאָרנישען, און נאָך וויי־ניגער דערפון... אַז אָהן זייערע מיליאָנען זיינען זיי קיינעם ניט נויטיג... איז לאָגיש נויטווענדיג איינס פון דיביידע: אָדער פערזונ־קען ווערן אין גאָרנישט, אָדער אויסצונוצען די מאַכט... ווי זשע נוצט מען איהר אויס?... וואָס קען געבען געלד, אונגעהייער פיעל געלד?... הולטייסטוואָ, הערשאַפט, לוקסוס... און עס וואָלט געווען משונה צו דענקען, אַז אַ מענש זאָל זיך אָבזאָגען דערפון, וואָס ניט זיך איהם געפעלינגסט און גרייט אין די הענד אַריין, און ער הולטאַיעוועט, טי־ראַניזירט און טרייבט ווילדע עקשנות־שטיק...

— און נישט מעהר? און טרעטיאַקאָוו צום ביישפּיעל? — האָט מיזשויעוו שטיל געפרעגט.

— וואָס טרעטיאַקאָוו? — האָט טשעטיריאָוו העפטיג איבער־געשלאָגען — פּונקט אַזאַ איינגעגעסענער עקשן, ווי אַלע... אַ מענש האָט דאָס גאַנצע לעבען קיין אַנדער זאַך ניט געטהאָן, ווי געדריקט און געקירעוועט די קונסט אין אַ ריכטונג, וואָס האָט געפונען חן אין זיינע אויגען. בעשאַפען דערמיט אין רוסלאַנד אַ קונסט־שיטה, וואָס איז טענדענציעז ביז צום עקעל און פערהאַלטען אויף אַ צעהנדליג יאָהר די געזונטע, נאָרמאַלע ענטוויקלונג פון דער קונסט.

טשעטיריאָוו'ן איז שווער געווען צו ראַנגלען זיך מיט דעם טומעל

אין רעסטאראן און זיין שארפער, אבער שוואכער קול האט נעקלונגען מיט ביטערנים און אנשטרענגונג.

— איינס פון די ביידע: אדער דער מיליאנער וועט געהן מיט זיין נאטירליכען וועג און ער וועט מוזען ווערן א פאראזיט, וועט פערדארבען דאס לעבען, אויסשמאקצען זיינע זאפטען און זיך אנזויגען ווי א ווארעם אין א פגר; אדער ער וועט מוזען בלייבען, וואס ער איז — א נישטיגער צוגאב צו זיינע מיליאנען.

— שוין זשע קען א מיליאנער ניט זיין א מענש מיט טאלאנט, א שריפטשטעלער, א מאלער, א פאעט? — האט אפאלאוו ארייגגעשטעלט א פראגע.

— קען, געוויס! — האט טשעטיריאוו א דריק געטהאן מיט די אקסלען — אבער צום ענטוויקלען א טאלאנט, אום צו שאפען פון זיך עטוואס גרויסעס, פאדערט זיך קאמף, ליידען... און וואס קען מאכען ליידען א מענשען, וועמען דאס לעבען ניט געבעטענערהייד טראגט צו די פיינסטע און איידעלסטע פערגניגענס?... דאס איז דאך אונזין!...

— פעדאר איוואנאוויטש... — האט דער אויבערקעלנער דעליקאט איבערגעשלאגען — מען רופט אייך צום טעלעפאן.

טשעטיריאוו איז פלוצלינג אנטשוויגען געווארען, און די אויגען האבען זיך ביי איהם מאדנע פערטיעפט, ווי ער וואלט אין די געדאנקען פארטגעזעצט זיינע בייזע, פערביטערטע רייד:

— וואס? — האט מיזשויעוו איבערגעפרעגט, פערהערענדיג דעם קעלנערס ווערטער.

— הערר פארבאמענקא רופט אייך צום טעלעפאן.

— אפשר זייט איהר טאקע אין פיעלע הינזיכטען גערעכט, — האט מיזשויעוו זיך געווענדעט צו טשעטיריאוו'ן ניט קוקענדיג אין זיין זייט — און איך פערשטעה אייך גוט, אבער זאגט אליין, איז דאס ניט אביסעלע... ברוטאל!... — ענטשולדיגט, מיינע הערען, איך קום שוין... — האט ער זיך אליין איבערגעשלאגען און איז אוועק נאך'ן לאקיי.

און ווידער האבען איהם בעגלייט נייגיעריגע פנים'ער, ווען ער איז געגאנגען דורך די טישלאך.

פארבאמענקא האט איהם גערופען אין א רעסטאראן אויסען

שטאָדט; דאָרט וועט זיין עמא — די קאפע־שאנטאן זינגערין, וועמען מיזשויעוו האָט אביסעל געקענט.

— און מאריא סערגעיעוונא? — האָט מיזשויעוו מעכאניש געפרעגט.

— מאריא סערגעיעוונא איז אוועק א היים... — האָט פארכאַמענקאָ׳ם דומפער קול געענטפערט אין טעלעפאָן.

— גוט... — האָט מיזשויעוו פונקט אזוי מעכאניש געענטפערט.

אין טעלעפאן ביידעל איז געווען פינסטער און שטיקענד. מיזשויעוו האָט פערמאכט די אויגען און זיך צוגעשפארט. אין די אויערן האָט נאָך געקלונגען דער שוואכער, מיט האס אָנגעזאפטער קול.

— נו, יא.. אפשר איז ער טאקע גערעכט... אבער פאר וואָס אזא האס? פאר וואס זעהט ער ניט איין?...

מיזשויעוו האָט זיין געדאנק ניט פערענדיגט און דערפיהלט, ווי וועהמוטיג עס האָט א דריק געטהאָן ביים הארצען.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָבען טשעטיריאוו און מארוסין שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן.

— ...צווישען איהם און די מיליאָנען מענשען וועלען אלע מאל שטעהן זיינע מיליאָנען רובלס, און איינס פון די ביידע: אָדער ער איז אן אבסאָלוט איינזאמער מענש, אדער א חיה... אן אונזין, וואָס טראָגט אין זיך א טויט־אורטייל...

ווען ער האָט דערזעהן מיזשויעוו׳ן צוריקקומען האָט ער האסטיג אבגעבראכען און איהם אנטקעגענגעקוקט מיט קאלטער, ארויספאָדערנדער ענטשלאָסענהייט.

— איהר געהט שוין אוועק? — האָט מיזשויעוו אנגעשטרענגט זיך צו פרעגען.

— יא.

— אפשר, וועלען מיר זיך נאָך אמאָל זעהן? — האָט מיזשויעוו געפרעגט, בעת זיי האָבען זיך ביידע געגעבען די הענד. איין האנד האָט געציטערט פאר אויפרעגונג, די אנדערע פאר וועהטאָג.

— אפשר... — האָט טשעטיריאוו קאלט געענטפערט, און דער „אפשר" האָט אבגעהילכט מיט הארטער שנאה אהן א ברעג.

מיזשויעוו האָט מיט מאָדנער ערוואַרטונג אויפגעהויבען די אויגען צו מארוסינ׳ען, נור יענעמס פנים האָט אויסגעדריקט פערלע־

גענהיים און זיינע אויגען האבען געקוקט מיט א פרעמדען ווייטען בליק.

מיזשויעוו'ן איז עפעס צוגעקומען צום האלז און פערשטיקט: דאס איז געווען אי פיינליכער ווערהטאג אי א פלוצלינג פיינליכער פערלאנג צו טהאן עפעס בייזעס, שרעקליכעס, ווייזען זיי, אז ער איז דאך שטארקער פון זיי, אז ער קען זיי אויסווארצלען, פערטיליגען, ווי ווילדקרויט. אבער דאס האט אנגעהאלטען ניט מעהר ווי א רגע, און ווען מיזשויעוו האט נאכגעקוקט די אוועקגעהענדע, איז זיין פנים געווען משונה בלייך, ווי ביי איינעם, איבער וועמען א טויט־אורטייל איז אויסגעשפראכען.

פינפטעס קאפיטעל.

די ברוסט פאראויס, ווי זי וואלט זיך געלאזט אין אן אטאקע, איז א פרוי אריינגעפלויגען מיט נאקעטע שולטערן, מיט דעם הוט אויף א זייט, פלאטערנדיג מיט'ן קלייד, וואס האט זיך פעררריסען איבער די קניה. איהרע שלאנקע פיס האבען אבגעקלאפט שטייפע, שטראמע טריטעלאך.

געטרונקען האט מען שוין לאנג. דער וויין, דער ציגארען־רויך, די לופט, אנגעזאפט מיט עלעקטרישע ליכט, שוויים און ליקער, דער געשריי, דער געפילדער, — דאס אלץ האט אויפגערייצט די מאנס־ליט אויף אזוי ווייט, אז א פרוי איז נויטיג געווען... מען האט עפעס געדארפט, אויף וואס אויסצוגיסען די איבעראנשטריינגונג פון א שלאפלאזער, שיכור'ער נאכט.

ביי איהר אריינקומען איז די בעוועגונג צווישען די מענער גע־ווארען ווילד־שטורמיש: פארכאמענקא, א ברענענדער, מיט אויגען אנגעגאסענע מיט בלוט, מיט שווארצע נאסע וואנצעס, איז איהר אנטקעגענגעלאפען, אומגעווארפען א שטוהל, אנגענומען איהר ביי דער שלאנקער, דינער טאליע, האלב פערדעקט מיט א דורכזיכטיגער, געשטיקטער לייבעל, האט איהר אויפגעהויבען אין דער הויך און מיט אימפעט אראבגעלאזען אויפ'ן טיש. א פלעשעל האט זיך איבערגע־קעהרט און א גלעזעל איז צושמעטערט געווארען אן דיל.

— אי, איך פאל!... — האט די פרוי אויסגעשריען און איהר געמאכט אויפגערעגטע קול האט נאך מעהר צובלאזען דעם זינלאז־פרעהליכען גערודער...

— הורראה! — האט פארכאמענקא אויסגעשריען. — זאל לע־

בען די שעהנהייט !.. דערלאַנגט איהר ווייז... זאָל זי אונז אניאַגען !

די מענער זיינען צוגעפאַלען צו איהר ווי די היישעריקען. די אויגען האָבען געשאָסען שפּיציגע פונקען, די פינגער האָבען חשק׳דיג זיך געקלאַמערט אן די קיילעכדיגע היפטען, געטאַקטע פּיס און רונד־ליכע האַלבנאַקעטע אָרעמס. פאַרכאַמענקא האָט געשטופּט אין איהרע פייער־רויטע ליפּען א בעכער מיט גלעזן שאַמפּאַניער. אפאַלאָוו, מיט טרוקענרויטע פלעקען אויף זיינע קלאָהר ווייסע באַקען, האָט געקושט איהר נאַקעטען אָרעם, איבער דער הענדזשקע. דער דיקער בערזען־ספּעקולאַנט האָט צוגעטראָגען כמעט צו איהר ברוסט זיין פּעטען, נאַסען מויל, איהר צוגעטרונקען און געהירזשעט, ווי א דיקע, זאַטע בהמה ביים בעלויפען זיך. עס האָט זיך געדוכט, אז אט וואַרפען זיי זיך אַלע אַרויף אויף איהר ראַזעווען, געשמאַקען, נאַקעטען לייב, וואָס דער שוואַרצער שפּיצען־געוועב האָט קיין טיילכעלע פון איהם ניט בעהאַלטען פון אויג און נעהמען עם רייסען, פליקען, קוויטשענ־דיג און ראַנגלענדיג זיך מיט די ציינער.

בלויז פאָדגורסקי האָט גלייכגילטיג געזויגען דעם ליקער, און מיזשויעוו, אן אנגעלאָדענער מיט מרה שחורה, איז אבגעלאָזען גע־זעסען אויף דער קאַנאַפּע און געקוקט מיט זיינע שלעפעריגע גרויסע אויגען.

די פרוי האָט מען צוגעטראָגען צו דער קאַנאַפּע און איהר אבגע־לאָזען. משמעות, האָט זי זיך שטאַרק אבגעשלאָגען אויף. אָבער זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי קייכט זיך פון געלעכטער, געשלאָגען מיט די שפּיצען פון איהרע אונפערשעהמטע פינגער איבער די הענד, וואָס האָבען זיך געכאַפּט צו איהר, און געשריען כלומרשט מיט א הער־שערישען, פאַלשען קול:

— פערגעסט זיך ניט !... פערגעסט זיך ניט, מיינע הערען !.. די הענד אוועק ! גיט מיר נאָך שאַמפּאַניער... איך וויל היינט שכור זיין !... מיר איז גוט... ווען איהר וואָלט געזעהן, ווי דאָס פּובליקום האָט מיך היינט אויפגענומען ! — א טריאומף !...

און זי האָט אויסגעזונגען אויף אונגעריכט הויכע טענער א קופּ־לעט׳ל מיט א ליַנקע אנצוהערעניש.

אפאַלאָוו האָט איהר דערלאַנגט א בעכער ווייז און פּלוצלינג אונטער׳ן בעכער אנגעצונדען אן עלעקטרישע טאַשען־לעמפּעל. דער גלעזער געטראַנק איז ווי דורכגעשטאָכען געוואָרען מיט שאַרפע גאָלדענע

נארעל־פונקען, און דער שאמפאניער האט זיך צולאכט, ווי לעבעדיג. עס איז נאדנע שעהן געווען, די געלע פונקען האבען זיך אבגע־שפיגעלט אין דער פרוי'ס שווארצע אויגען און צונגעבען זיי עפעס ווילד־פאנטאסטישעס.

— אך, ווי רייצענד!.. קרוינגדעלע, נאך, נאך!... — האט זי געשריען און זיך פערגאנגען אין א פערפיהרערישען געלעכטער, ווי מען לאכט אויף דער ביהנע אין דער ראלע פון „וואסער־שדיכעס".

אפאלאוו האט ווידער געוואלט אנצינדען, נור פארכאמענקא האט פלוצלינג ארויסגעריסען פון איהם דאס לעמפעל און געלאזען דעם שטראם בלענדענד ווייס־ליכט איהר אין די אויגען אריין. זיי זיי־נען געווארען געל און דורכזיכטיג, ווי ביי א קאץ. די פרוי האט גע־נומען פינטלען פאר וועהטאג, און גלייך זיך צולאכט. אבער אלע האבען צייט געהאט צו בעמערקען, אז די ברעמען זיינען ביי איהר אונטערגעפארבט, אזוי קינדערש־אונבעהאלפען, און אז ארום די אוי־גען־ווינקלען האבען זיך אויסגעלעגט אזעלכע רחמנות'דיגע קנייטשלאך. די נאך גאר יונגע פרוי האט שוי זגעהאלטען אין וועל־קען. אפילו פאדגורסקי'ן און אפאלאוו'ן איז געווארען ניט צו מוט. עס האט זיי עפעס באנג געטהאן. איין פארכאמענקא האט גאר נישט געזעהן. ער האט כלומרשט אונגערן זיך פערטשעפעט מיט'ן פוס אן איהר געשטיקטען שלייף, וואס איז אראבגעהאנגען א צונויפגעקנויל־טער אויפ'ן דיל, האט א שלעפ געטהאן און איהם צוריסען.

— אך, וואס טהוט איהר! — האט די פרוי אויסגעשריען, און מיזשויעוו האט אין איהר קול דערהערט דעם שרעק פון א פערצי־טערטער שקלאפין.

פארכאמענקא האט זיך געמאכט, אז ער איז שיער ניט אומגע־פאלען און ער האט שוין קענטיג אומישנע, ווייטער גענומען ריי־סען די שפיצען. איהר פולער פוס און זיידענער זאק האט זיך אבגע־דעקט. עפעס אכזריות'דיגעס, קעצישעס האט דורכגעצוקט פארכא־מענקא'ס פנים.

— לאזט זשע אב! — האט די פרוי ווידער אויסגעשריען, און איהרע אונטערגעפארבענע אויגען האבען א פינקעל געטהאן בייז און שרעקעדיג.

אפאלאוו האט זיך דערפיהלט אונבעקוועם, ער האט אין פערלע־נעגהייט זיך געטראמפעלט ארום זיי, זיין יאפאנעזיש פנים האט גע־

שמייכעלט מיט אַן אומנאַטירליכען, ניט זיכערן שמייכעל. פּאַדגורסקי האָט, ווי עס שיינט, גלייכגילטיג זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, אבער פּונקט אין דער רגע, ווען מיזשויעוו, מיט עקעל אין פּנים, האָט זיך געוואָלט אריינמישען, האָט פּאַדגורסקי פּלוצלינג אויסגעשריען:

— פּאַוועל אלעקסעאיטש... גענוג!

פּאַרכאַמענקאָ האָט זיך אַזש געטרייסעלט פאַר התפּעלות, כלומרש אום צורעכט צו מאַכען איהר דאָס קלייד, איז ער מיט שוויי־סיגע הענד געקראָכען צו איהרע קיילעכדיגע קניה און אַזוי ארויפ־געקאַשערט די שפּיצען, אַז אַ פּאַס נאַקעטע ראָזעווע לייב האָט זיך בעוויזען... די פרוי האָט זיך ארויסגעריסען און היסטעריש זיך צו־לאַכט. אבער דורך דעם געלעכטער האָבען זיך געהערט טרעהרען, נאַ־איווע, פּשוטע טרעהרען. עס איז איהר אַ שאָד געווען איהר שעהן טייער קלייד.

— הערט זשע אויף.. איך מיין עס אָהן שפּאַס!... — האָט פּאַדגורסקי איבערגע'חזר'ט.

— טאַקע לאָזט אָב, פּאַוועל אלעקסעאיטש, — האָט מיזשויעוו איהם אונטערגעשטיצט און זיין פּנים האָט זיך געקנייטשט מיט עקעל.

אָבער דער צווישעטער פּאַרכאַמענקאָ האָט שוין ניט געהערט אָדער ניט געוואָלט הערען. דאָס רויטע פּנים, מיט די שוואַרצע וואָנ־צעס, איז געוואָרען ברוטאַל, פון תאוה און רציחה.

— איהר הערט צי ניט?... איך זאָג אייך, איהר זאָלט אויפהע־רען! — האָט פּאַדגורסקי פּלוצלינג אויסגעשריען, ניט הויך, אבער מיט אַ סטראַשענדיגען בייזער. עס האָט מאָדנע אָבגעקלונגען דער קול, מיזשויעוו האָט זיך אַזש אומגעקוקט פאַר איבעררעשונג. ער האָט ערוואַרט, אַז פּאַרכאַמענקאָ וועט דאָ גלייך אָבטהאָן אַ מיאוסע זאַך, אבער פּאַרכאַמענקאָ איז גלייך אָבגעטראָטען פון דער פרוי, און אין זיינע ברענענדע גזלניש־צורייצטע אויגען האָט אַ בלישצע געטהאָן אַ ציטעריג פייערל, ווי ביי אַ מייזעל.

— מיר וועלען דאָס באַלד גוט מאַכען... — האָט אַפּאַלאָוו גע־וואָלט שלום מאַכען. — גיט מיר אהער אייער שפּילקע... — האָט ער זיך געווענדעט אין אַ טאָן פון מיטגעפיהל צו דער פרוי, וועלכע האָט מים איין האַנד צונויפגעקליבען די אָבגעפליקטע שטיקער שפּיצען.

— קוקט נור, ווי גרויסמוטיג! — האָט פּאַרכאַמענקאָ געמרוקעט

פרעך און ציטעריג צוגלייך. ער איז אבגעטרעטען, ווארפענדיג קרומע בליקען, ווי א הינטעל. — מען טאָר שוין גיט א שטיק טהאָן... מיר האָבען וואזשנערע פאנעס געזעהן!...

— עס איז צו אלץ דאָ א גרענעץ... — האָט מיזשויעוו קאלט בעמערקט.

פארכאמענקא איז אויף א רגע אנטשווינען געווארען, ווי ער וואָלט זיך פערלאָרען, אבער באלד איז ער כלומרשט ווידער פרעהליך געווארען און האָט זיך אומגעקעהרט צו דער פרוי. ער האָט פערשטאַנען, אז זיינע שטיק זיינען קיינעם ניט געפעלען, און ער האָט זיך דערשראָקען.

צוויי פאפירענע הונדערטער האָבען זיך בעוויזען אין זיין האנד און ער האָט זיי טריאומפירענד אריינגעשטעקט אין דער פרוי'ס נאקעטען בוזים. זיין האנט האָט זיך א גראָב געטהאָן צווישען די פרעכטיג־פוכיגע בריסט.

— נו, עמאטשקא!.. זיי ניט בייז!...

עמא האָט זיך אויף אמאָל בערוהיגט, ווי אן ארטיג מיידעלע, אין איהרע שווארצע אויגען האָבען א פינקעל געטהאָן מיט זשעדנעקייט און זי האָט פלוצלינג א קוש געטהאָן פארכאמענקא גלייך אין די שווארצע נאסע וואנצעס.

— אך, וואס פאר א גוטער איהר זייט!... — האָט זי א זאָג געטהאָן, און עס איז איצט שווער געווען צו דערקענען, — צו אויפריכטיג צי ניט. נור די אויגען האָבען בעקומען אן אונגאטירליכען גלאַנץ.

— נאָך וואס פאר א גוטער! — האָט פאדגורסקי זיך אבגערופען א קלייניגקייט: דאָס קלייד צוריסען, און געלד געגעבען!.. אן אנטיק! אויף זיין פנים איז געווען אזא אויסדרוק, ווי אָט גיט ער זיך א וואָרף און לאָזט אראָב פארכאמענקא'ן א פראסק אין זיין קיילעכדיגע, זעלבסט־צופרידענע פיזיאָנאָמיע.

— וואס איז דאָס פאר א מאנערע!.. — האָט ער ווייטער גערעדט מיט צארן און עקעל — שלאָגען, רייסען און דערנאָך זיך אויסקויפען מיט געלד!... דאס איז פון די חכמות פון די מאסקווער קלייטען!...

ער האָט אזוי בעטאָנט זיינע ווערטער, ווי ער וואָלט געזוכט צו בעליידיגען ניט נור מיט דעם זין זייער'ן, נור מיט זייער יעדען קלאַנג.

— איהר דאַרפט נאָך פּרובירען, צ. ב. ש. איינרייבען לאַקייסקע מאָרדעס מיט זענעפט... דאָס וואָלט אויך ניט שלעכט געווען... אָדער ברעכען שפּיגלען מיט'ן אייגענעם שטערן!...

פּאַרכאַמענקאָ איז זיך פערגאַנגען אין א קוויטשעדיג געלעכטער. און מיזשויעוו האָט מיט איבערראַשונג געזעהן, ווי זיין שעהן פּנים, מיט די שוואַרצע וואָנצעס, צוקט פאַר שרעקעדיגען און אהנמעכטיגען צאָרן, ווי ביי א הינטעל, וואָס וויל בייסען און האָט מורא.

— נו גוט, גענוג... מיר ווייסען אלע, אז איהר זייט נישקשה פון א חוצפּה'ניק, — האָט פּאַרכאַמענקאָ זיך פערטיידיגט, און זיינע אויגען זיינען ארומגעלאָפען אין אלע זייטען.

אָבער פּאָדגורסקי האָט זיך ווי פון קייט אראָבגעריסען און איהם שוין ניט אבגעלאָזען. ער האָט איהם געמאַכט פערשיעדענע פאָרשלעגע: זאָל ער פאָהרען איינער אליין אין פּיער קאַרעטען; זאָל ער זיך מאַכען א וואַנע פון שאַמפּאַניער, אדער לאָזען דורכברעכען א וואַנד ביי זיך אין הויז פאַר א פּייערליכען אויפטריט, ווי דאָס איז איינגעפאַלען צו טהאָן א מאַסקווער געלדזאַק.

פּאַרכאַמענקאָ האָט געלאַכט אלץ אוננאַטירליכער, און עס איז געווען צו זעהן, אז אָהנמעכטיגער שרעק קעמפט אין איהם מיט ווילדען האַס.

אַפּאַלאָוו האָט זיך אַזש איינגעבויגען צו פּאָדגורסקי'ן און שטיל א פרעג געטהאָן:

— וואָס פאַר א צויבער־וואָרט האָט איהר אויף איהם?

— וואָס פאַר א צויבערוואָרט! — האָט יענער געענטפערט ערנסט־פערעכטליך, — גאָר פּשוט, די דאָזיגע לייט מיינען אז מיט זייער געלד קענען זיי אלץ זיך ערלויבען... און ווען זיי שטויסען זיך אָן אויף איינעם, וועלכער שפּייט הונדערט טויזענד מאָל אויף זייערע קאַפּיטאַלען, ווערען זיי ווייך, ווי פּוטער... וואָרים מיט וואָס אנדערש קענען זיי ארויסקומען!

דער דיקער ספּעקולאַנט, מיט זיין דעליקאַטען אידישען חוש, האָט געפּרובט אבווישען דעם אונאַנגענעהמען איינדרוק פון דער סצענע, און ער האָט אריבערגעפיהרט דעם געשפּרעך אויף מיליאָנערען בכלל און זייערע איינפעלע. ער האָט דערצעהלט א צוויי דריי אנעקדאָטען.

דאָס איז איהם געלונגען, עס האָט זיך פערבונדען אן אלגעמיינער

נעשפרעך, און פארכאמענקא, מיט בלישצענדע אויגען, פאר התלהבות האט אויסגעשריען:

— ניין, ניט דאס, ניט דאס!.. זיי האבען קיין געשמאק ניט... דאס אליץ איז גראב, פלאך! מיר וואלט זיך אט וואס געוואלט: איינשפאנען אין א קארעט א פינף באלערינעס... טאקע אין זייערע טאנץ־קאסטומען: אין טריקא און מארלענע קליידלאך... און זיך דורכשפאציערען מיט זיי איבער'ן פראספעקט. עס וואלט דאך געמאכט א פוראר!... גלענצענד!...

— וואסערע נארישקייטען! — האט עמא אויסגעשריען מיט געמאכטען ברוגז. — ווער וועט דאס וועלען נעהמען אזא חרפה אויף זיך!...

— עט! געבען יעדערער צו טויזענד אדער צוויי, וועט אדאלבערג אליין נעהן ביי מיר אין שפאן!

דער ספעקולאנט האט אויסגעשאסען אין א געלעכטער, און זיינע פעטע ליפען האבען א שפריץ געטהאן מיט גערדיכטען שפייעכץ.

— אויף נאמנות, דאס וואלט געווען אמת אריגינעל!

— א פראגע! — האט דער ענטציקטער פארכאמענקא אויסגעשריען מיט היץ — איהר מאהלט אייך נור: ראזעווע פיסלאך, די מארלענע קליידלאך אויפגעבלאזענע ווי די פענכערס, די נאקעטע רונדענלאך!.. מען קען אויך אביסעל אונטערקאטעווען!... ניין, ווירקליך, מען דארף נור האבען פאנטאזיע, קען־מען צוטראכטען גאר א גוואלדאוונע זאך, זאג איך אייך!

מיזשויעוו איז שווער געזעסען אויף דער סאפע און כמעט ווי גאר ניט געטרונקען. זיינע אונגעזונדערע אויגען האבען געקוקט מרה שחורהדיג. און ווי ער וואלט זיך די גאנצע צייט געאיבעלט. און וואס ווייטער, אלץ לאנגווייליגער, איבעלדיגער איז איהם געווארען. דאס הארץ האט געקלעמט מיט אלץ א שארפערען וועהטאג. אבער ער איז געזעסען און געזעסען. ער האט מורא געהאט צו בלייבען אליין, ער זאל ניט דארפען טראכטען, עס זאל איהם ווידער ניט נעהמען ציהען צו עפעס אונפערשטענדליכעס, ציהען אהנמעכטיג און שווער.

די געשרייען און געלעכטערס האבען איהם פערטויבט, אבער יעדעס ווארט און יעדע בעוועגונג זיינען, איהם געווען צואווידער.

א קויפמאנס א זיהנדעל, וואס אט איז ער א פריץ און אט א קאץ, וואר שפיעלט זיך מיט א מויז; וואס מיינט, אז גליק איז אין דעם, צו

קאַטעווען נאַקעטע באַלערינעס און זיך חלומען איבער אַן אומגליקלי־כער קאַקאַטקע פון קוראַרט... דער פעטער בערזען־ספעקולאַנט, וועלכער פאַסמאַקעוועט זיך מיט תאוה, ווי ער וואַלט געקיים און געזויגען טוי־זענד־רובעלדיגע מיט זיין דיקען צונג, דער ווירקליך בעגאַבטער אַפּאַ־לאַוו, וועלכער טראַמפּעלט זיין פיינע קינסטלערישע נשמה, אום צו געפינען חן ביי אַ געלדזאַק... און מיזשויעוו'ן האָט אַנגענומען אַ שווי־דער ביי דעם געדאַנק, אַז דאָס זיינען טאַקע אמת'ע מענשען און עס וועט איהם אויסקומען צו לעבען צווישען זיי יאַהרען און יאַהרען. ער האָט זיך דערמאַהנט אַן מאַרוסינען און טשעטיריאַוו'ן, און ער האָט מיט קאַלטען אומעט זיך פאַרגעשטעלט זייערע ווייטע, אייביג פיינד־ליכע צו איהם נשמות, וואָס ווייסען עפּעס, וואָס ער, מיזשויעוו, וועט קיינמאָל זיך ניט דערוויסען. און ווידער האָט זיך אויפגעהויבען אין איהם דער פיינליך אַנגעוועהטאַגטער צאָרן. איין פאַרגורסקי, וועלכער איז פערנזמען געווען מיט זיין ליקער און ציגאַר, האָט אַרויסגערופען אַ שוואַכע, אונזיכערע סימפּאַטיע.

— דאָך, ניט מורא געהאַט זיך אַנצונעהמען פאַר דער אָרימער עמאַ...

עס איז שוין געווען גאַר שפּעט. אויסגעטרונקען האָט מען פיעל, און זיך אָנגעלאַכט און אָנגעשריען. די מידקייט האָט זיך איבערגע־גאָבען אין טולמעדיגער אויפגערעגטקייט. עמאַ איז געוואָרען פלאַקער רויט און האָט זיך בעדעקט מיט שוויים. פון איהר האָט געטראָגען מיט דעם אויפרייצענדען ריח פון פּרוי, פּודרע און פּאַרפיום, די גלאַטע, ווייכע הויט אויף די נאַקעטע אַקסלען און אויף דער ברוסט האָט שוין אויסגעזעהן גאַר נאַס, און האָט היפּנאָטיזירט די מענערשע בליקען. און עמאַ אַליין האָט זיך שוין געקוואָלען און געשמאַכט פון ערויאַרטונג. איהרע קעציש־נגעלע אויגען האָבען זיך געפייכט און גע־בלישצעט אונפערשעהמט. זי האָט זיך געזעצט אויף די קניה, גע־טאַנצט מאַטשיש. געקניפּען אין די הענד, זיך געדריקט מיט די נאַקעטע אַקסלען האַרט צו זייערע מיילער. די מאַנסבילען זיינען אַלע ווילדער געוואָרען, אויסער מיזשויעוו און פאַרגורסקי, וועלכער ווי קיינמאָל גאָר נישט האָט זיך געזייהט דורך די צייהן דעם ליקער: די איבריגע האָ־בען זיך געדרענגט אַרום איהר, און עס איז שוין קלאָר געווען, אַז אָט באַלד וועט זי ווערן די רויב פון אייגעם פון זיי, אום צו שטילען זיין נאַקעטע צווישעטע תאוה.

אַט רי בעשיינפערליכע נאָהענטקיים פון דעם מאָמענט, ווען איי־נער פון זיי וועט נעהמען אויסטהאָן די איצט נאָך אנגעטהאָנענע פרוי, דאָס וויסען, אז זי איז גרייט צו דעם, און דער וואונש צו זיין דער ערשטער, האָט געמאכט פיבערן די מאנזבילען ביז צו קרעמפען אין די פיס.

אפּאלאוו האָט ניט געקענט איינזיצען, ער האָט זיך גאר נאָהענט צוגעבויגען צו דער פרוי, און דער אויפרעגענדער ריח פון אונטער איה־רע נאקעטע ארעמס האָט איהם געשלאָגען אין קאָפּ אריין, און זיינע באקען האָבען זיך געבלייכט, ווי ביי א חולה, ער האָט געוואוסט, אז קריגען איהר וועט ער ניט, דאָך האָט אַ פּיצעלע האָפנונג איהם ניט אויפגעהערט צו קיצלען.

— איהר זייט אמת שעהן... אזא בויג פון די ברעמען, אזא שניט פון נאקען, ווי ביי אייך, האָבען זיך מיר געוויזען אין חלום... אך, ווען דער חלום וואלט וואָהר געווען! — האָט ער געשעפּטשעט. אבער דורך דעם ריטערליכען אנשטעל, דורך דעם אונטערשטרייכען, אז „נאָך אלעמען אכט ער איהר און שעצט“, האָט זיך דאן דורכגעזעהן די קלעגליכע, נישטיגע כונה: „נו, גיב זיך מיר אב... גיב זיך אב!.. וואָס וועסטו אנווערען, אז דו וועסט זיך איינמאָל אבגעבען, אזוי... נאָר צו מיר אליין!... גיב זיך מיר אב!“...

דורך דעם טומעל און געשריי האָט צו מיזשויעוו'ן פארט דער־גרייכט אפּאלאָוו'ס ציטעריגער געבעט, און ער האָט געפיהלט ערגערניש און עקעל.

די פרוי איז, קענטיג, אפּאלאָוו נעפעלען, און כאָטש זי האָט צו איהם געלאכט און פון צייט צו צייט געצונדען זיין לייב מיט א וואָס־טיגער בעריהרונג פון איהרע נאקעטע ארעמס און ברענענדע פיס, דאָך האָבען איהרע קעציש'ע אויגען שארף נאָכגעשפּירט פארכאמענקאָ'ן און דעם ספּעקולאנט. מיזשויעוו האָט געקוקט אויף איהר מיט א שווע־רען בליק, און זי איז איהם פארגעקומען פונקט אזוי קלעגליך־עקעל־האפט, ווי זיי אלע. איהר שטארקען פרויען־קערפּער האָט, קענטיג, געצווינגען צו אפּאלאוו'ן, און זייער פעראייניגונג וואָלט, מן הסתם, גע־ווען בליץ־שארף און פייערדיג, כאָטש זי האָט שוין לאנג געפיהרט א לעבען פון א קאָקעטקע. דאָך האָט זי ניט געוואגט נאָכצוגעבען דעם געהיימען וואונש פון איהר קערפּער און זי האָט געווארט, ווי א שקלאָ־

פין, עמיצער א גלייכגילטיגער זאָל קומען און בעשפּריצען איהר מיט זיין קאַלטער תאוה.

— עלענדע קלעגליכע מענשען!" — האָט מיזשויעוו געטראַכט. אָבער נאָך קלעגליכער און עלענדער איז ער זיך אַליין פאָרגעקומען.

— איהר ווייסט, אין מיין ערצעהלונג „פייער" איז פאַרהאַן א פרוי, עהנליך צו אייך... — האָט אַפּאַלאָוו געשעפּטשעט, און זיין בלייך פּנים האָט זיך בעדעקט מיט רויטע פלעקען.

— שפּייט דאַרויף, מיין טייערער! — האָט פאַדגורסקי פּלוצלינג איהם איבערגעשלאָגען אויף א קול — גאָר נישט וועט אייך אַרויס־קומען דערפון!... דאָס איז א געריכט ניט פאַר מיר מיט אייך!...

אַפּאַלאָוו'ן האָט אָבגעשווינדערט, און ער האָט זיך פערלאָרען, ווי א געכאַפּטער ביי דער האַנד. דער פיבער איז ווי מיט דער האַנד אַראָבגענומען געוואָרען, נור אום אַרויסצודרעהען זיך פון דער פער־לעגענהייט, האָט ער נאָך געפּרובט נעהמען א חוצפה'דיגען טאָן:

— און אפשר יאָ! ווער ווייס!... איאַ, עמאַ, מען קען נאָך ניט וויסען?

געפּרעגט האָט ער אין שפּאַס, אָבער געגען זיין ווילען האָט זיין בליק לאַנג זיך פערהאַלטען מיט א געהיימער פראַגע אויף עמאַ'ס אויגען. זי האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ און זיך צולאַכט מיט איהר פערפיהרערישען געלעכטער, מיט דעם געלעכטער פון א „וואַסער־שד'יכע", איהר אָפענער, צאַרטער, פּוכיג־ווייכער בוזים און איהרע שטאַרקע היפטען האָבען זיך אויסגעבויגען, ווי אויסגעהענדיג פאַר פערלאַנג. אָבער זי האָט זיך תיכף דערשראַקען, טאָמער האָט עס פאַר־כאַמענקאָ בעמערקט, און בגניבה איהם אַנגעקוקט.

און יענער האָט ווי געלעזען אַלע איהרע געדאַנקען און געהיימע געפיהלען. אויף זיין פּנים האָט ווי פריהער אויפגעלויכטען א רציחה־דיגע פרייד. ער האָט א פאַר אויגענבליקען אַריינגעקוקט איהר אין פּנים אַריין. געציקט מיט די אויגענווינקלען און פּלוצלינג האָט ער דער גאַנצער געגומען שיינען פאַר נצחון.

— הערט מיך אויס, מיינע העררען! — איז ער אַרויפגע־שפּרונגען אויף א שטוהל — מיר זיינען זאַלבע דריט...

— זאַלבע פינפט! — האָט פאַדגורסקי אַריינגעשטעלט א שפּאַ־טישע בעמערקונג.

פאַרכאַמענקאָ האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט נים.

— און איין פרוי !.. אלע אויף איינע — דאס איז בארבאריי ! איך שלאג פאר אויסצופלעטען עמא'ן.

— פי ! — האט עמא כלומרשט אויפגעשוידערט.

— אדער ניין... ניט אויספלעטען !.. נור אט וואס : לאמיר מאכען א טערקישען אוקציאן. דאס וועט זיין אמוזאנט !... ווער גיט מעהר !... ווער גיט מעהר פאר א „נאכט פון ליעבע און גענוס !“

— אן אויסגעצייכענטע אידעע ! — איז דער ספעקולאנט גאר נתפעל געווארען.

— אלזא, נעהט עס ? איז אבגעמאכט !... פאדגורסקי, איהר וועט זיין דער שאצער !... עמא, אהערצו אויפ'ן שטוהל... דאס יאקעל מעהר !... דער סוחר זאל זעהן די סחורה !

— וואס עפעס גאר ?... — האט די פרוי קורץ א לאך געטהאן, ווי מען וואלט אויף איהר א שפריץ געטהאן מיט קאלט וואסער. אבער דורך דעם געמאכטען געלעכטער האט מיזשויעוו, ווי פריהער, בעמערקט, אז איהר פנים האט זיך לייכט פערדרייטעלט.

— אה, גארנישט, גארנישט ! עס וועט דיר ניט אבפאלען !.. א טערקישער אוקציאן !... דו עקשן זיך ניט ! — איז פארכאמענקא אלץ מעהר בעגייסטערט געווארען פאר זיין איינפאל.

מיזשויעוו האט אויסגעשטעלט אויף זיי אן אונבעוועגליכען בליק.

און אונטער דער ווילדער מוזיק פון חשק און תאוה, האט פאר זיינע אויגען זיך אבגעשפיעלט אן אויפרעגענד אומגעלומפערטע סצענע.

עמא האט זיך אליין ניט אויסגעטהאן און לאנג ניט צוגעלאזען זיך. אין איהרע אויגען האט געפינקעלט א פערשטיקטע שעמעדיגקייט, א פער'יתומ'ט פיצעל צניעות, און איהרע באקען האבען זיך בעדעקט מיט ראזעווע פלעקען. פארכאמענקא האט אזש געסאפעט און זיך געטרייסעלט, ווען ער האט קוים מיט צרות אראבגעשלעפט דאס יאקעל פון איהרע פולע בלישצענדע אקסלען. און פלוצלינג האבען צוויי יונגע, שטייפע בריסטלאך, א הארעלע נור אויפגעלאפענע, זיך בעפרייט פון זייער געפאנגענשאפט — פון ענגען קארסעט און די זיידענע שפיצען פון העמד, — א ציטער געטהאן און זיך גענומען וויעגען פאר די זשעדנע מאנסבילשע בליקען.

א מאמענט פאר דעם האט זיך מיזשויעוו'ן געווארפען אין די אויגען אפאלאוו'ס פערווילדערט פנים. אנגעצויגען, ווי א סטרונע, האט ער מיט א פערשטיקטען אטעם נאכגעקוקט יעדער בעוועגונג פון

פרויען־קערפּער, וואָס ענטבלויזט זיך פאַר מענער, און ווען מען האָט די האַלב־נאַקעטע פרוי אַוועקגעשטעלט אין דער הויך אויף אַ שטוהל און זי האָט אינסטינקטיוו זיך פערשטעלט מיט די הענד, האָט אַפּאַ־לאָוו זיך אַזש אַ שאָקעל געטהאָן, און מיזשויעוו'ן האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער זיך אַ וואַרף טהאָן, אום אַוועקצורייסען אָט די פערשטע־לענדע הענד.

— ע־ע־ע... — האָט פּאַרכאַמענקאָ געשריען מיט אַ שיכור'ן קול

— די הענד, די הענד... די הענד אויפ'ן קאָפּ! אַלץ זאָל מען זעהן! און אָוקציאָן... אַנדערש געהט עס ניט.

אַ מינוט האָט עמאַ געקעמפּט מיט זיך אינערליך, און עס איז געוועזען מאָדנע צו זעהן, ווי אַ פרוי, וואָס האָט זיך אַבגעגעבען אַלע־מען פאַר געלד, קעמפּט אַזוי מיט זיך. עס איז געוועזען אין דער סצע־נע עפּעס, וואָס האָט אַריבערגעשטיגען איהרע כוחות, און דאָס האָט נאָך מעהר אָנגעברענט ביי די מאַנסבילען דעם פערלאַנג נאָך ברוטאַ־לען נענוס. אפילו מיזשויעוו האָט דערפיהלט, ווי אַ היציגע מוטנע כוואַליע האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין קאָפּ.

פּלוצלינג האָט אין איהרע אויגען אַ בלישצע געטהאָן אַזש אַ שטאָלץ און צוגלייך דערמיט אָן אָהנמעכטיגער, הילפלאָזער האַס... און זי האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען די הענד.

איצט איז די פרוי געשטאַנען אין גאַנצען אָן אָפּענע און אַ הער־שערישע אין איהר אונטערטהעניגקייט. איהר נאַכגיעביגקייט האָט גע־צויגען ווי מיט צוואַנגען. דער קערפּער האָט זיך מיט אונפערשעהמ־טער חוצפה אויסגעבויגען אויף הינטען, די בריסטען האָבען זיך אַרויס־געשטעלט פאַראויס. בלויז פון די פערפינסטערטע אויגען האָט געוועהט כמעט אַ קעלט און דער טויטער שמייכעל אויפ'ן פּנים האָט געוואָרפען אַ פּחד. זי איז געווען אי שעהן, אי שרעקליך, און עס איז געוועזען משונה צו דענקען, אַז זי איז ניט מעהר, ווי אַ קאַקאָטע, אַ זינ־גערין פון קאַזינאָ.

„און וואָס קען זי איצט טראַכטען?" — האָט זיך שוואַך דורכ־געטראָגען ביי מיזשויעוו'ן אין געדאַנק.

— אַלזאָ... — האָט פּאָדגורסקי אויסגעשריען און אַ קלונג גע־טהאָן מיט אַ מעסער איבער אַ קריסטאַלענעם בעכער, און דער קלאַנג האָט דורכגעשניטען די לופט־ווי מיט שאַרפען וועהטאָג. — עס ווערט פערקויפט פון אָוקציאָן אַ פרוי מיט'ן נאָמען עמאַ!... די קויפער קע־

נען איהר בעקוקען און אפילו אנריהרען מיט די הענד!.. די ערשטע שאצונג... און דא האט פאדגורסקי זיך פערשטאמעלט, אבער ער האט באלד אויסגעשאסען, ניט געטראכטערהייד: דריי הונדערט רובל!... ווער ניט מעהר?

— פיער הונדערט! — האט פארכאמענקא אויסגעשריען און שוין אויפגעהויבען דעם בעכער צו פערענדיגען דאס געשעפט.

— זאל זיין פינף הונדערט! — האט דער בערזען־ספעקולאנט זיך פערכלינעט, און דער אויסדרוק פון זיין געזיכט האט זיך תיכף געשפאלטען אין צווייען: אין ציטעריגע קארגשאפט און הפקר'שע תאוה.

פאדגורסקי האט איהם שפאטיש אנגעקוקט.

— פינף הונדערט... ווער ניט מעהר? — האט ער ווייטער געשריען, — איינמאל!

אפאלאוו האט געפלאמט, אן אבגעגאסענער מיט שוויים, און גע־שמייכעלט זינלאז און פערלארען. א ווילדער געדאנק איז איהם דורכ־געפלויגען — אנטלייהען ביי עמיצען געלד. און אין זיין צוהיצטען מוח האט זיך אהנמעכטיג געפלאנטערט: מארגען צאהלען פאר'ן נומער אין האטעל, און באהנגעלד קיין מאסקווע, און די בלייכע דער־צארנטע ווייב. אבער א רייצענדער נאקעטער פרויען־קערפער איז געשטאנען פאר איהם און געבלענדט און געבליצט מיט זיי־נע קיילעכדיגע גליעדער.

— ווי עס איז... דערנאך ערגיץ קריגען... — האט ער געטראכט מיט די לעצטע כוחות, אבער גלייכצייטיג האט ער אזוי קלאר גע־וואוסט, אז ער וועט ערגיץ ניט קריגען, אז א היים וועט ער מוזען פאהרען, און אז ער וועט עס ניט וואגען, און א רחמנות'דיגער נעבאך־שמייכעל האט צוקרימט זיין שעהן ערדעל פינם.

און דער אוקציאן איז אנגעגאנגען ווייטער. די אונגעוועהנליכע אומגעבונג, די האלב נאקעטע פרוי, וועלכע איז אויסגעשטעלט צום פערקויף אזוי אפען, ווי א טערקישען פרויען־מארק, דאס אלץ האט די מאנסבילען צורייצט ביז צום העכסטען, גאר געפעהרליכען פונקט. עס האט זיך געדוכט, אז קיינמאל פריהער האבען זיי ניט נור די פרוי, נור בכלל קיין נאקעטע פרוי ניט געזעהן, און מיזשויעוו האט דער־פיהלט, אז דאס נעהמט ווירקען אויף איהם אויך. זיינע ברייטע נאזלעכער האבען שטיל זיך גענומען פונאנדערבלאזען. ער האט גע־

וואַרפן אַ בליק אויף די צוהיצטע פנים'ער, און איז לאַנגזאַם דורכגע־גאַנגען מיט לויערענדע אויגען איבער דעם נאַקעטען פרויען־קערפּער, און אַ קורצער געדאַנק, ווי אַ בליץ, האָט דורכגעשניטען זיינע געהירן:
„און ווי איז, אַז איך רייס עס אַרויס פון אונטער זייער נאָז?"
אין זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען שטעכיגע פונקען. דער הערשערישער בעוואוסטזיין פון זיין מאַכט האָט איהם פער'שיכור'ט.
— גיכער, מיינע הערען... קאַלט... — האָט עמאַ פּלוצלינג אַ ציטער געטהאָן מיט די נאַקעטע אַקסלען. איהרע פולע בריסט האָבען אַ פלאַטער געטהאָן און ווי פערגליווערט געוואָרען. ווי אַ בייטש וואָלט אַ שמיץ געטהאָן איבער די צוגליהטע מאַנסבילשע לייבער.
— זעקס הונדערט! — האָט פּאַרכאַמענקאָ אויסגעקוויטשעט פאַר התפעלות.
דער ספּעקולאַנט האָט אמת אידישלאַך עפּעס אַ וואָרטשע גע־טהאָן, ווי אַן ענטשולדיגונג.
— וואָס איז?
— דאָס איז שוין צופיעל, מיינע הערען... אַ שפּאַס איז זיך אַ שפּאַס, אַבער עמקאַ אַליין...
— וואָס מיר עמאַ!... אַן אוקציאָן! — האָט פּאַרכאַמענקאָ גע־פייערט מיט די אויגען — פּאַדגורסקי, — אַ שטריך!...
— ניין, וואַרט אויס... אַז אוקציאָן, זאָל זיין אוקציאָן! — האָט פּאַדגורסקי ניט איינגעלאָזען — ווער גיט מעהר? זעקס הונדערט... ווער מעהר?
אין מיזשויעוו'ן איז אָהן זיין ווילען אנגעגאַנגען עפּעס אַ משונה־דיגער, פיינליכער שפּיעל. אַ טונקעלער, פּערביסען־הארצלאָזער פער־לאַנג האָט זיך געקייקעלט פון אונטען און געקעמפט מיט דעם בע־וואוסטזיניגען עקעל און פעראַכטונג צו אַלעמען און צו זיך גופא. און דאָס אונטערשטע איז געווען שטאַרקער פון דער פעראַכטונג.
— איינמאָל!.. צוויי מאָל!...
פּאַרכאַמענקאָ איז צוגעשפּרונגען צו עמאַ'ן און זי האָט שוין אינסטינקטיוו און געהאָרכזאַם זיך אַ ציה געטהאָן צו איהם.
— זיבען הונדערט! — האָט מיזשויעוו שטיל אַרויסגערעדט.
זיין אָנגעכמאַרעט פנים איז נאָך פינסטערער געוואָרען. עס איז ווי נעביסען געוואָרען פון אינעווייניג פון גיפטיגע שלאַנגען, וואָס זיינען אַרויס אויף דער פריי — רציחה און הערשערישקייט.

פארכאמענקא איז געבליבען א געפלעפטער.

— איינמאל, צוויי מאל!... דריימאל!... פערקויפט! — האט פארגורסקי אויסגעשריען.

און פלוצלינג האט זיך עמא צולאכט מיט א נערוועזען געלעכ־טער. אויף איהרע אונטערגעמארקטע אויגען, מיט זייערע פאלשע פייערלאך, — האבען א בלישצע געטהאן, אהנמעכטיגע, אפשר פאר איהר אליין אונפערשטענדליכע טרעהערן פון בעליידיגונג און שאנדע.

זעקסטעס קאפיטעל.

עס האט געטאגט, און ווייט פון ים האט זיך געגאסען אויף די שלאפענדע שטאדט א דין, בלויליך שיין. די נאכט איז בלייך געווא־רען און שטיל זיך געקליבען אין די בערג, די שאטענס זיינען גרוי געווארען, און אלץ איז געווארען ווי דורכזיכטיג, אפילו די בערג דארט פון דער ווייטענס האבען זיך צולעגט ווי פארטאגיגע וואלקענס אין בלויליכען נעבעל.

דער פוהרמאן האט זיי נעטראגען צו דער זומער־וואהנונג אויסען שטאדט, וואו עמא האט געוואהנט, און פול געמאכט די לעדיגע גאסען מיט הילכיגען גערודער.

מיזשויעוו האט נאך אלץ געציטערט פון דער ווילדער צורודערונג. וואס האט איהם אזוי פלוצלינג פערכאפט, די געקויפטע פרוי איז גע־ווען אין זיינע הענד, און מיט אונבעוואוסטען, הערשענדען געפיהל, אינסטינקטיוו, האט ער געקנעטען דעם צוגעננליכען פרויען־לייב. אבער דאס פרויען־פלייש האט זיך אלץ געגליטשט פון זיינע פינגער, אונטער די טרוקענע פאלדען פון גרויען, ברייטען מאנטעל, אויף ווייס־זיי־דענעם אונטערשלאג. זי איז געווען אנגעטהאן אבי ווי, עס האט איהר געווארפען און געטרייסעלט, אבער עס האט זיך געדוכט, אז ניט פון קעלט. ביים שיין פון בלייכען באגינען, האבען איהרע גרויסע אויגען אויפ׳ן בלייכען, אונטערגעפארבענעם פנים מארנע און דערשראקען געקוקט דורך די אויפגעפלאמטע האר.

אין איהר איז עפעס בעזונדערעס געווען. ווי דורך דער רווישי־נער מעלאדיע פון א בראווירט־אונפערשעהמטען טאנץ רייסט זיך עקשנות׳דיג דורך א געהיימער ציטערנדער פערקלעמ־טער טאן, אזוי האט פון אונטער דער האלב־נאַ־קעטער געפארבטער קאקאטע פון הינטערשטאדטישען שענק פון צייט צו צייט ארויסגעקוקט אן אנדערע — אן אונגליקליכע, דער־

שלאָגענע פרוי. און בעת זי האָט געלאַכט, און געטרונקען, און גע־טאַנצט און געשלאָגן איבער די מאַנסבילישע הענד, וואָס האָבען זיך געכאַפּט צו איהר, פּלעגט דורך די ווינקלען פון די געשמינקטע ליפּען און אונטערגעפאַרבענע אויגען אונבעמערקט דורכצוקען א שאָטען פון בעהאַלטענעם וועהטאָג. און דאָס האָט איהר צוגעגעבען א שאַרפען, פּיינליכען רייץ. נאָר דאָרט, אין רעסטאָראַן, אונטער די עלעקטרי־שע בליץ־לאַמפּען, איז עס פערשטעלט געוועזן דורך דער אונפערשעהמ־טער מאַסקע פון א לעבעדיגער סחורה, וואָס גאַרט פערקויפט צו ווערן, איז אבער דאָ, ווען אלץ איז שוין געוועזן געענדיגט, און איהר איז נור געבליבען צו וואַרטען, אז דער מאַן, וואָס האָט איהר געקויפט, זאָל טהאָן מיט איהר, וואָס ער וויל, איז אָט דער מאָרנער, וועהטאָגדיגער אויסדרוק ארויס פון זיין בעהעלטעניש, אָפען זיך בעוויזען אויף דעם בלאַסען מידען פּנים און אזוי טרויעריג האַרמאָנירט מיט דעם באַ־גינען־ליכט פון אומעטיגען בלאַסען פריהמאָרגען.

און דאָס טאַקע האָט ווילד בערוישט מיזשויעוו'ן, אנגעגאָסען זיין גרויסען קערפּער מיט א שטעכיג ציטערן, מיט שטאַרקער, ברוי־זענדער ליידענשאַפטליכקייט. און וואָס נאָכגיביגער זי איז געוועזן אין זיינע הענד, און וואָס מידער, אומעטיגער האָבען געקוקט איהרע אויי־גען, אלץ טונקעלער, שווערער האָט זיך געהויבען פון שוואַרצען אב־גרונד פון זיין נשמה א בעדערפניש נאָך ברוטאַלען גענוס.

זיי זיינען אנגעקומען צו דער זומער וואָהנונג, און עמאַ, ווי א שווייגעדיגע, אונטערטהעניגע שקלאַפין, האָט איהם געפיהרט צו זיך, דורך א טיעפען טונקעלען גאָרטען, וואָס איז אנגעטרונקען געוועזן מיט די מאַטע ריחות פון אונזיכטבאַרע דרום־בלומען. און דאָ האָט דאָס אונבעגרייפליכע בעדערפניש, נאָך ברוטאַליטעט, גרויזאַמקייט אין גאַנ־צען פערטויבט, פערנעבעלש זיין געהירן.

זי איז געגאַנגען פאַראויס און ער נאָך איהר. און איהם האָט זיך געדוכט, אז אין איהם זיצען צוויי מיזשויעוו'ס: איינעם האָט געשוי־דערט פאַר דעם געפיהל, וואָס איהם האָט בעהערשט, און דער אנדע־רער איז שכור געוועזן פון דעם בעוואוסטזיין פון זיין מאַכט און האָט גאָר ניט געוואָלט וויסען דערפון, וואָס דער ערשטער האָט אזוי קלאָר פערשטאַנען. און וואָס העכער עס האָט זיך געהויבען אין איהם דער עקעל צו זיך און דער רחמנות צו אָט דער מידער פרוי, וועלכע ליידט, קענטיג, און בעהאַלט איהרע ליידען, אלץ מעהר, האָט זיך געשטאַרקט

אין איהם דער דורשט נאך דעם סאמע שמוציגסטען, גרוויזאמסטען גע־נוס. ער האט געהאט א געפיהל, ווי ער פאלט אין אן אבגרונד, זעהט זיין פאלען. און עס גרוילט איהם דערפאר, דאך גליטשט ער זיך אלץ נידריגער און נידריגער. עס איז געווען אין רשות פון אן אויפגעוועק־טער אלטער חיה אין איהם, וואס ער האט שוין לאנג גערעכענט פאר טויט. עס איז געווען אזא וועהטאג, און עס האט אזוי עפעס פער־דראסען און צוגלייך דערמיט איז איהם אלץ געווען גלייכגילטיג, אוי־סער אט דעם ברוטאלען, גרוויזאמען פערלאנג.

— דו... וואהנסט אליין? — האט ער קורץ א פרעג געטהאן. ער האט אין גאנצען געציטערט און געפיהלט, אז די פיס חלש'ן איהם אב אין אונגעדולד פון ערווארטונג און פלוצלינג האט זיך אין איהם עפעס אבגעריסען און א זעץ געטהאן נאך אונטען. און אין צוהיצטען געהירן האט א בליץ געטהאן אן אונזיניגער געדאנק, א רויטער פייער האט זיך אנגעצונדען פאר זיינע אויגען, און ער איז בעהערשט געווא־רען פון עפעס געוואלטיגעס.

מיט דער לעצטער אנשטרענגונג פון זיין ווילען האט ער אנ־געשריען אויף זיך:

—וואס איז דאס... משוגעת? נידערטרעכטיגקייט!...—אבער דער געשריי איז אהנמעכטיג ארונטערגעפאלען און מיט דומפער פערצוויפ־לונג האט עפעס א זאג געטהאן אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה: „נו, מילא... פאר וואס נים, ווען איך קען און וויל עס?... נו — א חיה, א ווילדער עקשן... יא... נו, מילא!"

ווי ער וואלט זיך נוקם געווען אן איינעם, וועלכער איז בעסער, ריינער פון איהם און וועמען ער פערלירט אין דעם מאמענט. און אזש מיט נצחון, מיט בייזער ווילדער פרייד האט געקלונגען זיין קול, ווען ער, מיזשויעוו, האט פלוצלינג אבגעשטעלט עמא'ן:

— הער זשע... — האט ער אונערווארטעט, הייזעריג ארויסגע־רעדט — לאמיר דא!...

עמא האט זיך אבגעשטעלט און אין פלוג ניט פערשטאנען. אינס־טינקטיוו האט זי זיך אומגעקוקט אויף דאס גראז צווישען די בוימער און ראזען־בושען. ער האט איבערגעכאפט איהר בליק, פערשטאנען, די רציחה האט ווי געפלאצט אין איהם און ער האט איהם ווילד א נעהם געטהאן ביי דער האנד.

עמא האט זיך א כאפ געטהאן אויף צוריק, און איהר פנים איז

אויף אמאָל געוואָרען אזוי רחמנות'דיג, דערשלאָגען, ווי דאמאָלס אין רעסטאָראן. ווען מען האָט איהר אויסגעטהאָן איבער געוואָלט. און זי האָט זיך ווידער אומגעקוקט, אבער שוין אזוי האָפנונגסלאָז, ווי א פער־יאגטע חיה'לע, וואס האָט זיך אויסגעשלאָגען פון די כוחות.

— וואָס טהוט איהר!... דאָ טאָר מען ניט... — האָט זי גע־שעפטשעט מיט איהרע בלייך געוואָרענע ליפען.

אבער אבטרעטענדיג, האָט זיך דער מאנטעל האלב צועפענט, און צווישען ווייכען, ברעכיגען זייד, אין שוואכען שיין פון בלאָהען באגינען, האָבען זיך בעוויזען איהרע נאקעטע אקסלען.

— און איך וויל יא! — האָט מיזשויעוו קורץ א זאָג געטהאָן, מיט א מאָדנעם שמייכעל.

זי האָט עפּעס אבגעענטפערט, א טרעט געטהאָן צוריק, זיך אומ־געקוקט מיט גרויסע פערקלעמטע אויגען. א קורצער, קאנוואולסיווער קאמף, און כמעט א נאקעטע פרוי איז געשטאַנען פאר איהם, צווישען א בארג צופליקטע שנעע ווייסע שפּיצען, ווי פון שוים געבאָרען, אט אין דעם פריהמארגען, אין מיטען פון א פאנטאסטישען גאָרטען.

— אך! — האָט זי אויסגעשריען.

מיזשויעוו האָט איהר א כאפּ געטהאָן פאר איהר נאקעטען, בייגי־גען האלז, און פליהענדיג מיט פיינליכען היות, אז ער פערשאפּט איהר וועהטאָג, האָט ער מיט א שרעקליכער קראפט איהר א בויג גע־טהאָן צו דר'ערד.

איהם האָט זיך געוואָלט, עס זאָל איהר וואָס שטארקער וועה טהאָן, אבטהאָן עפּעס גרויזאמעס, אבשייליכעס. ווי בליצען פלעגען דורכלויפען זיין בעוואוסטזיין און ער האָט געזעהן די גאנצע שווידער־ליכקייט און העסליכקייט פון זיין ווילדען אויסברוך. ער האָט געפיהלט ווי דאָס גאנצע שווערעניש, וואָס האָט איהם געדריקט אזוי פיעל יאהרען, ווארפט ער ארויף אויף דער אומגליק־ליכער פּראָסטיטוטקע; און ער האָט מיט א מין בייזער פרייד אריינגע־טראמפּעלט אין דעם שמוץ פון דער שענדליכער, אונזיניגער טהאט די אלע לאנגאניגע, פון קיינעם ניט פערשטאַנענע, פון אלעמען פער־שפּאָטעטע ליידען זיינע.

עמאָ האָט קורץ אויסגעשריען פאר וועהטאָג, און אין דער מי־נוט, ווען די ליידענשאפט האָט זיך אויסגעלאָשען און אבגעשטאָר־בען, צוזאמען מיט די לעצטע קרעמפּ פון בעפרידיגונג, איז מיזשויעוו

ווי אבגעמונקט געווארען אין א כוואליע פון עקעל און פעראכטונג. ער האט קאנוואולסיוו אבגעשטויסען עמא׳ן און גענומען שווער און נאס אטעמען, א בענאסענער מיט שוויים, א צוהיצטער און אבגעשוואכ־טער...

און אלץ, וואס איז אין איהם געווען שווערעס, טונקעלעס און און געוואלטיגעס, איז מיט אמאל פערשוואונדען, און מיזשויעוו האט זיך דערזעהן אזא שמוציגען, מיאוס׳ען, ווילדען, ווי א חיה, אין מיטען א גארטען, אין פריהמארגען שיין, איבער א פערפיינינטער פרוי.

מיט קלאמערנדע פינגער האט זי אונטערגעכאפט איהרע קליי־דער און האסטיג זיך פערוויקעלט אין איהרע בלישצענדע שמאטעס, דערנאך האט זי זיך אומגעקעהרט, זיך אנידערגעשטעלט פאר איהם און אזוי מאדנע געקוקט מיט טונקעלע, געהיימניספולע אויגען אין מיזשויעוו האט אין איהרע אויגען דערזעהן עקעל און שארפען אהנ־מעכטיגען האס.

זי האט געשוויגען און אין גאנצען געציטערט אונטער איהר מאנ־טעל. מיזשויעוו האט א שמייכעל געטהאן, אבגעווארט א ווײלע און ווי צומישט זיך גערירט פון ארט, ניט וויסענדיג וואס צו זאגען און וואס צו טהאן.

ער האט פלוצלינג דערפיהלט, אז א שרעקליכער שאנדפלעק האט זיך צו איהם צוגעקלעפט, וואס מען קען שוין קיינמאל ניט אבווישען. און טונקעלער, איהם ערנידריגענדער שרעק האט איהם דורכגענומען. די אלע מענשען, וועמען ער האט היינט געזעהן, — טשעטיריאוו, פארכאמענקא, מאריא סערגעיעוונא, מארוסין, אפאלאוו — האבען אין אן אויגענבליק זיך דורכעטראגען פאר איהם, און די האסענדע, שטראַ־פענדע אויגען פון טשעטיריאוו׳ן האבען ארויסגעקוקט פון הינטער אט די שרעקליכע פרויען־אויגען, וואס זיינען פול געווען מיט דעם זעל־ביגען פערביסענעם האס. און ער האט שיער ניט אויסגעשריען פאר וועהטאג, שאנדע און פערצווייפלונג.

אבער פלוצלינג איז דורך די דאזיגע אויגען דורכגעלאפען א שאַ־טען, ווי שרעק, אדער חניפה, אדער נייציגקייט. זי האט זיך אנגע־טהאן א כוח עפעס ארויסצוריידען, אבער איהרע ליפען האבען נור אויפגעציטערט, און מיזשויעוו׳ן, וועלכער האט געקוקט אויף איהר, האט אזש גענומען א פחד.

עס האט זיך געראכט, אז דאס איז שוין ניט קיין מענש, נור עפעס

אנדערש — עפּעס מיאוסעס, שפּל'עס: איחרע אויגען, בייזע, גייציגע האָבען געקוקט געמיין און ליגנעריש, די ליפּען האָבען זיך עקעלהאפט געקרימט אין א גליטשיגען שמייכעל. זי האָט געמאכט צוויי טריט פאראויס, אויפגעהויבען איהר נאקעטע האנד און זי ארויפגעלעגט מי־זשויעוו'ן אויפ'ן אקסעל.

דאָס בלייכע באגינען ליכט האָט זיך אראָבגעגליטשט פון די ריינע ליניען פון איהר פּנים און האָט זיך פערלאָרען אין די ווייכע שאטענס פון איהר פולער, פרעכטיגער ברוסט.

דאָס ערשטע געפיהל איז געווען א מין שרעק, נור גלייך די צווייטע רגע האָט ער בלויז געפיהלט עקעל און שאנדע. עקעל צו איהר און צו זיך. און עס איז אזוי משונה געווען צו דענקען, אז ערשט מיט א מינוט צוריק האָט זיך דורך איהם דורכגעטראָגען א שטורם. א שטורם האָט אויסגעבראכען, און ער האָט אויסגעזעהן, אז דאָרט, וואו ער האָט אויסגעבראכען, איז גאר נישט ניט געווען. עפּעס איז ער אזוי נאריש און נוצלאָז אוועק, און געבליבען איז נור אן איבעל.

מען דאַרף ניט... — האָט ער צוטומעלט ארויסגערעדט — דאָס געלד וועל איך נאָכדעם צושיקען.

זי האָט זיך נאָך געצויגען צו איהם, גערופען מיט דעם פאלשען שמייכעל פון איהרע ליפּען, נור מיזשויעוו האָט שאַרף זיך אויסגע־דרעהט און איז אוועק מיט שווערע טריט.

די פארטקע פון גארטען האָט זיך פערקלאַפּט הינטער איהם מיט א גריליץ. עס האָט געטראָגען מיט ליידיגער שטילקייט. אין בלייך בלוי־ען־שיין האָט זיך געעפענט פאר איהם די גאַס.

ער האָט געהערט ווי איבער די שארשיגע שטיינדלאַך זיינען איי־לענדיג דורכגעלאָפען לייכטע פרויען־טריט. דער גערויש פון זיידענס איז אָבגעשטארבען, און עס איז שוין געוואָרען גאָר לעדיג און שטיל.

און מיזשויעוו'ס הארץ האָט זיך אויסגעליידענט און פּלאַץ גע־מאכט פאר א קאלטען אומעט. און דער גאנצער וויסטער אבענד איז ווי איינגעזונקען געוואָרען אין אָט דעם ליידיגען אָהנמעכטיגען אומעט. און מיזשויעוו האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען גאַס, א קוק געטהאָן מיט טרוקענע אויגען אין דער הויך אין בלויען הימעל אריין, אויף וועלכען עס זיינען שוין געשוואומען פריהמארגענדיגע ראָזעווע וואָל־קענדלאַך, ווי מחנות פויגלען, וואָס פליהען צום זוניגען לאַנד.

זיעבטעס קאפיטעל.

אין אבענד האט אין שטאדט־גארטען געשפיעלט מוזיק. די מוזי־קאנטען האבען זיך בעוועגט אין דעם בלישצענדען געוועלב פון דער עסטראדע, ווי עפעס משוגה'דיגע אינזעקטען, צונויפגעשפארטע אין אן אונגעהייערן מויערקאפ. ווי גרילען מיט די לאנגע, דינע פיסלאך, האבען זיי געפיהרט און געזשומט מיט די סמיטשיקעס, ארויף און אראב, און דער שווארצינקער קאפעלמייסטער האט אויסגעזעהן, ווי א באבעלע, וואס האט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלאך און לענט צונויף און לאזט פונאנדער איהרע פליגעלאך און פלאטערט מיט זיי אין דער לופטען. די פלייטען האבען זיך אונטערגעפייפט, די פיד־לען פלעגען אויפקוויטשען און זיך צולויפען און דער אומעטינער ערנסטער טרומייט פלעגט פון צייט צו צייט אריינזאגען א צארטען, סאמעטענעם ווארט.

איבער די אלעען האט געשוואומען, געשוואומען, און דאך ניט אוועקגעשוואומען דער רוישיגער עולם. טויזענדע פיס האבען זיך גע־שארט, געשארט אהן אויפהער, און דאס גערעד האט זיך דא געשטארקט און זיך געהויבען ווי א כוואליע און דא געפאלען און אבגעלאפען אין די טיעפע טונקעלע אלעען און באלד זיך צוריק אומגעקעהרט מיט א גאנצער קאפעלע פון געלעכטער, געשרייען און קלינגענדע שפליטערס פון פרויען־קולות.

און לאכעדיגע פנים'ער, אזעלכע אינטערעסאנטע, פאנטאסטישע אין בלויליכען שפיעל פון עלעקטרישען ליכט, פלעגען זיך פלוצלינג בע־ווייזען, זיך אויסמישען, זיך צונויפנעהמען און פונאנדערנעהמען, ווי אין א פערפלאנטערטער פיגור פון אן אונגעוועהנליכען טאנץ און אוי־בען, הויך, האט דער טונקעלע סאמעטענער דרימעלדיגער נאכט־הימעל אין פייערליכער שטילקייט בעוואכט די ערד מיט זיינע העלע שטערן.

דער לעבענס יום־טוב האט זיך געלויכטען מיט זארגלאזער פרייד, און מיזשויעוו'ן האט זיך געדוכט אז צווישען אט דעם פערפוצטען עולם איז ער נור אליין א פינסטערער פלעק, ווי א צייכען פון איינ־זאמקייט און איבריגקייט.

היינט איז מאריא סערגעיעווגא, א בעזונדערס חן'עווריגע אין איהר נייעם בלויען אנצוג, ווידער ערגעץ אוועקגעפאהרען מיט פארכא־מענקא'ס קאמפאניע, און א גאנצען טאג האט מיזשויעוו געפיהלט, אז עפעס א געהיימע אונרוה ווי א שווארצער שאטען, שטעהט הינטער

איהם און לויערט. די לעצטע צייט איז די יונגע פרוי געוואָרען שוין צו אינטערעסאנט און פרעהליך, און מיזשויעוו האָט געוואוסט, אז פארכאמענקא, הינטער זיין רוקען, יאגט זיך נאָך איהר נאָכאנאנד און מיט א גאנץ בעשטימטער כונה. מען האָט זיך געקענט משער זיין, ווי געניט, פרעך און זיכער ער טרייבט זיין שמוציגען שפיעל, ווי קונציג ער פערענגט אלץ דעם רייף ארום איהר. א צורודערטע פון דעם אי־בערגאנג פון א לאנגווייליגען ארימען לעבען צו א לעבען פון אייביגען יום טוב, איז זי ייי פערכאפט געווארען פון א ווירבעל־ווינד, און זיך פערדרעהט און פערטומעלט, און אָט טאַנצט זי א ריזיקאלישען טאנץ איבער דעם ראנד פון אן אבגרונד. אפילו איהרע קליידער ריידען א שארפע, אויפרייצענדע שפראך, זיי פערראייניגען אזוי פיקאנט די בעשיידענהייט פון אן ארענטליכער פרוי מיט לינקע אנצוהערענישען אויף דער נאקעטקייט פון א קאקאטע. אלץ רעדט, דערצעהלט וועגען דער קאַפשווינדלענדער אויפרעגונג, וואָס רופט אין איהר ארוים דעם אלגעמיינעם געיעג נאָך איהר פרעכטיגען לייב, וואָס האָט גראד איצט אויפגעבליהט און זיך אויסגעפוצט ווי א בלום.

איהר אליין, אפשר, איז עס גאר אויפ׳ן געדאנק ניט געקומען, אָבער מיזשויעוו האָט געוואוסט, אז אין אזא צייט איז גענוג א צופע־ליגע קלייניגקייט — א לבנה־נאכט, א געוואגטע חוצפה, אן אונגע־ריכטער, ניט ערנסטער קוש, — און די יונגע צורייצטע פרוי וועט קו־מען צו זיך ערשט דאן, ווען עס וועט זיין נאָך אלעמען.

מיזשויעוו׳ן איז אויסגעקומען אזוי ווילד און עס איז איהם געווען אזוי פיינליך פארצושטעלען זיך די פרוי, ווי זי ניט זיך אוועק א מאן, פאר וועמען זי איז נור א שארפער אינסטרומענט אויפצורעגען זיין איינגעשמיצטע תאוה. דאָס איז געווען אזוי אומגעלומפערט און אזוי זיך ניט געבונדען מיט איהר ליעבער, איידעלער געשטאלט. צייטענ־ווייז האָט זיך איהם געדוכט, אז אזוי אומגעלומפערט־נאריש פאלען קען זי ניט. זי איז געווען שעהן, קלוג, אינטעליגענט און געליעבט צוויי, וועלכע זיינען העכער געשטאנען פון מיטעלמעסינקייט. און נאָך זיי אָט די בהמה, דער האלבער אידיאט פארכאמענקא — וואלט געווען אזא מיאוסער אונזין.

אָבער באלד פלעגט ער זיך מאטערן מיט אן אנדער געדאנק:

„און איך בין בעסער פון איהם?... מיט וואָס?... אנגענומען, אז איך בין קליגער, פיינפיהלענדער פון איהם... אבער ווען איך בין זיך

צונויפגעקומען מיט איהר, האָב איך געבראַכט צו איהר מיין קלוג־שאפט און מיינע ליידען און ניט דיזעלבינגע טיערישע תאוה ?.. אקו־ראט ווי איך וואָלט זיך געגייטיגט אין איהר נשמה, און ניט אין איהר נאקעטען רייצענדען לייב... און פארכאמענקא ?... איך שטעל זיך דאָס אפילו ניט פאָר, ווי ער וואָלט דאָס געוואָנט צו בעזיצען א פרוי, וועל־כע איז טויזענד מאָל העכער פון איהם, אבער איך אליין, דאָרט אין גאָרטען, האָב איך ניט געפיינינגט די אונגליקליכע עמא'ן, ניט געטויט אין איהר דעם לעצטען פונק פון מענשליכער ווידריי, געמוטשעט ווי א חיה, און גאָר זיך ניט געקימערט וועגען דעם, וואָס זי טראַכט און פיהלט אין יענעם מאָמענט, און ווען איך ווייס אפילו, אז זי טראַכט און פיהלט א סך פיינער פון מיר, וואָלט איך זיך אבגעהאַלטען דאָס צו טהאָן ?... אזוי אויך ער... ווען ער וועט איהר דורך א צופאַל אדער מיט געוואַלד ארייַנקריגען, וועט ער מאַטערן איהר לייב, ווי יעדעס אנדערע, און דאָס, וואָס זי איז העכער פון איהם, וועט נאָך פערשאַר־פען דעם תענוג...“

„אמאָל האָט זי ליעב געהאַט איהר מאַן, וועלכער איז געווען אונ־ענדליך בעסער, קליגער און בעגאַבטער פון מיר, און דערנאָך האָט זי זיך צו מיר אבגעגעבען, ווייל איך האָב איהר געגעבען לוקסוס און פרייד... איך האָב איהר דעם קאָפּ פערדרעהט מיט דער אויסזיכט אויף א ניי לעבען; און פארכאמענקא וועט נעהמען מיט זיין חוצפה, בעסטיאַליטעט... און נאָך מיט עפּעס... זי איז געגאַנגען צו מיר, אָהן ליעבע, נור ווייל איך בין רייך.. געגאַנגען, ווי די סאַמע לעצטע גאַסען־פרוי און נאָך ערגער, ווייל זי האָט געהאַנדעלט מיט זיך אונטער דער מאַסקע פון ליעבע... ווי געמיין !...“

אזוי צו טראַכטען איז איהם אנגעקומען מיט שרעקליכע יסורים: ווי ערנידרינגענדיג איהר, וואָלט ער זיך אליין ערנידריגט. דאָך, די באַאַטישע צוהיצטע געדאַנקען האָבען געהאַט אין זיך אזא זיסען גיפט, האָבען פערשאַפט אזא שאַרפען פערגעניגען, ווי א בלוטענדע וואונד, ווען מען בעשיט איהר מיט בייסענדען פּולווער.

מיזשויעוו איז געגאַנגען צווישען עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט פון אַלע זייטען און איהם פערטויבט מיט קולות, פּאַרפיומען און פרוי־ען־ריח און מיט דעם פּלאַטערן פון פרויען קליידער. ער איז געגאַנ־גען און מיט ניט־זעהענדיגע אויגען געקוקט זיך אונטער די פיס און זיין קראַנקע נשמה האָט זיך געקווילט מיט א מאַטערנדען אומזיסטען

פערלאַנג נאָך עפּעס, וואָס ער האָט אליין ניט געקענט אָנרופען.

אויף איין אלעע האָט ער בעגעגענט דעם אלטיטשקען גענעראל און זיין טאָכטער, ניוראַטשקאַ'ן, וועלכע האָט אזוי ווי דאַמאָלס היל־כיג געלאַכט, פעררייסען דאָס קעפּעל און אַמוזאַנט ארויסגעשטעלט איהר נאָמבעטשקע. דערזעהן מיזשויעוו'ן פון דערווייטענס, איז זי אנטשווינגען געוואָרען און געוואָרפען אויף איהם אזעלכע קאָמישע קרומע אויגלאָך און אינסטינקטיוו, ציטערדיג, נאָאיוו איהם צוגערו־פען. עס האָט א בלאָז געטהאָן אויף מיזשויעוו'ן מיט אַן ערפרישענד ווינטעל פון אָט דעם יונגיטשקען, לויטערן פּנים'על, אבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען, שווער אויפגעהויבען דעם הוט און איז זיך אוועק זיין וועג. מיט עטליכע טעג צוריק האָט דער גענעראל זיך אָנגענומען מיט מוט און געבעטען מיזשויעוו'ן איהם צו העלפען אוועקשיקען די טאָכטער קיין מאָסקווע אויף די קורסען, און מיזשויעוו האָט צוגע־זאָגט. צוערשט האָט עס איהם אַזש דערפרעהט, אבער באלד איז אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה געבאָרען געוואָרען א פינסטערער חשד: איהם איז פאַרגעקומען, אז דער גענעראל צווינגט אויף איהם ארויף זיין טאָכטער און זי גופא קען עס ניט וויסען. מיזשויעוו'ן האָט זיך שוין קלאָר, ווי אַן אלט בעקאַנט בילד, פאַרגעשטעלט, ווי ער וועט זיך בעגעגנען מיט דער מיידעל אין מאָסקווע, ווי זיי וועלען גלייך פון אָנהויב זיך דערפיהלען אין בעזונדערע בעציהונגען: זי א געבונדענע, און ער דער וואוילטהעטער, וועלכער ערוואַרט דאַנקבאַרקייט. נאָך א קורצען קאַמף און טרעהרען וועט זי שלום מאַכען מיט דאָס געשעהע־נעס, ווי מיט א פערפאַלענע זאַך, און זי וועט ווערן די געליעבטע פון א מיליאָנער. ניי, שאַרף וועט זיין דער געגנוס, איידער ער וועט בע־צווינגען איהר שעהמעדיגקייט און מיידעלשקייט. דערנאָך וועט זי זיך אנטהאָן אין עלעגאַנטע קליידער און ווערן א געוועהנליכע מעט־רעסע. אזוי פּראָסט, אונפערמיידליך. שרעקליך האָט זיך דאָס אלץ מיזשויעוו'ן פאַרגעשטעלט.

— און וואָרום דען? — האָט ער זיך נעפרעגט — מעגליך, אז עס וועט גאָר ניט אזוי זיין, אז מיר וועלען פערבלייבען פריינד, אז זי וועט מיך ליעב קריגען, און איהר יונג, אונגעריהרט לעבען וועט אָב פרישען און געזונד מאַכען מיין איינען לעבען? פאַר וואָס זעה איך און ערוואַרט בלויז געמיינהייט, עס עקזיסטירט דאָך אַן אנדער לע־בען אויף — לעבען דאָך מענשען גליקליך, אויפריכטיג... און איך

לעג נור אויס צום שלעכטעו... טראג איך אפשר אין זיך א מיקראב פון א קראנקהייט, און צו וואס איך זאל זיך ניט צוריהרען, מוז פער־מיאוסט ווערן און נעהמען פוילען? דאס איז א ווילדע וויסטע איינ־ריידעניש!... איך בין קראנק און פייניג זיך מיט האלוציאנאציעס..."

מיזשויעוו'ס פנים האט זיך אזוי פערקרימט, ווי א שפיז וואלט זיך איהם אריינגעשטאכען אין הארצען, און עס האט איהם עפעס געווען גרוילען, ארומצודרעהען זיך צווישען אט דעם נארישען, נוד־נעם עולם. ער איז ארויס פון גארטען, זיך אויפגעזוכט א קליינעם רעסטאראן ביים ים און זיך צוגעזעצט צו א טישעל.

— פעדאר איוואניטש! פאר וואס עפעס אליין? — האט עמיצער פון ברעג צו איהם א געשריי געטהאן, און דער דיקער, שמור־ציגער פאדגורסקי איז צוגעקומען מיט'ן פרעכען פנים, בלישצענדע הונגעריגע אויגען און ארויסגעטשעטער לייוועגטענער וועסט.

— גוט מארגען... איהר לאנגווייליגט זיך?

— ער האט זיך צוגעזעצט און געפרעגט:

— נו, פעדאר איוואניטש, וואס וועלען מיר עפעס טרינקען?

מיזשויעוו האט א שמייכעל געטהאן. פנים אל פנים מיט דעם דאזיגען אונגליקליכען און חוצפה'דיגען מענשען האט ער עפעס זיך געפיהלט לייכטער. פאדגורסקי האט אזוי איינפאך, ניט פערשטעלט, אויסגעקוקט מיט זשעדנע אויגען, וואו לאזט זיך עפעס כאפען. עס איז געווען נאטירליך און דורכאויס אפענהערציג, און דאך האט זיך געפיהלט, אז זיינע בעציהונגען צו מיזשויעוו'ן הענגען ניט אב דערפון, צי וועט ער געבען געלד צי ניט.

ער האט גלייך דערזעהן, אז מיזשויעוו לאנגווייגלט זיך, און אויף זיין פער'שיכור'טען פנים האט זיך אזוי אויפריכטיג אבגעשפיגעלט דער וואונש פרעהליך צו מאכען, ניט וויל ער איז דערמיט וואס אוי־סען, נור אום עס זאל בכלל פרעהליך זיין.

— ווייסט איהר די נייעס? אפאלאוו האט נעכטען געוואונען ביי פארכאמענקא'ן טויזענד דרייהונדערט רובל.

— אויף אן אמת? — האט מיזשויעוו אויס גוטמוטיגער איי־דעלקייט געמאכט א מינע, ווי ער וואלט געווען שטארק פעראינטע־רעסירט.

— זיכער. און ווייסט איהר, וואס ער האט געטהאן מיט זיי? ער האט גלייך געכאפט די דאזיגע עמא און אזוי געשווינד מיט

איהר זיך אָבגעטראגען, אז ער האָט אזש דאָס האלזטיכעל פערגעסען...
אי, א גליק!

— ניט פיעל דאַרף ער פאר גליק! — האָט מיזשויעוו א שמייכעל געטהאָן.

— דאָס איז פאר אייך ניט פיעל, אבער פאר אפאלאָוו'ן, ביי וועמען דאָס ווייב געהט אין א קאפאטע פון פלאנעל און פערגעהט אין טראגען אלע דריי חדשים און וועלכע דענקט, אז א פינף און צוואנציג רובעלדיגע קאקאטע פון אקוואריום איז די העכסטע שטופע פון פרויען־רייץ, פאר אפאלאָוו'ן איז דאָס א גאנץ נייע וועלט —א וועלט פון פארפומען, געכאוועטען לייב, שפּיצען, לוקסוס און דער סאַמע אויסגעפיינערטער ליידענשאַפט.

מיזשויעוו האָט מיט גוטמוטיגער גרינגשעצונג א קלעהר געטהאָן ביי זיך, אז פאר אזא קליינעם ארימען מענשעל, ווי אפאלאָוו, איז עס טאקע אויף אָן אמת א גליק, און עטוואס עהנליכעס צו קנאה האָט זיך אזש אין איהם א ריהר געטהאָן.

— ווייסט איהר גאָר וואס? — האָט פאדגורסקי פּלוצלינג זיך א כאַפּ געטהאָן — לאָמיר א פאָהר טהאָן צום קאזינא.

— וואָס וועלען מיר דאָרטען טהאָן?

— וואָס הייסט וואס? — שפּיעלען! —האָט פאדגורסקי ארויסגערעדט אין אזא טאָן, ווי ער וואלט אָנגעזאגט מיזשויעוו'ן א בשורה.

— ניין, נאָך וואס... — האָט מיזשויעוו פויל זיך אָבגערופען — לאנגווייליג.

— טו לאָמיר צופאָהרען צו עמא'ן — א קוק טהאָן, ווי אפאלאָוו לאָבט זיך מיט זיין גליק.

מיזשויעוו האָט ניט געענטפערט. פאדגורסקי האָט גלייך פערשטאַנען, אז דערויף וועט אפאלאָוו אויך ניט איינגעהן, איז ער אריבערגעשפּרונגען ווייטער.

— מיט וואס זשע קען מען אייך צופריעדענשטעלען? — האָט ער זיך א רייב געטהאָן דעם שטערן, ווי איבער א שווערען פּראָבלעם — א יא! ווילט איהר, איך וועל אייך פיהרען אין א פּלאַץ! פערשטעהט — איינע אין איינע מיידעלעך ניט עלטער פון דרייצעהן... פּארהאַן אזעלכע, פון וועלכע עס שמעקט נאָך מיט'ן קינדער־צימער...

פאדגורסקי האָט א טשמאקע געטהאָן אין זיין בינטעל פינגער.

— מען האָט זיי שוין צוויי דריי מאָל פערמאַכט, זיינען זיי אנ־

געשראקען, אבער ווען מען וועט זיך לאזען קאסטען א הונדערטער אדער צוויי, וועט מען אייך צייגען עפעס אזוינס, וואס אין פאריז וועט איהר עס ניט אלעמאל בעגעגענען! פאהרען מיר? פאר וואס דען ניט?

— ניין, ווירקליך... — האט מיזשויעוו מיט עקעל זיך א קרים געטהאן.

— פארוואס?

— אזוי.

פאדגורסקי האט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען מיט א פארשענדען בליק.

— אך די דאזיגע פרינציפען! — האט ער גאר אהן חרפה איהם אריינגעשמייכעלט אין פנים — און איך האב געמיינט, אז די מיליא־נערען ליידען ניט אויף דעם!

— איהר שטעלט זיך ניט פאר, אז מיליאנערען זאלען בעזיצען דעם פשוט'ען געפיהל פון עקעל? — האט מיזשויעוו ערנסטער, ווי ער האט געוואלט, א פרעג געטהאן מיט א קרומען שמייכעל, ווי א באק וואלט איהם פערקרעמפט.

פאדגורסקי האט אויפמערקזאם זיך צוגעקוקט צו איהם און איבער־געביטען דעם געשפרעך. גענומען דערצעהלען אנעקדאטען, זיך וויצ־לען איבער פארכאמענקא'ן און דעם היגען פובליקום, און פלוצלינג א בעט געטהאן הונדערט רובל.

מיזשויעוו איז ניט געטראכטערהייד אריינגעקראכען צו זיך אין קעשענע און דערלאנגט. ווען ער האט געעפענט דאס פארטמאנע, האט פאדגורסקי מיט שטעכיגע בליקען דורכגענומען די בונט־קאלירטע ברעגען פון די בילעטען, וואס האבען ארויסגעשטעקט פון דארט. און ווען מיזשויעוו האט דאס פארטמאנע געלאזט ליגען אויפ'ן טיש, האט ער ניט גלייך צוגענומען די אויגען.

— איין זאך פערשטעה איך ניט... — האט מיזשויעוו לאנגזאם ארויסגערעדט, ווי ענטפערענדיג אויף זיינע אייגענע געדאנקען.

— לאמיר הערען...

מיזשויעוו האט ניט גלייך געענטפערט, זיינע פערנעבעלטע אוי־גען האבען געקוקט אן א זייט מיט אזא אויסדרוק, ווי ער וואלט גע־וואלט און זיך ענטשליסען ניט געקענט ארויסזאגען עפעס, וואס איז פאר איהם געווען אי וויכטיג אי שווער ארויסצוגעבען.

— זעהט איהר — האט ער א זאג געטהאן, לייכט אונטער־

שטאַמלענדיג און ניט קוקענדיג צו פּאָדגורסקי'ן — וואָס איך זאָל ניט ריידען און וואָס איך זאָל ניט טהאָן, קוקען אַלע אויף מיר ניט אַזוי, ווי אויף אַנדערע... קיינער זאָגט מיר ניט, אַז איך טראַכט ניט ריכטיג, אַז איך פיהל קאַפּויר, נור אַלע טענה'ן: „מיליאָנער... מיליאָנער" ווען איהר ווייסט, ווי... לאַנגווייליג דאָס איז.

מיזשויעוו האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ווי אין פערלעגענהייט, און אַז דעם שמייכעל איז געווען צו דערקענען, אַז אַנשטאָט „לאַנגווייליג" האָט ער געוואָלט זאָגען פיעל גרעסערעס, ערנסטערעס.

פּאָדגורסקי האָט געקוקט אויף איהם מיט ביידע אויגען. ער האָט שוין פערגעסען דעם פריהערדיגען געשפּרעך זייערן און אין פלוג ניט פערשטאַנען, נאָך וואָס מיזשויעוו רעדט דאָס אַלץ.

„טשעטיריאַוו איז הפנים, גערעכט! — האָט ער נייגיעריג צו זיך אַ זאָג געטהאָן. — עס מוז איהם דאָרט גאָר נישקשה'דיג קניי־פּען אינעווייניג!.. אָבער פאָרט אַ שוטה... ווערט משוגע פון וואויל־טאָג!"

— דעריין איז עפּעס אוננאָרמאַלעס, — האָט מיזשויעוו ווייטער גערעדט, מיט אַ מין צער, און דער שטערן האָט זיך ביי איהם גע־קנייטשט ווי פאַר וועהטאָג... פאַר וואָס, צ. ב. ש. קוקט איהר אויף טשעטיריאַוו'ן, וועלכע פערדיענט הונדערט מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל איהר, גאַנץ איינפאַך, און...

— וואָס, טשעטיריאַוו... — איז פּאָדגורסקי איהם אריין אין די רייד — וויפיעל ער זאָל ניט פערדיענען, פערדיענט ער עס אַלץ מיט אייגענע הארעוואַניע. ווי לאַנג עס סטאַיעט כוחות — אַרבייט ער, און זאָל ער קראַנק ווערן, אָדער אַרויס פון דער מאָדע, וועט ער ווערן אַזאַ קבצן, ווי איך... און וויפיעל פערדיענט ער דאָס! זיין לעבען אונטערשיידעט זיך וועניג פון מיינעם. אַ מיליאָנער אָבער — דאָס איז גאָר אַנדערע דבורים, אַן אַנדער לעבען... אַנדערע מעג־ליכקייטען. זיין לאַגע איז אַז אויסנאַהמסלאַגע, און די בעציהונגען צו איהם זיינען אויסנאַהמס־בעציהונגען. איך איינענטליך פערשטעה ניט, וואָס קוועלט אייך דאָרט?

— ניט עס קוועלט, נור... עס רעגט אויף... — האָט מיזשויעוו אָבגעוויזען. ער האָט פיינליך דערפיהלט, אַז זיין אויסגוס האָט אַנ־גענומען אַ צו ערנסטען כאַראַקטער. ער האָט זיך פערשעהמט פאַר זיין אָפענהערציגקייט מיט פּאָדגורסקי'ן.

פאדגורסקי האט געשווינגען און נייגיעריג געוואָרט.

—עס רעגנט אויף אַט דעם אבזונדערן מיך פון כלל—האַט מי־זשויעוו ניט גערן געמוזט נאכגעבען פאדגורסקי'ס שטומער נייגיעריג־קייט — שוין זשע איז שווער אנצונעהמען, אז איך בין אזא מענש, ווי אלע, טראכט און פיהל פונקט אזוי.

— איך דענק, אז ניט, — האַט פאדגורסקי זיך צושמייכעלט

— וואס איהר זאָלט ניט זאָגען, געלד איז א גרויסע קראפט... און איהר קענט זיך ניט בענוצען דערמיט, ווייל יעדער מענש לעבט דער־מיט, וואס ער האַט... דאָרט, וואו מיר בויען נור אויף אונזער איי־גענעם איך, אויף אונזערע מעלות אדער חסרונות, דאָרט וועט איהר לאָזען טהאָן פאר אייך אייערע ממתקים... און יעדער איינער וויים עס. איך, צום ביישפיעל... איך שפיי דאָרויף, אבער דאך פיהל איך, אז איהר זייט ניט איך, ניט אפּאלאָוו, ניט טשעטיריאָוו... מעגליך, איהר וועט מיר גאר נישט טהאָן, ניט גוטס, ניט שלעכטס, אבער אז איהר ווילט, קענט איהר עס דאך טהאָן... און — צום טייוועל! — דאָס זאָגט, אז איך שפיי אויף אייערע מיליאָנען, און אויפריכטיג גע־זאָגט, אבער דער טאָן איז ארויסגעקומען א פאלשער!...

ער האַט צונומען די הענד מיט אויפריכטיגען שפּאָט איבער זיך אליין.

מיזשויעוו האַט א שאקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ער האַט געקוקט פאדגורסקי'ן גלייך אין פּנים אריין און עפּעס ווי געוואָרט.

— ווי איך זאָל זיך דאָ ניט דרעהען, — האַט פאדגורסקי ווייטער אנגעהויבען, כמעט מיט פערדרוס — קען איך דאך ניט פערגעסען, אז איהר זייט א מיליאָנער, אז איהר האַט געלעבט און לעבט נאך איצט אין אזעלכע תענוגים און מיט אזעלכע מעגליכקייטען, וואס האָבען זיך מיר אפילו אין חלום ניט געחלום'ט: אויב איהר ווילט, גיט איהר מיר טויזענד רובל, און אויב ניט, גיט איהר ניט, און קענט מיר נאך אבטהאָן א שטיק רשעות אויך... אט נעהמט פארכאמענ־קא'ן...

— איך רייד ניט פון פארכאמענקא, — האַט מיזשויעוו זיך א כאַפּ געטהאָן און מיט דעם טאָן פון זייערע ווערטער האַט ער זיך ווי אבגעטיילט פון יענער נאָמען.

— אבער פאר אונז זייט איהר דאך אלץ איינס!... — האַט

פּאַדגורסקי אויפריכטיג אויסגעשריען, מיט היץ און איבערצייגונג.
— מיר, זייטיגע, ווייסען דאָך נים, וואָס איהר פיהלט און טראַכט...
ער איז אויף א רגע אנטשוויגען געוואָרען, און פּלוצלינג האָט ער זיך א כאַפּ געטהאָן:
— אַט רעגט אייך אויף, וואָס אַלע קוקען אַזוי אויף אייך.. אבער איהר אליין, פעדאר איוואַניטש, טהוט איהר עפּעס אום צו ווייזען אונז אייער אמת'ע נשמה — ניט פון דעם מיליאָנער, נור פון מיזשויעוו'ן פּשוט... איהר אליין פערגעסט דאָך ניט אויף א רגע, אַז איהר זייט א מיליאָנער!... אנשטאַט איהר זאָלט ארויסרופען א גוטע בעצי־הונג צו אייך, דורך עפּעס א פערדיענסט פון אייער זייט, רעגט איהר זיך אויף, פאַדערט איהר עס... איך וויל עס און פאַרטיג! דאָס איז אויך עפּעס...
— מיר דוכט זיך, אַז איך האַלט זיך שוין צו פּשוט... — האָט מיזשויעוו מיט היץ זיך אבגערופען.
פּאַדגורסקי האָט לייכט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.
— אַט זאָגט איהר „צו"... פאַר מיר וועט עס ניט זיין „צו", ווען איך וועל נעהמען און דערצעהלען אפּאַלאָוו'ן, וואָס מיך קוועלט, און איהר זעהט אין דעם א „צו". אייך דוכט זיך, אַז מיט אָפענהערציג־קייט צו מיר טהוט איהר מיר אויך א טובה! איהר שעהמט זיך שוין אודאי מיט אייער אָפענהערציגקייט? ניט אמת?
פּאַדגורסקי'ס טאָן איז געוואָרען העזה'דיג, עפּעס א בעהאַלטענע נקמה האָט געקלונגען אין איהם.
— און איהר אליין מערקט עס אפשר ניט! — האָט ער מיט נצחון פערענדיגט.
— זעהט איהר... — האָט מיזשויעוו מיט צער ארויסגערעדט און א דריק געטהאָן מיט זיינע ברייטע אַקסלען. — ביי אַן אנדערען וואָלט איהר עס אפילו ניט בעמערקט, מיר קענט איהר עס ניט מוחל זיין... איהר הערט מיך און טראַכט אודאי ביי זיך, אַז איך מאַך זיך עס, אָדער ווייז א ווילדען קאַפּריז... אָדער שפּרינג פון דער הויט... ווער משוגע פאַר וואָוילטאָג...
פּאַדגורסקי איז ניט ווילענדיג צומישט געוואָרען און זיך צו־לאַכט.
— איך וועל ניט לייקענען, אביסעלע יאָ...
— נאָט אייך... — האָט מיזשויעוו טרויריג צוגעשאָקעלט מיט'ן

קאפ. — איהר ווילט עס ניט איינזעהן, אז איך בין אויף אן אמת צו־פרידען צו רעדען מיט אייך, ווייל מיר דוכט זיך, אז אייער בעציהונג צו מיר — א גוטע צי א שלעכטע — הענגט ניט אב פון מיינע מיליא־נען!..

— איך מיין עפעס! — האט פאדגורסקי א זאג געטהאן און געגען זיין ווילען איז עס ארויסגעקומען ביי איהם שוין צו גאבעל.

און ביידע האבען געכאפט די פאלשקייט און ביידע זיינען אנט־שווינען געווארען מיזשויעוו אנגערוקט און הילפלאז, פאדגורסקי פער־דראסיג.

„א מין משוגענער!" — האט ער א טראכט געטהאן, אויפרע־גענדיג זיך ניט אויף זיך פאר דער פאלשקייט, נור אויף מיזשויעוו'ן.

אין אפענעם פענסטער האט זיך געזעהן דער טונקעלער, בעוועג־טער ים; פון ברעג האבען זיך דערטראגען אהער דומפע קלעפ פון פערדישע פיס און דאס שפיעלען פון א ווייטען ארקעסטער. פאד־גורסקי האט געפיהלט, אז מען מוז גיכער אנהויבען רעדען, אבער ער האט אויפ'ן שטעל ניט געפונען וואס. דאס שווייגען האט אנגע־האלטען, און וואס ווייטער, איז אלץ שווערער געווארען צו בענייען דאס געשפרעך. ווי עפעס וואלט זיך איבערגעריסען און עס איז געווארען אזוי שווער, ווי זיי וואלטען אהן שום זין און צוועק פערשווענדעט עפעס, וואס איז אזוי אויך ווייניג פא־ראן אין דער נשמה. מיזשויעוו האט שווער אבגעאטעמט און גע־נומען אויסציהען זיינע ריעזיגע הענד, וואס ער האט געהאלטען די גאנצע צייט צונויפגעלעגט אויפ'ן טישעל.

— נו, איך וועל געהן. — האט ער ארויסגערעדט.

— וואוהין? זיצט נאך א ווייל.

— ניין, דער קאפ טהוט מיר עפעס וועה. צום ווידערזעהן!

פאדגורסקי האט אוים ערגערניש בגנבה א דריק געטהאן מיט די אקסלען.

„טפו, טייוועל, א שווערער מענש!" — האט ער א טראכט גע־טהאן.

און אין דער מינוט האט זיך איהם געווארפען אין די אויגען דאס פערגעסענע פארטמאנע אויפ'ן טיש. פאדגורסקי האט איהם געוואלט א רוף טהאן, נור עפעס האט איהם אבגעהאלטען.

מיזשויעוו איז אַרויס אויפ׳ן טראָטואַר און לאַנגזאַם זיך אויס־געלאָזן צום גאָרטען צו.

עפּעס האָט זיך איהם געבאַמבעלט אין קאָפּ און רוהען ניט געלאָזט: צו דער שווערער, אונגעלונגענער, נאַרישער געשפּרעך מיט אַ טונקעלער פּערזענליכקייט, צו עפּעס אַן איילענדיגע בעוועגונג הינ־טער זיין רוקען, ווען ער איז אַרויס פון רעסטאָראַן.

— וואָס אַזוינס?

און פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט פערגעסען דאָס פּאָרטמאָנע. און איידער ער האָט נאָך אַ טראַכט געטהאָן, האָט ער שוין דערפיהלט, אַז אַ מיאוסע זאַך איז געשעהן. אַן אונקלאָהרער געדאַנק איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען און פאַר אַ מינוט איז ער שוין געווען גרייט אָוועקצוגעהן. דערנאָך אָבער האָט ער זיך געכאַפּט ביים געדאַנק: „פּאַדגורסקי האָט גע׳גנב׳עט!“ און ער האָט זיך פער־שעהמט פאַר דעם חשד. ער האָט זיך אומגעקעהרט און צוריק אַריין אין רעסטאָראַן.

ער האָט זיך שיער ניט אַנגעשלאָגען אַן פּאַדגורסקי׳ן, און עס איז געגוג געווען איין בליק אויף איהם, אויף זיין לייכט צומישט און צוגלייך אויך חוצפּה׳דיג פּנים, מיט פיינדליכע אויגען, גרייט צו פער־טיידיגונג, און מיזשויעוו האָט מיט עקעל פערשטאַנען, אַז דאָס איז אמת.

אַ מינוט האָבען זיי געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אוי־גען, דערנאָך האָט מיזשויעוו שטאַמלענדיג אַרויסגערעדט:

— איך האָב דאָ פערגעסען אַ פּאָרטמאָנע.

פּאַדגורסקי האָט אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען, אויפ־געוואָרפען מיט די ברעמען און איז דער גאַנצער געוואָרען בעוועגונג, גרייט צו פליהען און צו זוכען.

— וואָס רעדט איהר?.. איך האָב ניט געזעהן. קעלנער!

— ניט נויטיג... — האָט מיזשויעוו שטיל אָבגעוויזען.

— וואָס הייסט ניט נויטיג... שוין גאָר נויטיג צו זוכען... — האָט פּאַדגורסקי זיך געגומען וואָרפען, ווי אַ געפאַנגענע חיה, וואָס איז גרייט צו בייסען זיך מיט די צייהן.

מיזשויעוו האָט איהם גלייך אַריינגעקוקט אין די אויגען.

— פאַר מיר איז דאָך דאָס ניט וויכטיג... — האָט ער פּלאָנ־טערענדיג אַרויסגערעדט.

איהם האט זיך פלוצלינג אזוי שטארק פערוואלט, פאדגורסקי זאל פערשטעהן, אז ער קען ניט אין כעס זיין פאר די פערדאמטע פאר הונדערטער און ער האט עס געזאגט אזוי דירעקט און איינפאך, ווי ער האט עס נור געקענט.

אבער פאדגורסקי׳ר פנים איז געווארען נאך צובייזערט, ער האט אזש אויסגעשצירעט די ציינער.

— וואס מיינט איהר דערמיט? איך זאג אייך, אז איך האב עס נים געזעהן!

מיזשויעוו האט איהם קורץ איהם אין די אויגען אריינגעקוקט, קרום א שמייכעל געטהאן און פלוצלינג א מאך געטהאן מיט דער האנד און אוועק.

אכטעס קאפיטעל.

אז מיזשויעוו האט זיך צוריקגעקעהרט א היים, זיך געזעצט צום שרייב־טיש און האט אויס געוואוינהייט א שלעפ געטהאן צו זיך דעם פאק בריעף און טעלעגראמען, איז אריין מאריא סערגעיעווגא, א פרישע, א שיינענדע, ווי זי וואלט מיטגעבראכט מיט זיך א וואלקען בארג־לופט, דעם דופט פון בלומען און ים. און תיכף — אין דעם אנגענרייטען שמייכעל אויף איהר פנים און דעם פער׳גנב׳עטען בליק פון איהרע בלישצענדע אויגען — האט מיזשויעוו דערשפירט, איידער זי האט נאך א ווארט ארויסגערעדט, אז זי בעהאלט וואס, בעהאלט און האט מורא, מיט יענער בעזונדערער מורא פון שעהנע פרויען, מיט יענעם פיינעם, שעלמיש־דורכזיכטיגען שפיעל פון שעהנ־קייט, שוואכקייט, הילפלאזיגקייט און ליגנערישקייט, וואס מאכט זיי אזוי אויפרעגענד, אזוי צויבערליך רעטזעלהאפט.

זי האט איהם הויך א רוף געטהאן, שוין צו לייכט און צו לוס־טיג צו איהם צוגעלאפען און ארויפגעלעגט איהרע ווארימע הענד אויף זיינע ברייטע אקסלען.

— א, דו ביזט שוין צוריק!... ליעבער, ווי איך האב געבענקט נאך דיר!

מיזשויעוו האט איהר אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען, וואו עס האבען זיך געצונדען אזעלכע ביטערע פערפיהרערישע פונקען, און ער האט זיך אנגעכמורעט. טויזענד שטעכיגע, ווערהטאגדיגע חשד׳ען זיינען אויף אמאל געבארען געווארען אין איהם, און דאס הארץ האט גענומען קלאפען שווער און אומרוהיג.

— ווען דו ווייסט, ווי פרעהליך עס איז געווען !.. מיר זיינען גע־פאָהרען מיט דעם סימפעראָפּאָלאר וועג, ווייט־ווייט !.. דעם גאַנצען וועג זיך נאריש געמאכט, געזונגען, געלאכט, דערנאָך האָבען מיר עפּעס איבערגעכאַפּט אין גורזוף !

מיזשויעוו האָט אויפמערקזאם און שטום געקוקט אויף איהר, און אונטער זיין שווערען בליק האָט איהר צארט פּנים'על זיך צורויטעלט, איהר טאַליע האָט זיך געבויגען ווי ביי א קעצעל און די פינטלען פון איהרע אויגען האָבען זיך געלויכטען מיט א פאלשען, נארענדען ליכט.

— ניין, אויף אן אמת... דו ביזט ניט בייז אויף מיר, טעאדאר, וואָס איך מאך זיך אזוי משוגע — האָט די רייצענדע פרוי איהם אריינגעקוקט אין די אויגען. — איך האָב דיך אין גאַנצען פערנאכלעסיגט !.. פּאַרוואָס ביזטו מיט אונז ניט געפאָהרען ? אזוי פרעהליך געווען !... אבער דאָך אלץ ניט ווי מיט דיר !

זי האָט זיך א ציה געטהאָן צו איהם מיט איהר גאַנצען קעציש־בויגינגען קערפּער און איהם געוואָלט א קוש טהאָן. און ווי אומישנע איהם אָנגעריהרט מיט איהר שטייף־ווייכען בוזים.

מיזשויעוו האָט א צורייצטער זיך אבגערוקט.

— העי, מערי, כיטרעווע ניט, איך בעט דיך ! — האָט ער ארויסגערעדט ווי אין פערלעגענהייט.

— וואָס איז דער מעהר ? — האָט מאַריאַ סערגעיעוונא געמאכט א פּאָר גרויסע, אויפריכטיגע אויגען. אבער נאָך דורכזיכטיגער, שטעכיגער האָט ארויסגעקוקט דער ציטעריגער ליגען פון א פרוי.

— איך זעה דאָך, אז מיט דיר האָט עפּעס פּאַסירט, — האָט ער מיט מאַטערניש ארויסגערעדט — טו, לייג זשע ניט... זאָג עס גלייך !... וועט בעסער זיין.

מאַריאַ סערגעיעוונא האָט זיך צולאכט מיט א פאלשען ציהענד־פערפיהרערישען געלעכטער און זיך צוגעטוליעט צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער — מיט דער ברוסט, הענד, פיס און קיצעלדיגע האָאר. זי האָט קענטיג געזוכט איהם איינצושטילען און צו פערטויבען מיט איהר ריח, היציגקייט און ריהרעוודיגקייט.

און פון דער ליגנערישער לאַסקע איז מיזשויעוו אין גאַנצען דורכגענומען געוואָרען, ניט ווי געוועהנליך, מיט אויפרעגונג, נור מיט אן אונערטרעגליכער פיזישער צורייצטקייט.

— לאז מיך אב, זאג איך דיר!... — האט ער גראב ארויסגע־שטעלט אן אקסעל אנטקעגנען איהרע לאסקעס.

— א מאדנער דו ביזט.. .וואס זשע ערגערסטו זיך! — האט מאריא סערגעיעוונא מיט ניט אויפריכטיגער איבערראשונג אנגעהוי־בען און כמעט איבער געוואלט איהם געפרובט ארומנעהמען. אבער מיזשויעוו האט איהר אבגעשטויסען און קענטיג איהר ווערה געטהאן, ווארים איהר שעהן פנים׳על האט אויף א רגע אנגענומען אזא רחמנות־דיג דערשראקענעם אויסדרוק — אויף מיין עהרענווארט...

— רעד זשע!... — האט ער פלוצלינג ווילד אויסגעשריען.

די יונגע פרוי איז פערציטערט געווארען, איז אבגעגאנגען און פון דערווייטענס אויסגעשטעלט אויף איהם איהרע דורכזיכטיגע און דאך ליגנערישע אויגען.

— אבער גאר נישט... אזוי א קלייניגקייט... איך האב עס אפילו דיר ניט געוואלט דערצעהלען.

א פראסט איז איהם דורכגעגאנגען אונטער די האאר. ער האט דערפיהלט, אז ווען זי זאגט עס איהם ניט גלייך אויפ׳ן שטעל, וועט דער מוח ביי איהם אבגענומען ווערן פון רציחה און ער וועט אבטהאן עפעס שרעקליכעס.

און קענטיג, זי האט דאס דערפיהלט, ווארים זי איז פארזיכטיג צוגעגאנגען און ווי פרובירענדיג צוגעלעגט איהרע שפיצפינגער צו זיין הויכען איילענבויגען.

— זעהסטו... דו בייזער זיך ניט... עס איז ווירקליך גאר נישט פארגעקומען... אין גורזוף האבען מיר געגעסען אויף א באלקאן, ווייסט, איבער׳ן ים... דארט איז מערקווירדיג שעהן...

זי האט געצווינגען די ווערטער און נאך אלץ פארזיכטיג געהאל־טען זיין איילענבויגען. און מיזשויעוו האט געפיהלט, ווי איהרע איי־דעלע פינגערלאך ציטערען שטילערהייד.

די זיכערהייט, אז עס האט געטראפען עפעס מיאוסעס און אז מען קען עס שוין ניט צוריקכאפען, איז געוואקסען אין זיין מוח מיט וואהנזיניגער קראפט.

— רייד! — האט ער אויסגעשריען אין א חעפטיגען אויסברוך פון כעס און וועהטאג, און זיין קול האט אבגעהילכט איבער׳ן גאנצען הויז.

מאריא סערגעיעוונא האט ווי א פאל געטהאן צדיק און

איהרע אויגען זיינען געוואָרען אַזעלכע רונדע, ווי ביי אַ דערשראָ־קענער קאַץ.

— זעהסטו!... — האָט זי איילענדיג געמורמעלט, גע־שלונגען די ווערטער און פון דאָרט זיך ניט גערוהרט: — איך האָב דאָרט אַנגעטראָפען וואַסיאַ'ן... מיין מאַן... געבעטען איך זאָל צו איהם אַריינקומען זיך דורכריידען מיט איהם... וואָס איך האָב ניט געדאַרפט? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטהאָן און עס איז קענטיג געווען, אַז זי ווייס אַליין, אַז זי האָט עס ניט געדאַרפט און ליגט מיט איהר פראַגע.

מיזשויעוו האָט געשוויגען און געאָטהעמט מיט אַן אונרוהיגען אָטעם.

מאַריאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך פאַרזיכטיג צוגערוקט צו איהם און ווידער זיך צוגעריהרט צו זיין האַנד.

— דו ביזט אין כעס? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן אין זעלבען טאָן, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז זי זעהט אַליין, אַז ער ברענט פאַר כעס, נור זי מאַכט זיך נאַאיוו און ניט פערשטעהענדיג.

מיזשויעוו איז פּלוצלינג ווילד אויפגעשפּרונגען און איהר אָב־געשליידערט פון זיך. מאַריאַ סערגעיעוונאַ איז שיער ניט אומגעפאַלען איבער דער קרעסלע, נור זי האָט זיך אויסגעדרעהט, ווי אַ פאַלענדע קעצעל, און זיך איינגעקלאַמערט אין לעהן.

— ביזטו... — האָט זי אַרויסגעמורמעלט מיט טויט־בלייכע לי־פען.

— זאָג מיר אָקאַרשט, — האָט מיזשויעוו אָנגעהויבען מיט אַ דראָהענדען דומפּען קול און געקוקט אויף איהר מיט קאַלטען האַס:
— און דו רעכענסט, אַז איך האָב ניט וואָס אין כעס צו זיין?... טו וואָס זשע ליינגסטו!

— אָבער וואָס זשע האָב איך אַזוינס געטהאָן? — האָט מאַריאַ סערגעיעוונאַ אַ מורמעל געטהאָן שוין אין אַן אויפריכטיג הילפלאָ־זען טאָן.

— וואָס?.. אָט דאָס... — איז מיזשויעוו אַנטשווינגען געוואָרען זוכענדיג דאָס וואָרט און מיט וועהטאָג האָט ער געפיהלט, אַז ער וועט דאָס נויטיגע וואָרט ניט געפינען און זאָגען עפּעס אַנדערש — אָט דאָס. איינס פון די ביידע: אָדער זיי זיך אָפען מודה, אַז איך בין

פאר דיר גארנישט, אז דו ביזט נעגאננגען צו מיר פאר א מעטרעסע און... אדער...

מיזשויעוו האט זיך אליין איבערגעריסען. עס האט איהם פלוצלינג אנגענומען א רחמנות אויף זיך אליין: ער האט אזוי ליעב געהאט די פרוי, אויפגעאפפערט פאר איהר דעם נאהענטסטען מענשען, אבגעטהאן א שמוציגע, געמיינע זאך, גענארט, געליינט אין דער האפנונג, אז דערפאר וועט זי כאטש זיין צו איהם נאהענט. צוליעב אט די אפט זיך איבער'חזר'נדע צונויפטרעפונגען מיט איהר מאן האבען זיך שוין אבגעשפיעלט צווישען זיי אזעלכע פיינליכע, ערנידריגענדע אייפערזוכטס סצענען; ער האט זיך איינמאל אפילו אנגעטהאן א כוח און זיך מודה געווען פאר איהר, אז איהם מאטערט דער געדאנק, טאמער איז זי אוועק מיט איהם בלויז צוליעב געלד... און פלוצלינג האט ער איצט דערזעהן, אז עס איז טאקע אזוי... זי האט איהם קיינמאל ניט ליעב געהאט, ליעבט נאך עד היום יענעם, און איז גרייט יענעם גיך ווידער אבצוגעבען, און ליגט און נארט איהם, דעם שוטה, בלויז פאר שרעק. ער האט זיך דערזעהן אזא לעכערליכען, נארישען, קלענליכען.

— אזוינס וועט ניט טהאן די לעצטע גאסען־פרוי!... — אט די ווערטער האט ער אויסגעשריען אין אן אויסברוך פון ווילדע, גראבע רייד, און א בעדערפניש, שטארקער פון איהם, האט איהם אנגעכאפט, איהר א זעץ טהאן, אבטהאן א רשעות, ערנידריגען איהר ביז צום לעצטען גראד, ווייזען איהר, אז אויב זי איז שוין נעגאנגען צו איהם צוליעב געלד, איז זי טאקע זיין אייגענטום, א פערקויפטע, מיט וועלכער ער קען טהאן, וואס ער וויל.

און ערשט ווען ער האט דערזעהן אין איהרע אויגען דעם הילפלאזען שרעק פון אן אונטערטהעניגער שקלאפין, איז איהם געווארען אזוי פיינליך און מיאוס אויפ'ן הארצען, אז ער האט זיך שווער אראבגעלאזען צום טיש, פערווארפען די הענד און זיך אנגעכאפט פאר דעם קאפ, אום ניט צו זעהן און ניט צו טראכטען.

דאס שווייגען האט אנגעהאלטען עטליכע מינוט. מיזשויעוו איז אליין געזעסען, און זיין גרויסער קאפ, וואס איז אזוי אהנמעכטיג געלעגען אין זיינע הענד, האט אויסגעקוקט אזוי קלעגליך־הילפלאז.

מאריא סערגעיעוונא איז לאנג געשטאנען אויף איין ארט און מיט מורא געקוקט אויף איהם. דערנאך האבען איהרע אויגען וועך

און ריהרענד אויפגעלויכטען מיט מילדען פרויען־מיטלייד. זי האָט שטיל זיך א ריהר געטהאָן, פארזיכטיג צוגעגאנגען, זיך אבגעשטעלט און מיזשויעוו האָט דערהערט דאָס אונרוהיגע אבגעהאקטע קלאפען פון איהר הארצען.

איהרע צארטע, ווארימע פינגער האָבען לייכט — לייכט ווי אָן אָטעם בעריהרט זיינע האָאר.

ניינטעס קפּיטעל.

אזעלכע סצענען האָבען זיך שוין אבגעשפּיעלט ניט איינמאָל און האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט אלץ אָפטער און אָפטער, און אלץ העפ־טיגער, דראהענדער זיינען זיי געווארען. יעדע נייע סצענע איז גע־ווען עקעלהאפטער, זינלאָזער פון דער פריהעריגער. מאריא סער־געיעוונא האָט זיי זיך ניט געקענט ערקלערען: אמאָל פלעגט איהר מי־זשויעוו פארקומען ווי משוגע און אמאָל אין ביטערער חרטה האָט זי זיך בעשולדיגט אין אלע מעגליכע פערברעכענס, בעת אין רוהיגען צושטאנד האָט זי בשום אופן ניט געקענט איינזעהן עפּעס א שולד פון איהר זייט. זי האָט געזעהן אז אויף זיי רוקט זיך אָן אונפערמיידליכער אונגליק, אבער ווי זי בעווארענען נעגען דעם דראהענדען ווייסטען שרעק האָט זי ניט געוואוסט, און זי האָט אהנמעכטיג, קלעגליך זיך געקוואלען.

און שרעקליכער פאר אלץ איז געווען די פעראכטונג צו זיך און דער שמוץ. וואָס אזעלכע עקעלהאפטע סצענעס פלעגען לאָזען נאָך זיך. זיי האָבען זיי ערנידריגט און אבהענגיג געמאכט פון די ארומי־גע, אפילו פון דער דינערשאפט. פון אלע זייטען האָבען געקוקט אוי־גען און זיך צוגעהערט אויערן פון נייגיעריגע פרעמדע מענשען, ווע־מען עס איז אלץ איינס, צי זיי ליידען אדער זיי מאכען זיך פשוט משוגע, אבי זיי, די פרעמדע, האָבען אַן אינטערעסאנטע אומזיסטע פארשטעלונג. עס איז זיי אויסגעקומען איינצוהאלטען די שטימען, שנעל בעהאלטען די פיינליכע טרעהרען, צוגעבען די אויסגעקרימטע פאר וועהטאָג פנים׳ער א זיסע מינע און פיהלען זיך אומגליקליכער פון לעצטען לאקיי.

די לעצטע צייט פלעגען אזעלכע סצענעס אנדערש זיך ניט ענ־דיגען, סיידען מיט א היסטעריקע, מיט פאלשטענדיגער ערשעפּונג. ווי די גאנצע שעהנקייט, איידעלקייט און אינטעליגענץ וואָלטען פון זיי זיך אבגעטהאָן: האלב־וואהנזיניג ווארפען זיי זיך אין ווילדען

וואוט, און וויסעז שוין אליין ניט, נאך וואס און וואס זיי שרייען איינס צום אנדערן, טראכטען נור וועגען דעם וואס גיכטיגער א שטאך צו טהאן און צו בעליידיגען.

צייטענווייז פלעגט זיי אנכאפען א פערצווייפלונג און פלעגען ווינשען אבי וואס פאר א סוף, אבי א סוף. עס האט זיך געדוכט, אז אט איז שוין דער לעצטער קריעג און נאכדעם וועט אלץ זיין געענ־דיגט. נור אין לעצטען מאמענט, ווען דער וועהטאג און דער וואוט פלעגען דערגרייכען די העכסטע מדרגה, פלעגט עס מיט אמאל טהאן א פאל אראב, די נערוועז פלעגען נאכלאזען, פלעגט זיך אנהויבען א סדרה טרעהרען, הנחות און פלוצלינג א קרענקליכע, אומגעריכטע אויפרעגונג, וואס פלעגט זיי ווארפען איינס צום אנדערען אין אן אנ־פאל פון ברענענדער תאוה. דערנאך פלעגט זיי אזוי קלאר ווערן די אונזיניגקייט פון דער גאנצער קריגעריי און אלץ פלעגט זיך ענדיגען מיט האפנונגסלאזער, בייסענדער חרטה.

— מיר זיינען משוגענע ביידע! — פלעגט מאריא סערגעיעווו־נא א זאג טהאן אין פערצווייפלונג, פלעגט זיך צוואויינען און זיך צודריקען צו מיזשויעוו'ן, ווי זוכענדיג שוץ ביי איהם, און ער האט געליטען שטום און געזעהן פאר זיך א שווארצען אונפערמיידליכען אבגרונד.

און אזוי איז אויך אריבער די ווילדע סצענע פון היינט.

ווען מאריא סערגעיעוונא, א פערמאטערטע, שמאכטענדע, ברע־נענדע, מיט א נאסען פנים פון טרעהרען אין די טיעף־טונקעלע אויגען, איז געלעגען נעבען איהם און דער אונבעפרידיגטער, קרענקליך־פער־שארפטער וואונש האט זיי געצווינגען איינס צום אנדערן, האט זי זיך מודה געוועזן פאר איהם שטיל און אפענהערציג:

— איך וויים, אז צוליעב דיין רוהע האב איך עס ניט געדארפט טהאן... אבער ווי קען דאס דיר איינפאלען? איך האב פשוט מיטלייד געהאט מיט איהם: ער האט אויסגעזעהן אזוי אומגליקליך, קראנק... נאך אלעמען, בין איך דאך די שולדיגע געגען איהם!...

און מיזשויעוו'ן, צו דערפאר ווייל זיין מוח איז מיד געוועזן. צו ווייל ער האט זיך אויסגעלייטערט נאך'ן שטורם, מיזשויעוו'ן האט זיך ווירקליך אויסגעוויזען, אז עס איז אזוי פראסט און נאטירליך:

„געוויס, זי איז שולדיג געגען איהם... און נאך אלעמען, האט זי איהם דאך פארט אמאל ליעב געהאט..."

און אַלע חשד'ען זיינען איהם פאַרגעקומען אַזוי אונזיניג, אַזוי אונבעגרינדעט — אַבשייליכע קאַפּריזען פון זיין פאַנטאַזיע.

— פערגיב מיר... איך בין אויף אַן אמת משוגע... — האָט מי־זשויעוו גערעדט מיט אַ פערוועהטאָגטען קול, — פון רחמנות, ליעבע, חרטה און פעראַכטונג צו זיך — און ער האָט בעשאָטען מיט קושען איהר נאַס הייס פּנים'ל.

און איהר האָט זיך שוין געדוכט, אַז אַלץ איז געענדיגט, אַז איצט וועלען זיי זיך אַלץ קלאָר מאַכען און ער וועט אַליין איינזעהן, ווי זינלאָז זיין חשד איז; פון מאָרגענדיגען טאָג וועט אַלץ אַוועק אַזוי גליקליך, ווי קיינמאָל פריהער. און זי האָט זיך געאיילט אַרויסצו־רעדען:

— איך ווייס, אַז דו טראַכסט, אַז איך האָב דיך ניט ליעב געהאַט און אַז איך בין אויסען געוועזען דיין געלד... איך ווייס, אַז דו האָסט אַ רעכט אַזוי צו דענקען.. איך בין אַ פּוסטער, מיאוסער מענש, אָבער דאָס איז פאָרט ניט אַזוי: איך ליעב דיך מעהר ווי מיין לע־בען!... דו ביזט מיר אַלע מאָל געפעלען, לאַנג שוין... ביזט... אַזאַ גרויסער, שטאַרקער, פיהלענדער!

אין צימער איז פינסטער געוועזן, און מאַריא סערגעיעוונא'ס פּנים האָט אָבגעשלאָגען מיט בלייכקייט אויפ'ן שוואַרצען קישעלע פון דער סאָפאַ... די אויגען האָבען אויסגעזעהן אַזעלכע גרויסע, ווי אָבגרונדען. און איהר קול'כעל האָט געקלונגען אַזוי צערטליך, ציטער־דיג אָבגעהאַקט, ווי ביי אַ בעליידיגטען קינד.

— מיר איז געוועזן געפעלען, וואָס דו ביזט בעוואוסט פון דיין קראַפט און וואָס אַלע אונטערוואַרפען זיך דיר. געוויס, עס איז מיר געוועזן אַנגענעהם, וואָס דו קענסט אויף מיר אַ שאָט טהאָן אַזוי פיעל געלד, אַז איך בין דאָס די גאַנצע ניט ווערטה... נור ווייניג רייכע מענשען האָבען זיך דאָרט אַרומגעדרעהט!... ווען איך וויל נור... אָבער דו ביזט געוועזן גרעסער, שטאַרקער פון אַלעמען!... מיר, פרויען, שעצען אין מאַנספערשוין קראַפט און מאַכט...

מיזשויעוו האָט איהר געקושט מיט צערטליכע און מילדע טרעה־רען, און איהם איז אַזוי גוט, וואַרים געוועזן פון איהרע שטילע, פער־ליעבטע ווערטער. זי האָט געשעפּטשעט מיט אַזאַ איילענדי־גער אויפ־ריכטינקייט, זי איז געוועזן אַזאַ הייסע, פלאַנזאַמע, ליידענשאַפטלי־כע! און ער האָט זיך געפיהלט אַזוי שטאָלץ מיט זיין קראַפט, מיט

רעם בעוואוסטזיין, אז זי ליעבט איחם און גיט זיך איהם אב ווי א ליב־טינגער זון, וואס העכערעס פון איהם איז גאר פאר איהר ניטא.

— איך נארישע וואס איך בין, קען דאס גאר ניט איבערגעבען מיט ווערטער — האט מאריא סערגעיעוונא שטיל, שטיל געשעפטשעט — איך האב געפיהרט אזא לאנגוויילינגען לעבען, איין טאג אויפ'ן צווייטען עהנליך... עס האט זיך געדוכט, אז אלץ איז שוין געענדיגט, אז אין דער צוקונפט וועט שוין גאר נישט זיין... האסטו אריינגע־טראגען עטוואס בלענדענדעס, שטארקעס, איך בין אזש פון זינען אראב פאר גליק! געטרוימט וועגען דיר, דיר נאכגעלאפען, ווי א מיי־דעלע...

— אבער ניט איך האב דאס אריינגעבראכט... — האט מי־זשויעוו געפארשט מיט אומבעוואוסטען חשד, און זיין קול האט לייכט א ציטער געטהאן פאר שרעק.

— ניין — דו! דו... אזוי ווי דו ביזט... א גרויסער, א שטאר־קער, א מעכטיגער, ווי א קייזער!... אבער דאס איז ניט דער עיקר: ווען דו וואלסט אפילו ארים געווען, וואלט איך אלץ איינס זיך דיר אבגעגעבען... דו ביזט מיין אלץ! — האט מאריא סערגעיעוונא היציג זיך געשפארט מיט איהם און אזוי קינדערש, שעהמעדיג און אונפערשעהמט זיך געדריקט צו איהם מיט איהר גאנצען לייב.

זי האט נאך ווייטער געשעפטשעט און זיך פונאנדערגעעפענט אונטער זיין לאסקע ווי א בלום, און אלץ נישטיגער, אונבעגרייפליכער זיינען מיזשויעוו'ן איצט פארגעקומען זיינע פריהערדיגע גערדאנקען און מאטערנישען.

„איך בין פשוט א ווילדער אייגענזיניגער עקשן!“ — האט ער געטראכט.

און איהם האט זיך געוואלט, זי זאל ווייטער ריידען, צושטריי־ען זיינע געדאנקען, זיך שפארען און אויפווייזען איהם.

— אבער, פארט... דיין מאן איז געווען אי קלינגער, אי בע־גאבטער פון מיר... וואס, אין גרונד גענומען, שטעל איך מיט זיך פאר?

ער האט געפארשט מיט אן איינגעהאלטענעם קול און געזוכט צו בעהאלטען זיין כונה און אליין זיך געשראקען פאר דעם פער־חער, ווי ער וואלט זיך געגליטשט איבער אן אבגרונד. און מיט א פערגעהענדען הארצען האט ער איהר געזוכט איבערצושפארען, און

ווידער אַמאָל דערמאָהנט איהר דעם מאַן און אויפגעוויזען איהר, אַז יענער איז געווען בעסער פון איהם.

— פאַר וואָס זשע האָסטו מיך ליעב געקריגען? ניט דערפאַר דאָך, וואָס איך בין געזונד ווי אַן אָקס! — האָט ער אומישנע זיך ערנידריגט און ער האָט זיך דער גאַנצער אָנגעשטריינגט אין ער־וואַרטונג, זי זאָל קומען מיט איהרע ליעבע אַבלייקענונגען, ליידענ־שאַפטליכע, אויפמונטערנדע רייד.

מאַריא סערגעיעוונא האָט זיך שרעקליך בעליידיגט. איהר גאַנ־צער קערפּער האָט פּראָטעסטירט, ווי מען וואָלט אַן איהם אויסגע־טהאָנענעם, אַ הוילען פלוצלונג אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס. און זי האָט גענומען פערזיכערן, אַז דאָס איז ניט דאָס, ניט דאָס.

— טו וואָס זשע?

זי האָט ניט גלייך געענטפערט, ניט געפינענדיג ניט די נויטיגע ווערטער און ניט די נויטיגע געפיהלען. עס איז פינסטער געווען, און ער האָט ניט געזעהן דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען. מיזשויעוו האָט געוואַרט און מיט גרויל געפיהלט, אַז אין דער פינסטערער טיעפעניש פון זיין נשמה ווערט געבאָרען און קריכט שוין אַרום אַ גליטשיגער, שרעקליכער חשד.

דאַן האָט זי גענומען בעווייזען, אַז ער איז אַ קליגער, בעסער, אָרי־גינעלער. זי האָט גערעדט מיט ברען, איילענדיג און אויפרעגענדיג זיך, און ער האָט איהר רק צוריקגעענטפערט מיט אַ פאַלשען, אימה־דיגען קול, אַז איהר מאַן איז אַ מערקווירדיגער, פּראַכטפולער מענש. ער האָט איהם געמאָהלען מיט גרויזאַמער אויפריכטיגקייט, געקוואַ־לען און ערנידריגט זיך אַליין, און פאַר מאַריא סערגעיעוונא איז בולט אויפגעשטאַנען אַ בעקאַנטע געשטאַלט — די ביז איצט נאָך אומבע־וואוסט־ליעבע געשטאַלט פון אַ גוטען, שעהנעם, צערטליכען מענ־שען, אַזאַ אָריגינעלען און פיהלענדען, ווי קיינער ניט. אין ערגיץ זוייט האָבען זיך אָבגערופען ערינערונגען פון אַן איבערגעלעבטען גליק, פון די ערשטע לאַסקעס, און צוזאַמען מיט זיי האָבען זיך אויפגעוועקט פיינע, קוים מערקליכע שפּורען פון אַ טיעפען אומעט. זי האָט זיך דערשראָקען און גענומען זיך שפּאַרען, אָבער אַזוי מאָדנע, ווי זי וואָלט זיך געשפּאַרט ניט מיט מיזשויעוו'ן, נור מיט עפּעס אין זיך אַליין. און מיזשויעוו'ס קרענקליך אָנגעשטרענגטער אויער האָט געכאַפּט אָט דעם מאָדנעם בייקלאַנג פון איהר פערענדערטען קול.

און זיינע שעפּטשענדע ליפּען זיינען ווי פערגליווערט געוואָרען פון א בשורה וועגען א נאָהענטען אומגליק; ער האָט זיך שוין געשפּאַרט טרוקענער, קאַלטער, מיט אן אונפערשטענדליכער בייזער עקשנות. און פּלוצלינג האָט מאַריא סערגעיעווגא מיט שווידער בעמערקט, אז זי ווייס ניט וואָס צו זאָגען, ווי צו דערווייזען, פאר וואָס זשע האָט זי מיזשויעוו'ן ליעב געקריגען, אויב זי קען דאָס ניט לייקענען, אז איהר מאַן איז געווען אן אונגעוועהנליכער, ליעבער, מערקווירדיגער מענש.

און דורך דעם ליידענשאַפטליכען מורמעל, דורך די ליעבעס ווערטער און פערזיכערונגען, האָט זיך אונבעמערקט דורכגעשטעקט עפּעס העסליכעס, אומגעריכט גרויליגעס, ווי א נאַכט־פערזעהעניש, ווי א ליצנות'דיג געזיכט מיט הערנער, וואָס ווייזט זיך אין די וויסטע חלומות פון א צורודערטען מוח.

עס איז אויף אמאָל, אַהן ווערטער קלאָר געוואָרען, אז זי ליעבט און זי האָט נאָך ביז איצט ניט פערגעסען איהר מאַן, אז זי איז טאַקע פערכאַפּט געוואָרען פון דורשט נאָך א ניי לעבען, א לעבען אין גלאַנץ און פרעהליכקייט, אז עס איז טאַקע אמת דאָס, וואָס זי לייקענט אזוי הארטנעקיג און, ווי עס שיינט, אזוי אויפריכטיג.

און ווען מאַריא סערגעיעווגא האָט זיך דערערדט דערצו, האָט זי זיך אויף אמאָל פערלאָרען, זיך אבגעלאָזען און אונבעהאָלפען אנט־שווינען געוואָרען, כאָטש זי האָט מיט גרויל גע'טענה'ט צו זיך, אז יעדע סעקונדע פון איהר שוויינען ברייננט אונגליק פאר איהר. מי־זשויעוו האָט געוואַרט און ווי פריהער געדריקט אויף איהר ווייכער ברוסט מיט זיין שווערען אקסעל און ניט אראָבגענומען זיין פּנים פון איהרע וואַרימע רונדע פּיסלאַך. זיינע אויגען האָבען שאַרף פאר זיך אין חושך געקוקט און ווי ער וואָלט דאָרט געזעהן אזוינס, וואָס האָט זיין מוח פערגליווערט אין אימה'דיגער ערוואַרטונג. אן אייז קעלט האָט גענומען בלאָזען פון אינעווייניג און זיי אבטיילען איינס פון אנדערן און אויף אייביג, זי האָט נאָך געפּרובט עפּעס זאָגען, אבער זי האָט ניט געקענט און זי האָט זיך פּלוצלינג אהנמעכטיג זיך צו־וויינט.

— וואָס זשע פייניגסטו מיך!... איך ווייס גאָר נישט... גאָר־נישט...

מיזשויעוו האָט געשוויגען און שווער געעטעמט און געפּיחלט,

אז זיין גאַנצער קערפּער, זיין האַרץ און זיין געהירן זינקען אין לייז-דיגען חושך אַריין.

מאַריאַ סערגעיעוונאַ איז אַנטשוויגען געוואָרען און זיך צוכלי-פּעט. ער האָט געשוויגען און עפּעס געוואַרט. און זי אַ וויינענדיגע האָט ציטעריג אויפגעהויבען איהרע אויגען צו איהם, און פּלוצלינג האָט אַ הילכיגער פּראַסק מיט שרעקליכען צאָרן זיך אַראָבגעלאָזען אויף איהר פּנים.

— אי! — האָט מאַריאַ סערגעיעוונאַ אויסגעשריען און פאַר-וועהטאָג און גרויל אויף אַ רגע ווי דעם זינען פערלאָרען.

— דו גאַרנישט איינע!... — האָט מיזשויעוו הייזעריג אַרויס-גערעדט. אַ גרויסער, אַ שווערער, איין שטיק מיט דער פינסטערניס, איז ער אַריבערגעקראָכען איבער איהר, אויסגעמידען אַנצוריהרען איהר וואַרימען אונבעוועגליכען קערפּער און האַסטיג, אַלע ווילע זיך אַנשטויסענדיג אָן אַ שטיק מעבעל, איז ער אַרויס פון צימער.

— אַ סוף! — האָט אַ דומפּער קול אַרויסגערעדט אין איהם.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען קאַבינעט און זיך פער-גלאָצט אין דער פינסטערניס אַריין. דאָרט, פון הינטען, האָט דאָס אַנגעשפּאַנטע געהער געכאַפּט עפּעס קלאַנגען, אָבער עס איז געווען שטיל, ווי אַליץ וואָלט אָבגעשטאַרבען. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריהר צו טהאָן אפילו מיט אַ פינגער, און עס האָט זיך געדוכט, אַז טאָמער טהוט ער זיך אַ ריהר, עקט זיך דאָס חיות אין איהם. זיין גאַנץ וועזען איז ווי אָבגעטונקט געווען אין איבערנאַטירליכען וועה-טאָג. שרעקליכע שאַנדע, די טיעפּסטע איינזאַמקייט, אַ האַרץ-רייז-סענדער, בלוט-פערגליווערנדער רחמנות צו זיך און צו איהר האָבען זיך אויסגעמישט אין ווילדען שפּיעל מיט אַ קאַלטער, בייזער הנאה, פּונקט ווי ער וואָלט סוף כל סוף גענומען נקמה אָן עמיצען, אויף צו להכעיס פערניכטעט זיך אַליין.

— אַ סוף! — האָט מיזשויעוו איבערגע'חזר'ט מיט אַ משונה-דיגען שמייכעל.

ער האָט געוואָלט אָבשטעלען דעם זינלאָזען שמייכעל, נור ער איז אַליץ ברייטער געוואָרען, געוואַקסען, געצופּט און געריסען, און ער האָט שוין איינהאַלטען נים געקענט זיינע שפּרינגענדע קין-באַקען, און פּלוצלינג האָט דאָס גאַנצע פּנים זיינס זיך צוקרימט אין שרעקליכע, וואַהנזיניגע קרעמפּען.

צעהנטעס קאפיטעל.

עס איז געוועזן א ווינטיגער טאג, און דער ים, שארף בלוי פון דער ווייטעז און העל גרין פון דער נאהענט, איז געוועזן בעדעקט מיט ווייסינקע גרייזעלאך. עס האט זיך גערוכט, אז דער ים בעוועגט זיך ניט, נור דרעהט זיך אויף אן ארט. דאס אויג האט וועה געטהאן פון דעם בונטען געמיש פון קאלירען„ שאטענס, זונען־שיין, די בלישצענדע טואלעטען פון די בעגלייטענדע דאמען, די שווארצע שיף־וועגט און דאס גראהע שטריק־ווערק. דער ווינט האט אלץ פול געמאכט מיט ווילד־יאגענדער בעוועגונג, און דערפאר האט די וועלט אויסגעזעהן אונגעהייער גרויס, און די מענשען און דאס בונטע שטעדטעל הינטער'ן האפען אזעלכע ברעקלאך, ממש ווי שפיעל־צייג.

מען האט לאנג געווארט אויף דעם אבגאנג פון שיף, און מי־זשויעוו'ן און מאריא סערגעיעוונא איז געוועזן שווער און אומעטיג און אונהיימליך.

די הויבמאשין האט קרעכצענדיג ארונטערגעלאזען שווערע קאס־טענס אין לאסטרוים, און געריפעט אין די אויערן. איבער'ן בריקעל, אויפ'ן שיף־דעק און אויף דער דאמבע האט אונגערולדיג זיך בע־וועגט א בונטער עולם, צווישען וועלכען עס האבען זיך געווארפען אין די אויגען אהן א שיער דאמען. פון ברעג האט מען געשריען צום שיף־דעק און פון שיף־דעק צום ברעג, מען האט זיך איבערגעווארפען מיט בלומען, וואס דער שניידענדער ווינט האט אוועקגעטראגען ווייט אין ים אריין. די דאמען האבען צוגעהאלטען די ראנדען פון זייע־רע היט; די קליידער האבען געפלאטערט, ענג ארומגעכאפט די קניה, אונפערשעהמט בעצייכענט די וויכע ליניען פון די פיס, און אלץ האט בעקומען אזא אונגעדולדיגען, צייטווייליגען כאראקטער. און גלייכציי־טיג האט זיך גערוכט, אז דער דאמפער וועט זיך קיינמאל פון ארט ניט ריהרען, קיינמאל וועט מען ניט פארטיג ווערען מיט דעם לא־דען פון די קאסטענס. קאסטענס, קאסטענס אהן א סוף. פון צייט צו צייט פלעגט דער דאמפער עפנען זיין האלז און אויפהויבען א ווילדען געוואלד, א מעכטיג געברילל, און פערשטיקען אלע קלאנגען. און זיין שרייענדער קול פלעגט זיך פערנעהמ׳ן אלץ העכער און העכער. אזש די אויערן פלעגען נעהמען וועה טהאן, און אז עס פלעגט שוין

ווערן גאר אונערטערגליך, פלעגט ער פלוצלינג אברייסען, קורץ א בליפּע טהאָן און אנשטומט ווערן. עס פלעגט ווערן אזוי משונה שטיל, נור דער אוועקפליהענדער ווידערקול פלעגט נאָך לאנג זיך לאָזען הערען אין די בערג. דערנאָך פלעגט ווידער אויסברעכען דער טומעלדיגער, איילענדיגער געשפּרעך און ווידער האָט געריפּעט און גע־קרעכצט די אומגעלומפּערטע הויב־מאשין.

מיזשויעוו איז געשטאַנען אויפ׳ן דעק און א דריקענדע, שרעק־ליכע שווערעניש האָט איהם געקוועלט. ער האָט געפיהלט, אז מאריא סערגעיעוונא קוקט אויף איהם און מיט א ווינקעל אויג געזעהן איהרע טונקעלע, כלומרשט רוהיגע און שמייכלענדע אויגען, בעצויגען מיט דורכזיכטיגע טרעהרען.

זי האָט גאר נישט גערעדט. דער בעשלוס איז נאָך נעכטען אנגענו־מען געווען, און נאָך דעם שווערען, מאטערנדען געשפּרעך איז שוין גאר ניט געווען צו ריידען.

— נו, איז וואָס... געענדיגט, געענדיגט — האָט מאריא סערגע־יעוונא גע׳טענה׳ט צו זיך אליין, נור איהר האנד אין ווייסען האנד־שוה האָט ארומגעטאַנצט גלאט אזוי איבער דעם בלענגענדען קופּער פון דעם פּארענץ. בלויז נאָך אָט דער אונאויפהערליכער, העפטיגער בעוועגונג פון איהר האנד האָט מיזשויעוו פערשטאַנען, ווי זי פיהלט און טראכט, ווי אונענדליך עס נאָגט איהר קליין הערצעל. עס האָט פּיינליך געריסען דאס הארץ אויף איהר און עס האָט זיך געפיהלט אן אונענדליכע שולד. אבער עס איז געווען פּוסט אויף דער נשמה. און עס איז אונמעגליך געווען זיך פארצושטעלען אן אומקעהר צו דער פערגאנגענהייט, צו א צוזאמענלעבען, צו לאסקעס און געגענזיי־טיגער אינטימיטעט. עפּעס האָט געפּלאַצט, א תהום האָט זיך גע־עפענט צווישען זיי, און עס האָט זיך איצט געוואלט נור איינס: ניט ציהען מעהר! וואָס גיכער!

„וואָס איז, זי וועט אויסקומען אהן מיר אויך, — האָט מיזשוי־עוו געטראכט און געקוקט מיט אן אונבעוועגליכען בליק אין בונטען עולם. — וועט פיהרען דאָסזעלביגע יום־טוב׳דיגע פרעהליכע לעבען, עס וועט איהר קיין זאך ניט פעהלען, אויסער פרעהליכקייט“.

איהם האָט זיך פארגעשטעלט, אז זי קען נאָך געפינען אן אנ־דער מאנסביל, וועמען זי זאָל ליעב קריגען אזוי ווי איהם, וועלכער אבער וועט איהר ליעבען שוין אויף אן אמת און אויף שטענדיג, מיט

ראנקבארקייט, מיט ריהרענדער אכטונג. אבער דאס פנים פון אט דעם נייעם האט ער זיך בשום אופן נים געקענט פארשטעלען. אנ־שטאט דעם איז איהם געקראכען אין קאפ אריין פארכאמענקא׳ס קיי־לעכדיג פנים, מיט די שווארצע וואנצעס, אדער די אראבהענגענדע ליפען פון דעם בערזען־ספעקולאנט.

— און דאס איז גאנץ מעגליך... — האט מיזשויעוו זיך גע־טראכט: — זי האט געהאט א ריינע ליעבע, אן אויפריכטיגע, האט זי עס אויסגעביטען אויף מיר, ווייל איך האב איהר געגעבען נייע איינדריקע, געעפענט פאר איהר א מעגליכקייט פון א זארגלאזען, לוס־טיגען לעבען. איצט איז איהר שוין שווער אומצוקעהרען זיך צו דעם אמאליגען לעבען... מען מוז ווייטער אנגעהן... און זי וועט זיך לוס־טיג מאכען, אין לאכען, און זיך פוצען און זיך אבגעבען, ווי דער קאפריז וועט איהר אויסטראגען... ביז דאס לעבען וועט אבבלייכען און זיך אויסבלאזען.. א שאד!... אבער איך בין אליין שולדיג... פער־פאלען... און איך וועל לעבען, ווי איך האב געלעבט... נודנע, לאנג־ווייליג, איינזאם! פוסט!

דער מעשענער האלז איז ווידער ארוים מיט א קלאנג. די לופט איז אויפגעטרייסעלט געווארען, דער שיף־דעק האט אויפגעציטערט, און א מינוט האט זיך געדוכט, אז אויף דער הימעל און דער ים זיי־נען פערציטערט געווארען פון אט דעם אונמענשליכען קול, וואס די בערג האבען אויפגעכאפט און צוטראגען. אויפ׳ן דעק איז געווארען א געשריי און א גערודער. מען האט גענומען פאכען מיט די טיכ־לאך.

מאריא סערגעיעווגא איז בלייך געווארען, איהרע טונקעלע אויי־גען האבען שוין נים בעהאלטען זייער אויסדרוק, זיי האבען געקוקט אונטערטהעניג, פערבענקט. מיזשויעוו׳ן האט א דריק געטהאן ביים הארצען. אין דער מינוט האבען זיי ביידע דערפיהלט א האפנונגסלאזע נאגענדע צערטליכקייט.

מען האט נים געמערקט דעם מאמענט, ווען דאס שיף האט זיך גערירט פון ארט, נור דער גרינער מוטנער פאס צווישען דער נאסער וואנד פון דער דאמבע און שווארצען בויך פון שיף האט פלוצלינג גע־נומען זיך אויסברייטען און וואקסען.

מיזשויעוו איז געשטאנען אויפ׳ן דעק און לאנג געקוקט, זוכענ־דיג מיט די אויגען צווישען דעם עולם בעגלייטער מאריא סערגעיעוו־

נאָ'ם קליינע, ליכטיגע פיגור. אָט גערהט זי, געשטופּט און געשטויסען פון ווינד. דאָס שיף איז געשוואומען, און צווישען איהם און ברעג האָ־בען זיך שוין גענומען גרייזלען און שוימען פרייע וועלבעלאך. דער וואסער־מויער, וואָס שפּארט אָב דעם האפען, איז אַלץ קלענער און קלענער געווארען, אבער מיזשויעוו האָט נאָך לאנג געזעהן אויף איהם נאָכגעהענדיג נאָכ'ן שיף א העלע פרויען פיגור, און דער העל־זוניגער ווינט האָט געפלאַטערט מיט איהר העל קלייד.

עס איז שוין ניט געווען צו זעהן דעם אויסדרוק פון איהר גע־זיכט, צי זי געהט, צי זי שטעהט... בלויז א קליין ליכטיג פלעק, צו־געקלעפּט צום לאנגען גראהען וואסער־מויער, צווישען ווינט, לויפענדע כוואליעס און ווייסען שוים, אראָבגעשפריצט פון זייערע רוקענס.

אַלץ קלענער און קלענער. און ווען דאָס שטעדטעל, און דער וואסער־מויער און דאָס פּיצעלע פרויען־געשטאלט האָבען זיך צונויפ־גענאָסען אין איין שפּיעלענדען לופט־בילד פון ווייטע זוניגע ברע־גען, האָט א שארפער וועהטאָג דורכגעלעבערט מיזשויעוו'ס הארץ, און ער האָט זיך דערפיהלט איינער אליין אויף דער גאנצער וועלט.

עס האָט זיך אבגעריסען א שטיק לעבען און פערשוואונדען אין דער בלויער ווייט. אין פאראויס האָט שטורמיש זיך געהויבען און געפאַלען א ליידיגער ים און געוויקעלט זיינע קאלטע ווינטיגע שטרע־קען.

— נו, מילא... — האָט מיזשויעוו א טראכט געטהאָן. — אפשר צום גוטען... ווי עס איז וועלען מיר דורכלעבען...

דאָס שיף האָט געבלישצעט מיט בונטער פרעהליכקייט. א מאסע פרויען, אין רייכע קליידער, אין בלימען, האָבען איהם צוגעגעבען אַן אויסגעפּוצטען, יום־טוב'דיגען אויסזעהן, און ווען דאָרט ביים נאָז פון שיף האָט מאדנע הויך אויפגעשפּיעלט אַן ארקעסטער, איז שוין גאָר עהנליך געוואָרען צו א לוסטרייזע, צו א שפּאַציער אויפ'ן ים. די פּאַ־סאזשירען האָבען זיך איינגעטיילט אין גרופּען, צווישען די פרויען האָט זיך בעוויזען דער פראנטעוואטער קאפּיטאַן אין א שנעע ווייסען קיטעל, מיט א פּנים פון אַן אַלטען „ים־וואָלף". עס האָבען זיך דער־הערט שפּאַסען, וויצען, געלעכטערס און קוויטשעריי'ען פון פרוי־ען. און הינטער'ן שיף האָט זיך דער ים געשוימט און געשוואומען צוריק, אין דער פערשווינדענער ווייטקייט אריין.

פון דער זייט זיינען געשוואומען אין בלויען נעבעל גרינע ברע־

גען און ראזעווע בערג. אויף'ן פעלז, הויך איבער'ן ים, האט זיך בעוויזען א ווייסער קלויסטער און לאנג, לאנג געשוועבט אין דער לופטען, ווי א וואסער שוואלב, ביז וואנען ער איז ניט געווארען איינס מיט דעם בלויען צוים. דער ים האט זיך געדרעהט און בעוועגט, די ווייסע כוואליעס זיינען געפאלען און זיך ווידער געהויבען.

מיזשויעוו איז אונערמידליך געגאנגען הין און צוריק איבער'ן דעק, בעגלייט די שווימענדע ברעגען און געטראכט א פערקלעמטער, האפנונגסלאזער טאן האט זיך דין דין געקלאגט אין דער נשמה.

— וואו פאהרען? צו וואס?... — האט ער געטראכט, און עס זיינען איהם גלייכגילטיג געווען דער ברעג, די זון און דער ים, וועלכען ער האט שוין אזוי פיעל מאל געזעהן, אי דא, אי ביי די ברעגען פון איטאליען, אי ארום עגיפטען, און וועלכער האט איהם שוין גאר ניט געהאט צו דערצעהלען וועגען דער הארציגער שעהנקייט פון דער נאטור, וואס ריהרט, מאכט ווייך דעם מענשענס הארץ און דעם מענשען מאכט זי מונטער און פריי, ווי דעם פויגעל אין א ווארימען זוניגען טאג.

בלויז געהערט האט ער, ווי די וואסער שוואלבען, וואס האבען דאס שיף בעגלייט, האבען געשריען מיט א געבראכענעם, משונה'דיגען קול.

עלעפטעס קאפיטעל.

אין מיטען פון א באדעצימער, אויסגעפלאסטערט מיט ווייסע און גראהע קאכליעס, אין וועלכע דאס עלעקטרישע ליכט האט זיך אבגעשלאגען אין טויזענדער בלישצענדע שפליטערס, איז געשטאנען מאריא סערגעיעוונא, און א קאמער־מיידעל, מיט שטארקע, אדערדיגע האנד, האט איהר איינגעריבען מיט א פייכטען שוואם. דער נאקעטער, נאסער קערפער האט געשימערט געגען ליכט, און מאריא סערגעיעוונאס דינע, שלאנקע פיגור האט דא לאנגזאם זיך געבויגען, דא זיך אויסגעגלייכט אונטער די געשיקטע הענד פון דעם קאמערמיידעל. די אבגערונדעטע בריסטען האבען געציטערט און געפלאטערט; דאס שטאלצע קעפעל, מיט די שווער אראבהענגענדע צעפ, האט זיך געהויבען און אראבגעלאזען, און עס האט זיך געדוכט, אז די נאקעטע פרוי שמאכט אין זיסער פיזישער אונגעדולד.

אין דער אמת'ן אבער איז דאס קליינע צונויפגעדריקטע הער־

צעל אַנגעגאָסען געוועזען מיט אַזוי פיעל ביטערנים, אומעט, איז אַזוי פיינליך צורודערט געוועזען, אז דער יונגער פרוי האָט זיך געדוכט, אז אָט, אָט געהט זי אויס.

— אפשר, קאלט, מאדאם? — האָט די קאמער־מיידעל גע־פרעגט, ווען זי האָט געמערקט, אז מאריא סערגעוויעוונא'ס איינגעבוי־גענע אקסלען כאפען ציטערן.

— וואָס? — האָט מאריא סערגעיעוונא דערשראָקען איבער־געפרעגט און האָט א קוק געטהאָן אויף דאָס מיידעל מיט א פער־קלעמטען בליק.

— דאָס וואסער איז ניט קאַלט? — האָט דאָס מיידעל ווידער־האָלט איהר פראגע.

— ניין... עס מאכט ניט.

דאָס מיידעל האָט איינגעטונקט דעם שוואם אין ווארים וואַ־סער און ווידער א גלייכגילטיגע, א פערטיעפטע אין איהרע אייגענע געדאנקען, האָט זי געשיקט גענומען איינרייבען דער מאדאם דעם רוקען.

מאריא סערגעיעוונא האָט זיך געקוואלען אונטער איהרע הענד; עס איז געוועזען אזוי פיינליך צו שטעהען א נאַקעטע און זיך וואַ־שען, בעת דאָס הארץ ווערט צוריסען אין שטיקער. עס האָט זיך געוואָלט בלייבען אליין, די גאנצע וועלט זאָל פערשווינדען, און אליין זיך איינגראבען אין קישען מיט'ן פנים אראָב. ליגען און פערגעהן אויף אייביג, אום גארנישט צו זעהן, צו הערען און צו פיהלען.

אבער די דרעסירטע שטייפע קאמער־מיידעל, וועלכע האָט נור געדיענט ביי אריסטאָקראטען און פאר וועלכער מאריא סערגעיעוונא האָט אביסעל מורא געהאט,—אלע שטילע אָרימע מענשען האבען מורא פאר אריסטאָקראטישער דיענערשאפט — אָט די קאמער־מיידעל איז היינט די גאנצע צייט נעבען איהר און פון סאמע אין דער פריה לויערט זי אויף איהר. מיט איהר קאלט־נייגיעריגע, אפשר גאר הא־סענדע אויגען. מען האָט געדארפט בעהאלטען, וואס איז נעכטען פאר־געקומען, אום די דיענערשאפט זאָל זיך ניט כאפען, אז זי איז פער־לאָזען, אז זי איז ניט מעהר ווי א מעטרעסע געוועזען, אז מען האָט איהר אויסגעפאטשט, ווי די סאמע לעצטע, ערנידריגט און אוועק־געוואָרפען.

פון דעם סאמע מאָמענט, וואָס זיי איז קלאָר געוואָרען, נאָך א

שווערען, האפנונגסלאזען נעשפרעך, אז זייערע בעציהונגען זיינען אבגעבראכען אויף שטענדיג, און מיזשויעוו איז אוועק, האט מאריא סערגעיעוונא אנגעשטרענגט אלע איהרע כוחות, קיינער זאל זיך ניט אנשטויסען, וואס צווישען זיי איז פארגעקומען. אויפ'ן שיף האט זי זיך גענויהט צו זיין פרעהליך און צו שמייכלען; ווען זי איז געפאהרען א היים, מיט אן אונענדליך פערוועהטאגטען הארצען, האט זי אכטונג געגעבען, אז איהר בענעהמונג מיט'ן לאקיי זאל זיין גענוג בעפעהלעריש; אין דער היים האט זי זיך געצוואונגען צו טהאן אלץ. ווי אלע טאג, און זי האט זיך געפיהלט פאר א שקלאפין ביי אט די קאלטע געדונגענע מענשען, וועמען זי איז גאר ניט אנגענאנגען.

און ווען די קאמער־מיידעל האט איהר עהרפורכטיג געמעלדעט, אז די וואנע איז פארטיג, איז זי געהארכזאם נעגאנגען, זיך אויסגעטהאן און א נאקעטע, אן אונגליקליכע, האט זי זיך איבערגעגעבען צו א פרעמדער פרוי, זאל יענע טהאן מיט איהר, וואס זי וויל.

און ווען דאס ווארימקייט און ליכט, דאס ווייכע וויסער און פארפימירטע לופט האבען געלאסצעט איהר לייב, איז ביי דער קלייגער נאקעטער פרוי דאס הארץ אויסגעגאנגען פאר וועהטאג. אונטער דעם געצערטעלטען לייב האט געקוואלען א שווער געפיהל פון איינזאמקייט, איינזאמקייט אהן א ברעג, און איהר האט זיך געדוכט, אז עמיצער מאכט דא חוזק פון איהר.

— נענוג, קלאוודיא, שוין גוט... — האט זי קוים ארויסגערעדט, ווען זי האט שוין געפיהלט, אז נאך א ווייל און זי פאלט אוועק.

— און דער שפריץ, מאדאם? — האט דאס קאמער־מיידעל העפליך זיך ערקונדיגט, און ניט געווארט אויף אן ענטפער, איז זי צונעגאנגען צום עמאלירטען קראהן און א פרוב געטהאן דאס וואַרימע וואסער, וואס האט א גאס געטהאן פון אויבען.

און מאריא סערגעיעוונא איז אוועק אונטער'ן שפריץ און קוים זיך איינגעהאלטען פון וויינען. דאס הארץ האט איהר שיער ניט געפלאצט.

און ווען דאס מיידעל האט ענדליך ארויפגעווארפען אויף איהר א טרוקענעם ווייכען קאפאט און מאריא סערגעיעוונא איז געבליבען אליין אין שלאף־צימער, איז זי מיט פערבראכענע הענד אריינגעפאלען אין קישען.

די לאַנג בעהאַלטענע טרעהרען האָבען זיך אַ גאַס געטהאָן אין אַ חייסען שטראָם, און זי האָט זיך צוואויינט שטיל און הילפלאָז, ווי אַ קינד.

איהר גאַנץ לעבען איז פאַר איהר פאַרביינגעגאַנגען, די אַלע ליידען פון אַמאָל, און די טונקעלע צוקונפט, און די גרויזאַמע ענטוי־שונג און דער שווידערליכער טעות, וואָס מען קען שוין אויף אייביג ניט פעררריכטען.

קיינער האָט ניט געזעהן דעם ווילדען אונזין: אַ פּרעכטיגע יונ־גע פרוי, איינזאַם צווישען אַ וועלט מיט מענשען, וואָס דאָס צונויפ־קומען מיט איהר וואָלט זיי געקענט שאַפען די העלסטע פרייד, דעם גרעסטען געניוס. נור שאַרף געפיהלט דעם דאָזיגען אונזין האָט איהר איינענע נשמה, איינגעשלאָסען אין אַזאַ פּרעכטיגען לייב. אָבער מיט ווערטער האָט זי ניט געקענט אויסדריקען דאָס, וואָס האָט איהר אינערליך געפּלאַגט.

זייט איהר לעבען האָט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, איז די פריהערינע מאַריאַ סערגעיעוונאַ, די פרוי פון אַ גוטען, שטילען און פריינדליכען מענשען, די פרוי מיט אַ קליינער, איינפאַכער, אָבער זוניגער וועלט איז פערשוואונדען, און איהר אָרט האָט פערנומען אַן אונרוהיג רייצענדע פרוי, איינגעטונקט אין שפּיצען, זייד, ברילִיאַנ־טען, קאָמפאָרט און בעקוועמליכקייט — זייט יעמאָלט האָט מאַריאַ סערגעיעוונאַ קיינמאָל ניט געטראַכט וועגען איהר פריהערינען לעבען. דאָס איז געוועזען עפּעס אַזוינס ליכטיגעס, ליעבעס, אַז דערמאָהנען דאָס, וואָס איז אוועק, האָט זי ניט געקענט אָהן ליידען, און ליידען האָט זי מעהר ניט געטאָרט, וואָרים דאָס וואָלט אוועקגענומען די לעצ־טע בערעכטיגונג פון איהר טהאָט.

אַ שווערע דראַמאַ האָט דורכגעמאַכט דער פערלאָזענער מאַן, וועלכער איז איהר אַמאָל אַזוי אונענדליך ליעב געוועזען, אין דער לעצ־טער מינוט האָט ער דורך וואָהנזיניגע טרעהרען כסדר גע׳טענה׳ט:

„מאַמע, מאַמעלע! שוין זשע וועסטו פערלאָזען דיין אינגעלע? וואָס וועל איך טהאָן אָהן דיר? אין איהר האָט זיך אָבגעשפּיעלט אַ קאַמף, וואָס זי האָט בשום אופן ניט געקענט בענעהמען. ווי זי וואָלט געמאַטערט געוואָרען פון אַ וויסטען חלום. דאָס האַרץ האָט געריסען אויף דעם וויינענדען, דערוואַקסענעם, מענשען, וועלכער האָט אַזוי הילפלאָז און אַזוי נוצלאָז גע׳חזר׳ט אַלץ די נאַאיווע ווערטער, וואָס

פלעגען נאך גאר ניט לאנג איהר ריחרען ביז טרעהרען. ווען ער האט איהר א זאג געטהאן, זיך שטיקענדיג פון טרעהרען: „וואס וועל איך אנהויבען צו טהאן אהן דיר?" האט זי זיך פלוצלינג דערמאהנט, אז פריהער האט זי זיך איהם ניט געקענט פארשטעלען אהן איהרע לאסקעס און אהן איהרע זארג. עס האט זיך איהר פארגעשטעלט זיין איינזאמקייט, זיין בענקשאפט, וואס די שווערע בעליידיגונג וועט פער'סם'ען אין ווארצעל, זיין פערוואגעלטקייט און ארימקייט, בעת זי וועט זיך באדען אין לוקסוס, פרייד און גליק, און אויף א רגע איז איהר פארגעקומען, אז דאס, וואס זי קלייבט זיך צו טהאן, איז ווילדער אונזין.

זי האט שוין גענומען קושען און האלזען איהר מאן, אויסווי־שען זיינע פייכטע ליעבע אויגען, אנגעצונדען פון ליידען און טרעה־רען. דאס הארץ האט זיך געשפאלטען צווישען דער נייער העלער, פינקלענדער ליעבע, וואס האט צוגעזאגט אזוי פיעל ניט פערזוכטען גליק, אזוי פיעל וואונדערליכע שעהנקייט, און דעם אונענדליכען מיט־לייד און צערטליכקייט צו דעם הילפלאזען מענשען, וועלכער האט זיך געבעטען און געקלאגט, ווי א קינד, ווען מען פערלאזט עס.

זי האט געפיהלט, אז זי פערליערט די כוחות, אז ער פער־שווינדט און פערגעהט דער טרוים וועגען א ניי און גלענצענד לע־בען, אז עס וועלקט די לעגענדע, וואס האט אויפגעבליהט אין איהר נשמה. האט זי אום זיך צו רעטען, אום ניט צו פערגעסען אן דעם אלץ און בלייבען, האט זי צונויפגעדריקט איהר הארץ, עס פערהאר־טעוועט מיט אזא אכזריות, אז איהר אליין האט אבגעשווידערט פון איהר. און די לעצטע האפנונג פון דעם פערלאזענעם מאן איז אויסגע־רונען אין פערצווייפעלטע טרעהרען; ער האט געריפען און געוויינט; און זיך אנגעשלאגען אן איהר אונפערשטענדליכע אכזריות מיט אזא וועהטאג, וואס מען קען עס קיינמאל ניט פערגעסען און מוחל זיין.

און אט האט צום לעצטען מאל א שווינדעל געטהאן פאר איהרע אויגען דאס בעקאנטע בילד: א צימערל, א לאמפ, א בעט, אויף וועל־כען זי האט איבערגעלעבט דעם גליקליכסטען מאמענט פון איהר לעבען, די עטודען, פאר וועלכע זי פלעגט פאזירען שטונדען־ווייז, אין דער האפנונג, אז דער געליעבטער מאן וועט ענדליך זיך דאך דערשלאגען צו זיעג און רוהם. די עטודען, וואס זיינען אמאל געווען א טייל פון איהב און פון איהר נשמה, האבען איהר א שניט

געטהאָן איבער'ן הארצען מיט אונאויסשפּרעכליכען וועהטאָג. עס איז געווען עפּעס אוננאטירליך גרויזאמעס אין איהר אוועקגעהן, אבער זי האָט צום לעצטען מאָל צונויפגענומען איהר הארץ און איז אוועק. און ער האָט שוין ניט געוויינט, ניט גערופען, נור זיך געשטיקט און מיט קלאַמערנדע הענד זיך אנגעכאַפּט אן איהר אַן אלט מאַנטעלע, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אז אויך דאָס — דאָס לעצטע וועט מען פון איהם אוועקנעהמען. און אָט דאָס האַלטען זיך זיינס אַן מאַנטעלע איז געווען אַזוי הארצרייסענד, אז די ערינערונג וועגען דעם איז ניט געווען שווער, אָדער פּיינליך, נור ממש שוידערליך, ווי די ערינערונג וועגען א בלוט־טהאַט.

און אום ניט צו דערמאָהנען, ניט צו טראַכטען וועגען דעם גרויל פון דער לעצטער מינוט, האָט מאַריאַ סערגעיעוונא זיך ווירקליך אריינגעטהאָן מיט לייב און לעבען אין ווילד־פרעכטיגען, לייכטזיניגען און פער'שיכור'נדען לעבענסטאַנץ.

ביסלעכווייז האָט זי פערגעסען, געוואָרען פרעהליך און מונטער, אריין אין געשמאַק פון לוקסוס און זיך צוגעוועהנט צו איהם. טעאַטערע, ניצצא, בעלער, טואַלעטען, די גלענצענדע געזעלשאַפט פון בערי־המטע מענער — אַלץ, אַלץ האָט זיך פאַרביינגעטראָגען פאַר איהר, ווי אין א חלום, און זי האָט שוין גענומען גלויבען, אז זי איז גליקליך.

נור ווען ניט ווען, ווען מאַריאַ סערגעיעוונא פלעגט בלייבען אליין און פלעגט ניט זעהן און הערען דאָס ארומיגע, פלעגט זי אין שטילער וועהמוט, ארויסרופען א מטושטשע, טרויעריגע געשטאַלט: ערגיץ ווייט, אונבעקאַנט וואו, וועלגערט זיך אן איינזאַמער, פון אַלעמען פערלאָזטער מענש.

— וואָס איז מיט איהם? וואָס טהוט ער? — פלעגט זי טראַכטען, און עס פלעגט איהר פערנעהמען ביים הארצען, און זי פלעגט זיך פערשעהמען און זי איז געגאַנגען צוריק צו מענשען, געפאָהרען ערגיץ וואו, געלאַכט און קאָקעטירט.

אבער אָט איז דער שימערנדער גלאַנץ אראָב, ווי א שטויב, און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט א הוילע, שרעקליכע פּוסטקייט.

זי האָט זיך פערלאָרען, דער קאָפּ האָט איהר גענומען שווינדלען, וואו זאָל זי געהן, וואָס זאָל זי טהאָן, צו וואָס זיך צו טולען — אַלץ איז פערשוואונדען, געבליבען איז א פערלאָזטע מעטרעסע, א פרוי אָהן

א נאמען און אהן אכטונג. זי האט שוין קיין מענשליך פנים... זי איז א זאך געווארען, א שמאטע, וואס מעןווארפט עס ארויס אויף דער גאס.

און מיט קאלטען שרעק האט זי געפיהלט, אז קיין אומקעהר איז ניטא, אז זי קען שוין ניט לעבען, ווי זי האט אמאל געלעבט... זי איז ארויף אויף דעם גאלד־בעשטויבטען וועג און זי מוז געהן ווייטער... וואוהין?

— דאס איז די שטראף, די שטראף! — האט מאריא סערגעיעווי־נא אונבעוואוסט גע'טענה'ט צו זיך אליין.

אויפ'ן טישעל נעבען בעט איז געלעגען דאס געלד, וואס מיזשוי־עוו האט איהר געלאזען, און זי האט געקוקט אויף דעם מיט גרויל און ווי א צוגעדריקטע חיה זיך געקלאמערט מיט צונויפגעדריקטע פינגער אין קישען.

צוועלפטעס קאפיטעל.

מיזשויעוו איז אנגעקומען קיין מאסקווא אין א רעגענדיגען טאג. עס איז שוין געווען כמעט פולער הערבסט. ווי נור ער איז ארויס פון וואקזאל, האט איהם דורכגענומען א קאלטע איבעלדיגע פייכט־קייט.

דער אספאלט אויפ'ן וואקזאל־פלאץ האט געגלאנצט ווי אן אזע־רע, אין וועלכער עס זיינען געשוואומען די נאסע פוהרמאנעס און געבראדזעט די דורכגעווייקטע פוסגעהער. פון ווייטען הינטער דער פארהאנג פון רעגען האבען זיך פערגעבעלט געטונקעלט אונענדליכע דעכער, די קירכען־קופעלס און די מוטנע פלעקען פון די פערגעלטע בולווארען.

עס איז געווען אזוי מאדנע אומעטיג פון דעם געדאנק, אז דא איז שוין לאנג, — היינט און נעכטען און אייערנעכטען און פאר א רייהע מיט טעג — קיין זון ניט געווען, קיין בלויער הימעל, קיין פרעהליכע בלומען. עס האט זיך געדוכט, אז אט די אלע פייכטע איילענדיגע מענשען איז שרעקליך נמאס דאס לעבען, און זיי לעבען נור דערפאר, ווייל זיי האבען שוין לאנג זיך מיאש געווען פון אלץ, און עס אהרט זיי שוין ניט דער רעגען און די קעלט, און עס האט זיך געדוכט, אז ווען מען זאל זיי זאגען, אז ערגעץ ווייט לייכט א העלע זון, און דער הימעל חנ'דעלט זיך אין בלוי, און גרינע גראז לאכט, וואלטען זיי ניט געגלויבט, אז אזא גליקליך איז מעגליך, און זיי וואלטען ווייטער זיך

אוועקגעלאָזט לויפֿען איבער זייערע שפּריצענדיקע קאַלטע בלאַטעס.
אָבער מיזשויעוו האָט וועגען דעם ניט פֿיל געטראַכט. ער איז שוין צו אַלץ געוועהנט געווען, עס האָט איהם שוין ניט געפֿרעהט ניט דער גאָלדענער פֿריהלינג און ניט געאַהרט דער גרויער הערבסט.
ער האָט קיינעם ניט געלאָזט וויסען וועגען זיין קומען, און קיי־נער האָט איהם ניט בעגעגענט, ער האָט געדונגען אַ פֿוהרמאַן און צי־טערנדיג פֿאַר קעלט און נעץ איז ער געפֿאָהרען אַ היים. דערזעהן נאָך פֿון דערווייטענס די זילבער - גרויע געביידע, מיט איהר משונה'דיגער גרויס און איהר משונה'דיגען דעקאַנטישען סטיל. איבער דער גאַנצער ברייט פֿון הויז איז געהאָנגען אַ ריעזיגע שילד די „ברידער מיזשויעוו". ביי די טויערן, וואָס זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי דער אריינגאַנג אין אַ הויהל, איז זיך געגאַנגען מיט זיין אַלטען שטייגער אַ קאָכעדיג, טומעלדיג לעבען. דורכגעווייקטע פֿוהרמאַנעס האָבען געפּאַקט נעלע קאַסטענס אויף וועגענער, געדעקט מיט שטרוי, און כסדר זיינען אָנגעקומען שווארצע פֿוהרען און פֿערבייזטע, הונגע־ריגע קללות פֿלעגען פֿון צייט צו צייט בלייבען הענגען אין דער פֿייכ־טער לופֿט. און אינעווייניג, אין די קאַמערן, אַזעלכע גרויסע און קאַל־טע, ווי די גאַס, און אָבגעטיילט פֿון איהר מיט קלאַפּטער־שויבען, האָבען טרוקענליך געבלישצעט גרינע עלעקטרישע פֿייערלאַך און אונ־בעוועגליכע געבויגענע קעפּ האָבען מעכאַניש געקנאַקט מיט די ביינד־לאַך אויף רעכען־ברעטלאַך.

— אַלץ ווי געווען... — האָט מיזשויעוו אַ טראַכט געטהאָן אַקו־ראַט ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס נייעס. ער האָט אַראָבגענו־מען דעם מאַנטעל און האָט זיך געלאָזט געהן דורך דעם קאַנטאָר, און ווי אָנגעשטעקט מיט דער טרוקענער געשעפֿטס־לופֿט, האָט זיין פּנים אָנגענומען אַ גדלות'דיג־קאַלטען אויסדרוק, ווי ער וואָלט גאָר נישט גע־זעהן ארום זיך.

די מענשען, וואָס זיינען געזעסען ביי די קאַנטאָר־טישלאַך, צו־געפּוצטע, צוגעקעמטע, ווי שיהלער אין אַ קלאַס — פֿלעגען זיך אַ כאַפּ טהאָן און זיך פֿערנייגען הינטער זיין רוקען. און מיזשויעוו האָט זיי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פֿיעלע פֿון זיי האָט ער גאָר נישט געקענט אָדער ניט געדענקט. בלויז דער פֿערוואַלטער, אַ פֿליכעוואַטער אַל־טיטשקער, מיט אַ פּנים פֿון אַ צוריבענעם רובעלדיגעם בילעט, אָדער

פון א הייליגען אויף די גראשענדיגע בילדלאך, האט געוואגט איהם צו בעגריסען.

— ווילקאמען, פעדאר איוואנאוויטש!... דער ברודער איז אין קאבינעט, שוין לאנג ווי ער ריכט זיך אויף אייך. ווי איז די רייזע געוועזען?

מיזשויעוו האט א שמייכעל געטהאן: אויף מיר א רייזע — פון מאסקווע קיין קרים און צוריק. אבער ער האט זיך באלד געכאפט, אז ידעם אלטען ווייס איז זיין לעבען לאנג אבגעווען אין קאנטאר, מוז אזא רייזע אויף פארקומען ווי עפעס לעגענדארישעס.

— אזוי זיך.. א דאנק... — האט מיזשויעוו פריינדליך, קאלט אבגעענטפערט און צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד ניט אבשטע־לענדיג זיך.

זיין ברודער, סטעפאן איוואניטש מיזשויעוו, איז געזעסען איינ־געהויקערט ביי א גרויסען טיש, ווי א קבר און געשריבען, און מיט דער לינקער האנד געשארט די ביינדלאך אויף א שווערען רעכען־ברעט. דאס בלייך־בלויע ליכט פון פענסטער האט געשימערט אויף זיין ברייטען נאקעטען שארבען. דאס גאנצע צימער — גרויס, לאנג־ווייליג שווער — האט אויסגעקוקט ווי אן אונגעהייער קרעדיט־ און דעבעט בוך, וואס צווישען איהרע בלעטער האט זיך קוים קוים גע־ריהרט א מענש. ביים ברודערס אריינגאנג האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ, און דאס ערשטע, וואס מיזשויעוו האט דערזעהן, איז געוועזען זיין קאלטער אונצופריעדענער בליק. און עס האט איהם אזוי מאדנע אונאנגענעהם א שטאך געטהאן, וואס אט וויים ער נאך ניט, ווער און צו וואס איז געקומען, און בעגעגענט ער איהם שוין מיט א פיינדליכען, געשעפטסמעסיגען בליק. אבער באלד האט סטעפאן איוואניטש איהם דערקענט און פערקרימט די ליפען אין א קארגען, מידען שמייכעל.

— אה, געקומען, ענדליך! — און ער האט זיך אויפגעשטעלט. די ברידער האבען זיך צוקושט.

סטעפאן איוואניטש איז געווען פונקט אזוי גרויס און שווער ווי זיין ברודער, נור דאס פנים איז ביי איהם געווען געל, אונגעזונד, אונטער די אויגען זיינען אראבגעהאנגען צוקראכענע קישעלאך, און דער קול איז בלייך געווען, ווי ביי א טויט מיד־ען.

— ס'פרעהט מיך, וואס דו ביזט געקומען... — האט סטעפאן אנ־געהויבען, זיי האבען זיך געזעצט איינער קעגען אנדערן מיט ציגארען

אין מויל. — און צוליעב פיעלע אורזאכען: ערשטענס, זיך פער־בײנקט; צווייטענס, ביזמו נויטיג געווען, ווייל אויף דער פאבריק איז זעהר ניט גוט, און, דריטענס, א פערזענליכער עסק... אבער וועגען דעם שפעטער! — האָט סטעפאַן איוואַניטש אבגעווענדעט זיין בליק און ווידער האָבען זיינע ליפּע זזיך פערקרימט ווי מיט א שמייכעל.

— ווייסט דאָך שוין, מסתמא, פון די צייטונגען, אז די פאבריק שטעהט שוין די צווייטע וואָך? און די פאָדערונגען זייערע זיינען דיר, מסתמא, אויך בעקאַנט?

— יא, בעקאַנט.. — האָט מיזשויעוו קורץ געענטפערט.

— און?...

סטעפאַן איוואַניטש האָט אויפגעהויבען אויף איהם קאַלטע פאַר־שענדע אויגען, און מיזשויעוו האָט ניט ווילענדיג א טראַכט געטהאָן, אז דאָס איז ניט א ברידער, נור א קאמפּאַניאָן. עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט ריידען זאכען, וועגען וועלכע איז שוין גערעדט געוואָרען צווישען זיי אַהן שום נוצען און פערשטענדניס. סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט געוואַרט און מיזשויעוו האָט מיט מאַטערניש ארויסגערעדט:

— איז וואס? איך געפין, אז זיי זיינען אין פיעלע הינזיכטען גערעכט.

און ניט ווילענדיג האָט מיזשויעוו אבגעקעהרט זיין בליק, ווייל ער האָט דערפיהלט, אז דער ברודער האָט זיך פיינדליך אַנגעגורט געגען איהם. יענער האָט לאַנג געשוויגען, ווי ער וואָלט פון פערדרוס אפילו ריידען ניט געוואָלט, נור ער נויט זיך.

— יא? אויסגעצייכענט... אבער זאָג, איך בעט דיך, האסטו א בעגריף וועגען דעם, אז ביי דער איצטיגער לאַגע אויפ׳ן מארק זיינען זייערע פאָדערונגען פאַר אונז א רואינע?

— ניט וועגען דעם איז די רעדע — האָט מיזשויעוו מיט מאַטער־ניש ארויסגערעדט. — איך אנערקען, אז די פאָדערונגען זיינען גע־רעכטע; צו זיי ליינען זיך פאַר אונז צו ניט, וועגען דעם רעד איך ניט.

— א, — האָט סטעפאַן איוואַניטש טרוקען זיך אבגערופען, — איך מיין אבער, אז וועגען דעם דאַרף מען צוערשט קלערען.

מיזשויעוו האָט אבגעזיפצט, ווי א שווערקייט, וואָס האָט איהם שוין לאַנג דערעסען אויף טויט, וואָלט זיך אראָבגעלאָזען אויף איהם.

אבער ער האט זיך איינגעהאלטען און זיך געמיהט צו ריידען אין אן נאכגיבינגען טאן:

— יא, נאטירליך... דוכט זיך מיר אבער, אז די פראגע וועגען גע־רעכטיגקייט איז ניט קיין איבריגע. איינס פון די ביידע: אדער די פאדע־רונגען זיינען אונגערעכט, איז עס דאמאלס א פראגע פון קאמף, אדער גערעכט, דאן דארף מען זיי בעפרידיגען.

ער האט ניט געוואלט ארויסרופען א קריעג, אבער רעדענדיג האט ער דערפיהלט אן אלט בעקאנטע צורייצטקייט. ער האט געזעהן, ווי אלע מאל, אז דער ברודער הערט ניט א טייל פון זיינע ווערטער, אז דאס וואס איהם, מיזשויעוו'ן, רעגט אויף, גליטשט זיך פארביי פאר זיין ברודערס אויערן, ווי נארישע, איבעריגע, לאנגווייליגע רייד.

סטעפאן איוואניטש האט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין מיט א קאלטען, פרעמדען בליק. דערנאך האט ער א קנאק גע־טהאן מיט די פינגער אן ברעג טיש און געצוואונגען ארויסגערעדט:

— נו, מילא... דערנאך וועלען מיר ריידען. דו ביזט פון וועג, אודאי ניט געפריהשטיקט?

— נאך ניט.

— טו קום צו מיר ארויף, — און סטעפאן איוואניטש האט זיך שווער אויפגעהויבען.

די וואהנונג זיינע איז געוועזן גאר א קליינע, און עס איז געוועזן אזוי מאדנע, אז אין דער גרויסער פרעכטיגער געביידע געהערט נור צו איהם — פאר זיין רוה און שלאף, נור איין ווינקעלע. אויבען, אונ־טען און פון אלע זייטען זשומעט, ווי אין א ביהנשטאק, פרעמדע און אונבעקאנטע מענשען דרעהען זיך ארום, צעהלען געלד און פיעלע פון זיי ווייסען אפילו ניט, ווי זעהט ער אויס אט דער סטעפאן איוואַ־ניטש, און אפשר איז ער אין גאנצען אן אויסגעקלערטע זאך.

דאס עסצימער האט קאלט און טויט געבלישצעט מיט דעם לא־קירטען אייכענהאלץ, דען שימערנדער גערעק פון טיש און ווייסער שיין פון די פענסטער.

— נו, דערצעהל, ווי ביזטו געפאהרען?... — סטעפאן איוואניטש האט זיך געגעבען מיה אויסצוקרימען זיינע טרוקענע ליפען אין א שמייכעל אין צו קוקען פריינדליך. ער האט דעם ברודער ליעב געהאט און איהם בעדויערט, האלטענדיג איהם פאר א קראנקען פאנטאסט.

— ניט שלעכט.

— און וואו איז דיין מאריא סערגעיעווגא?

— געבליבען דאָרט... אויף דערזווייל, — און מיזשויעוו האָט עפּעס א שמאך געמהאן, פּארגעשטעלט האָט זיך ערגעץ ווייט ווייט א קליינע פערלאָזענע פּרוי, וועלכע ער האָט געליעבט און וועלכע האָט איהם געליעבט און פּלוצלינג איז זי אבגעריסען געווארען פון זיין לע־בען אויף אייביג; געווארען א פרעמדע, ווי קיינמאָל ניט געליעבט, ניט געקינצעלט. א מין מוטנער, אונזיניגער פלעק, און דאָך דערן, ווי מיט דאָס מייערסטע אין דער וועלט.

און איצט האָט מיזשויעוו ווידער ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי דאָס איז געשעהן, אלץ, וואָס דאמאָלס איז איהם פארגעקומען אזוי גרוילינ, אונערטרעגליך, האט איצט אויסגעזעהן אזוי נישטיג, געקינצעלט. א מין מונטער, אונזיניגער פלעק, און דאָך האָט ער געפיהלט, אז אנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. אבער ער האָט עס אבגעטרייסעלט פון זיך, געזוכט זיך ניט צוצוהערען צו זיין הארץ און גענומען דערצעהלען וועגען קרים און פונאנדערפרעגען וועגען מאסקווא.

די ברידער זיינען געזעסען איינער קעגען אנדערן, אזעלכע שווע־רע, גרויסע, און עס האָט זיך געדוכט, אז זיי דריקען מיט זייער שרעק־ליכער משא אויפ'ן דיל און אויף אלץ, וואָס בעוועגט זיך דאָרט אונטער איהר. דאָס קאלט ווייס ליכט האָט בלישצענד זיך געשפּיגעלט אין פּארקעט און עמאלירטען געפעס; דער וויין האָט געפינקעלט מיט גאָלד, און עס האָט זיך געדוכט, אז אין אָט דעם גראהען נאסען טאָג לויכט די פרעהליכע זון נור אין איין אָרט — אין וויין־בעכער.

עס איז ווי ווארימער געווארען און עס האָט זיך גענומען ריידען לייכטער. מיזשויעוו איז געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענד, אויף זיין שטייגער, און סטעפאן איוואניטש האָט זיך אנגעלעהנט מיט זיין בריי־טען קערפער און גערעדט:

— דאָ האָט זיך ביי מיר געטראפען א קליינע אונאנגענעהמע גע־שיכטע, און אזוי ווי דו ביזט אין די זאכען געניטער פון מיר — ער האָט פערלעגען געשמייכעלט, — וואָלט איך זיך געוואלט אן עצה האלטען מיט דיר...

מיזשויעוו האָט נייגעריג איהם אנגעקוקט.

— עס איז אזוי געוועזן: צו אונז איז אנגעקומען פאר א קאסיר־שע א יונגיטשקע, פיינע מיידעלע... דו וועסט זיך אליין איבערציינגען.

ווארום איך וואָלט דיך געוואָלט בעטען, דו זאָלסט צו איהר צופאָהרען.

סטעפאַן איוואַניטש האָט געצויגען זיין ציגאַר און געקנייטשט די קישעלאַך אונטער די אויגען פאַר'ן רויב. קענטיג, ער האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם און אויך אביסעל קאָמיש.

מיזשויעוו האָט געקוקט אויף איהם מיט פרעהליכער איבערראַשונג: א יונגיטשקע, פיינע מיידעלע, און ניט קיין קאָקעטע אָדער זינגערקע האָט זיך אַזוי ניט געקלעפּט צו סטעפאַן איוואַניטש'ען, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער מאַכט שפּאַס.

— נו, איז וואָס? — האָט מיזשויעוו געפרעגט, בעהאַלטענדיג זיין איבערראַשונג.

— איז אָט וואָס... זיך צונויפגעגאַנגען מיט איהר, און פאַרטיג!

— איז ווייטער וואָס?

— ווי זאָל איך עס אויסדריקען?... ווייסט דאָך, אַלע מיינע יאָהרען געאַרבייט און מיט ראָמאַנען זיך ניט פערנומען. אָבער איך קען ניט לייקענען, אַז דאָס מיידעל האָט עפּעס נייעס אריינגעטראָגען אין מיין לעבען.

און מיזשויעוו'ן האָט זיך פאַרגעשטעלט א קליין, שעהן מיידעלע, מיט אַזאַ ריינער, ווייכער גאָמבעטשקע, אַז עס האָט זיך אַזש געוואָלט צוריהרען און פיהלען איהר וואַרימקייט. זי האָט, מסתּמא, הילכיג געלאַכט, מיט פרייד און גינציגקייט, פול און גאַנץ אָוועקגעגעבען איהר יונגען לייב און ניט געמערקט, אַז ביי סטעפאַן איוואַניטש'ען איז א פליכעוואַטער שאַרבען, א פערטריקענטער פּנים און א פאַרבלאָזע נשמה. און אפשר יאָ געמערקט און געזוכט איהם אויפצומונטערן, דערוואַרמען מיט איהר יונגען, לוסטיגען גליק.

— און זי, קענטיג, האָט זיך אויפריכטיג צוגעבונדען צו מיר — האָט סטעפאַן איוואַניטש ווייטער גערעדט און געפינטעלט מיט די אויגען הינטער א וואָלקען פון רויך — און, פערשטעהסט זיך, באַלד מיך גענומען אַגיטירען, איבערמאַכען פאַר א סאָציאַל־דעמאָקראַט...

סטעפאַן איוואַניטש האָט זיך געמאַכט ווי ער לאַכט, אָבער עפּעס צערטליכעס האָט א ציטער געטהאָן אין דעם טרוקענעם געלעכטער...

— הם!... — האָט מיזשויעוו זיך צושמייכעלט. ער האָט געפיהלט א רחמנות צו דער קליינער נאַאיווער פרוי.

— אָבער דאָס אַלץ איז קיין בייז ניט... אָבער די מעשה איז, וואָס... זאָגט מען עס... זי איז אין אַנדערע... נו, זי שוואַנגערט..

— אָה! — האָט זיך מיזשויעוו ארויסגעכאַפּט, און די אויגען זיינען ביי איהם געוואָרען ווייכע, רחמנות׳דיגע.

— און וואָס ווייטער, פיהל איך אלץ מעהר, אז זי פערנעהמט אין מיין לעבען אן אָרט, מיט וועלכען איך מוז זיך רעכנען... איך האָב שוין מורא איהר אנטקעגענצורייִדען, איך נעהם איהר נאָכגעבען, זי מישט זיך אין געשעפטען, כעס׳ט זיך און פאָדערט... מיט איין וואָרט, צו דעם מוז געמאכט ווערען א סוף! — האָט סטעפאַן איוואַניטש פּלוצלונג זיך איבערגעשלאָגען, און זיינע אויגען, וואָס האָבען אָנגעהויבען אבלע־בען, האָבען זיך ווידער פערלאָשען.

— פאַרוואָס א סוף מאכען? — האָט מיזשויעוו פאַרזיכטיג און ווייך א פרעג געטהאָן, — זי איז דיר נמאס געוואָרען?

— וואָס עפּעס נמאס געוואָרען? — און סטעפאַן איוואַניטש׳ס פּנים האָט משונה א צוק געטהאָן — פערקעהרט, איך פיהל, אז אָהן איהר וועט מיר זיין אביסעל אומעטיגליך...

און ער איז פּלוצלינג אנטשוויגען געוואָרען אין מיטען דער טרו־קענער, קאַרגער פראַזע, אבער מיזשויעוו האָט מיט צופרידענהייט דערהערט הינטער דעם עפּעס טיפערעס, גרעסערעס.

— טו וואָס זשע? נו, לעב מיט איהר, ווי ביז אהער?

— צום בעדויערן, איז זי ניט פון דעם סאָרט.. זי וועט פאָדערן איך זאָל איהר אנערקענען עפענטליך, אדער... אזעלכע ווערען ניט מעטרעסען.

— נור אנערקען און האָב חתונה... אפשר, איז דאָס גאָר א גליק פאר דיר!... און מיזשויעוו האָט ווידער ניט ווילענדיג א שמייכעל גע־טהאָן.

אָבער פון סטעפאַן איוואַנטשעס פּנים איז שוין אראָב דער סימ־פּאַטישער אויסדרוק פון פערלעגענהייט. עס איז געוועזן טרוקען, קאַלט.

און מיזשויעוו האָט זיך געמאָהלט א קליינע ליעבע פרוי, א ריינע יונגע מוטער, וואָס פון איהר און איהר קינד וועהט עפּעס אין דער נשמה אריין, ווי מיט ליכטיגער זון און בלויען הימעל; און סטעפאַן אי־וואַניטש א נייער, פרישער, גוטער, א דערוואָרימטער פון דער זון. אבער דאָס בילד איז באַלד פערשוואונדען.

— ווען איך וואָלט שוין בעשלאָסען צו חתונה צו האָבען, טו זי־כער ניט מיט א פרוי, וואָס זעצט זיך דיר אויפ׳ן שרייב־טיש, מאכט

פון געשעפטס־פאפירען א מיצעל און טהוט דיר אן אויפ'ן קאפ און לאכט און וויינט אויף אמאל.

מיזשויעוו האט זיך פארגעשטעלט דעם ברודער אין א פאפירענע מיצקע און זיך צולאכט. סטעפאן איוואניטש האט זיך פערקרימט און זיך אבגעקעהרט.

— דיר איז דאס א געלעכטער — האט ער גערעדט, — אבער מיר איז שוין גאר קיין געלעכטער ניט. — איך קען זיך דאס ניט מוחל זיין די נארישקייט. ניט בעדארפט ברייגגען אזוי ווייט. איצט קומט מיר אויס דיך צו בעטען, דו זאלסט א פאהר טהאן צו איהר, ערקלערען.. קענסט?

מיזשויעוו האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען. עס איז איהם געווארען מאדנע טרויעריג אויפ'ן הארצען, א שאד געוועזן דעם ברודער, א שאד דאס גאלדענע גליק, וואס האט ווי דורך א וואונדער אנגעריהרט זיין נשמה, און ער וויל עס אליין אבשטויסען.

„למאי? — האט מיזשויעוו גע'טענה'ט אין זיך — ווידער זאל ער זיצען אין קאנטאר איבער חשבונות און וועקסלען? לעבען לאנג און לאנגווייליג? איין גאט וויים, פאר וואס און צוליעב וואס!“

— איך קען, נאטירליך — האט ער אבגעענטפערט — אבער צו וואס? אפשר, קען מען עס אנדערש? איז דאס דוקא אזוי נויטיג? אפשר גאר...

ווי א קאנוואולסיע איז דורכגעלאפען דורך סטעפאן איוואניטשעס געלען פנים, און מיזשויעוו האט באלד פערשטאנען, אז א לאנגער, פיינליכער און פרוכטלאזער קאמף איז שוין אין איהם פארגעקומען און אז א ווייטערער קאמף איז נוצלאז, ווי עס איז נוצלאז דער קאמף פון לעבען אין א בר מנן.

— און דערצו, — האט סטעפאן איוואניטש פלוצלינג זיך א כאפ געטהאן: — שוין זשע מיינסטו, איך פערשטעה ניט, אז ווען איך בין ניט קיין מיליאנער און עס קיצעלט איהר ניט דער געדאנק איבערצומאכען די נשמה פון א מיליאנער, וואלט זי מיך ליעב געקראגען? דאכט זיך, פאר וואס איך זאל זיך ניט טויגען, אבער פאר דער דאזיגער איידעלער מלאכה טויג איך אודאי ניט!

און סטעפאן איוואניטש האט זיך ווידער פערקרימט און נאך דעם אפטען קרומען שמייכעל האט מיזשויעוו דערקענט, ווי פיינליך ערנידרינגט דער ברודער פיהלט זיך פון גאנצען געשפרעך.

— פּאַרוואָס רוקא, ווייל דו ביזט אַ מיליאָנער? ! — האָט מי־זשויעוו מיט מאַטערניש געפּרובט איהם אבשלאָגען.

— נו, דאָס איז זעלבסט פערשטענדליך — האָט סטעפאַן איוואַ־נימש געענטפערט ניט קוקענדיג אויף איהר.

און נאָך אַ ווײַלע שווייגען צוגעגעבען:

— לאָמיר ריידען וועגען עפּעס אַנדערש.

עפּעס קרענקליכעס האָט זיך אבגערופען אין מיזשויעוו'ס נשמה. אַן אַלטער געדאַנק האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן ווי אַ דערפרעהטע שלאַנג. די געשטאַלט פון דער קליינער פרוי איז בלייך געוואָרן און זיך צושוואָומען. מיזשויעוו האָט שווער אָבגעזיפצט און זיינע אויגען האָבען זיך פערטיעפט, ווי ביי אַ מענשען, איבער וועמען עס הענגט דער טויט.

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

ווען מיזשויעוו איז געפאָהרען צו ניקאָלאַי'ן, איז שוין געווען אָבענד. דער ערשטער פריהער שנעע איז ארויסגעפאַלען. ערטערווייז איז דער שנעע צוגאַנגען, זיך אויסמישענדיג מיט וואַסער, אָבער אַנ־דערשוואו, מעהרסטענס ביי די פּאַרקאַנס און אין די סקווערען, האָט דער שנעע זיך איינגעהאַלטען אין ווייכע צערטליכע פלעקען... און דער שנעע און דאָס וואַסער, זיך מישענדיג, זיינען געווען יונגער און פריי־שער; דאָס וואַסער שוואַרצער און דער שנעע ווייסער.

און ווייל ער האָט געשמעקט מיט יונגער פרישער קעלט און ווייל אין אַלע איצט שוין אונזיכטבאַרע קירכען האָט מען געקלונגען צום ביינאַכטיגען גאָטעס־דיענסט און עס האָט זיך געדוכט, אַז גאַנץ מאָסקווע ברומט און זינגט מיט פיעל־קלאַנגענדיגע מעשענע קולות— האָט אין מיזשויעוו'ס מידען קאָפּ — נאָך'ן געשפּרעך מיט'ן ברודער — אַ יאָג געטהאָן אַזאַ נעזונטע מונטערקייט, אַזאַ פריידיגער רויש. די היציגע פערד האָבען איהם געטראָגען פאַרביי די ווייסע ברעגען פון די שוואַרצע סאָזשעלקעס מיט די אָבגעשפּיגעלטע גאָלדענע פייי־ערלאָך אין זיי, איבער נאַסען, אונטער ברומענדען גלאָקען־קלאַנג, צווי־שען עפּעס אַ יום־טוב'דיגען, מונטערען און לוסטיגען עולם, וואָס האָט געשטראָמט פוןביידע זייטען אַהן אויפהער. אין מיזשויעוו'ס האַרץ איז ווי ברייטער געוואָרען פון אונגעדולדיגער ערוואַרטונג.

ער האָט שוין געזעהן פאַר זיך ניקאָלאַיעוו'ן, מיט זיין ברייט אַק־סעלדינער ענערגישער פיגור, מיט זיין וואָוויליאָנגישען האַרציגען קול און ווילדגעקרויזטען בלאָנדען קאָפּ האָר. ער האָט שוין אין פאַראויס

געפיהלט די פרייד פון בעגעגעניש, די מונטערע פראגען און ענטפערס, און, צולעצט, דער הארציגער, אמת'ער געשפרעך, דורך וועלכען דאס שווערע, אנגעקרענקטע וועט צוגאנגען און אבגעווישט ווערן.

עס האט איהם נור אונאנגענעהם איבערראשט די מאסע מאנט־לען און היט און ניקאלאיעווס פאדערצימער. פון זאל, הינטער דער טהיר, האט זיך געטראגען א שעהנער, יום־טוב'דיגער פרויען־קול, וואס האט מיט גלאנץ געזונגען אן אריא פון אן אפערא. די פיאנא האט גע־קלונגען מיט פינקעלדיגע טענער און דורך די שפאלטען פון טהיר האט געצויגען מיט ציגארען־רויך און פרויען־פארפומען; מיזשויעוו איז אזש שטעהן געבליבען. ער האט גאר פערגעסען, אז איצט קען מען שוין ניט טרעפען ניקאלאיעוו'ן אליין, און דארום קען שוין קיין בע־געגניש ניט זיין און קיין געשפרעכען, פון וועלכע דאס הארץ ווערט שוין באצייטענס אויפגערעגט. אבער אין דער מינוט האט זיך די טהיר אויף אמאל אויפגעעפענט און מיט גרויסע טריט איז איהם ני־קאלאיעוו אנטקעגענגעקומען, א פרעהליכער, א מונטערער, און אין א בלויע בלוזע און ברייטע הויזען, ווי א שיפער־יונג פון דער וואלגא.

—פעדיא!.. אה! וואס מאכסטו, טייערער!... וואו ביזטו דאס פערפאלען געווארען? — האט ער אויסגעשריען מיט א קול, וואס האט אבגעהילכט איבער דאס גאנצע הויז, און ער האט איהם אנגענומען ביי די הענד. — און וואס ביזטו עפעס אזוי געל?

זיי האבען זיך צוקושט, און מיזשויעוו האט געקושט אט די פעט־טע, גוטע ליפען מיט אזא ריהרענדען תענוג, ווי קיינמאל ניט די לי־פען פון א פרוי.

ווען זיי זיינען אריין אין זאל האט מיזשויעוו שטיל געפרעגט:

— און דו האסט א סך געסט? איך האב מיט דיר געוואלט א פלאפעל טהאן אזוי, אז קיינער זאל ניט שטערן...

— איך שפיי דארויף! — האט ניקאלאיעוו געענטפערט מיט א צולאזענעם טאן — ווער קוקט זיך דאס אום! זיי קריכען איצט צו מיר, ווי די טייוואלים. שוין צוגעוועהנט זיך... און גארנישט צו מא־כען. א בעריהמטהייט געווארען.

— איז גאט צו דאנק! — האט מיזשויעוו זיך אבגערופען מיט אמת'ן פערגניגען. ער האט צערטליך אויף איהם געקוקט פון זיין הויך אראב. נעבען מיזשויעוו'ס גרויסען, מאסיווען קערפער האט דער ברייט־פלייציגער ניקאלאיעוו אויסגעקוקט ווי א שלאנקער יונגערמאן.

מיזשויעוו איז אריין אין זאל, טיעף גערירט פון דער פריינד־שאפט פון אַט דעם גוטען, פרעהליכען, ברייטען מענשען, וועלכער, ווען ער ליעבט איהם, ליעבט ער איהם טאקע פאר איהם גופא.

פון דער פיאנא איז זיי אנטקעגענגעקומען א הויכע, בויגיגע פרוי, ווי א שעהנע שלאנג, שווארץ געקליידט, מיט גראָהע קאקעטישע אויגען פון אן אקטריסע.

— זעהסט, לידא — האָט ניקאלאיעוו אויף א קול געמעלדעט — אַט האָסטו דיר מיין מיזשויעוו'ן!... גיב נור א קוק, וואס פאר א גע־זונטינקער מיליאָנער!

מיזשויעוו האָט זיך צולאכט און אויף די גראה־אויגיגע פרוי. אויף די גראהע אויגען האָבען געלאכט, אבער זייער געלעכטער איז מי־זשויעוו'ן ניט געפעלען.

— אך, איך בין זעהר און זעהר צופרידען! — האָט זי א זאָג געטהאָן מיט דעם קלינגענדען קול פון א זינגערין און אויסגעשטרעקט צו איהם א ווייסע פרעכטיגע האנד, א נאקעטע ביז'ן עלענבויגען.

דערנאָך האָט זי איהם פארגעשטעלט פאר איהרע געסט. זיי זיי־נען געווען א סך, נור זייערע אלעמענס פּנים'ער זיינען מיזשויעוו'ן פארגעקומען ווי איין פּנים. שוין צו פריינדליכע, מיט לאכעדיגע צייהנער און מיט בעהאלטענער נייגיעריגקייט אין די אויגען. דאָס איז געווען דאָס זעלבע פּנים, וואָס האָט מיזשויעוו'ן פערפאלגט דאָס גאנ־צע לעבען, דאָס פּנים, וואס ער האָט געהאסט. אבער דאָס מאָל איז ער געווען אזוי אויפגעלעגט, אז עס האָט איהם ניט געאהרט.

— נו, מיינע העררען! — האָט ניקאָלאיעוו אויסגערופען, זיך אבשטעלענדיג אין מיטען זאל — איהר דאָ טהוט, וואָס איהר ווילט, טאנצט, שרייט און זייט זיך משמח.... און מיר וועלען גהן זיך דורכ־שמועסען!... לידא, איז ערלויבט?

— אך, מיין גאָט, נאטירליך יא! — האָט די פרוי מיט די גראהע אויגען אויפגעהויבען די הענד איבערטריבען שעהן — געהט, געהט, און איך וועל אייך צושיקען טהעע.

אין ניקאלאיעוו'ס קאבינעט האָט מיזשויעוו זיך צוגעזעצט אויף די ברייטע טערקישע קאנאפּע און ער האָט פרעהליך זיך אומגעקוקט. דאָס צימער ווי אמאָל, ווען ניקאָלאיעוו איז נאָך געווען אן אונבע־וואוסטער סטודענט: דיזעלבע אונאָרדנונג, גאנצע בערג אנגעווארפענע פּאפּיער, אומעטום, אויפ'ן דיל, אויף די שאפעס, אויפ'ן טיש, וועלכער

האָט זיך אזש ניט ארויסגעזעהן. און אויסער דער לעדערנער קאנא־פּע איז קיין סמן ניט געוועזן פון קאָמפּאָרט, וואָס זאָל זיך פּאסען אין א קאבינעט פון א בעריהמטען שרייבער. נור ניקאָלאיעוו אליין איז אביסעל פולער געוואָרען.

דער געשפּרעך האָט זיך אנגעהויבען פּראסט און גלייך אינטערע־סאנט, ווי אלץ, וואס ניקאָלאיעוו פלעגט רעדען און טהאָן. און ווען אין פינף מינוט ארום איז מיזשויעוו געזעסען אויף דער קאנאפּע און האָט מיט א גוט ברודערשען בליק בעגלייט ניקאָלאיעוו'ן, וועלכער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער — האָט יענער שוין אלץ געוואוסט: וועגען דער צושיידונג מיט מאריא סערגעיעווגא, דעם צו־זאמענשטויס מיט'ן ברודער, דער רייזע קיין אויסלאנד, מיט די האָ־טעלען, טעאטערס, מוזעאומס, און אויך וועגען דעם טיעפען איינגע־געסענעם וועהטאג, וואָס לאָזט מיזשויעוו'ן ניט אָב אויף א רגע.

— איך פערשטעה דיך ניט — האָט ניקאָלאיעוו גע'טענה'ט בײַז און גוט פריינדליך, מארשירענדיג מיט ברייטע טריט פון ווינקעל צו ווינקעל — דאָס זעלבע לעב איך אויך איבער... עס איז אוועק די צייט, ווען מענשען פלעגען צוגעהן צו מיר איינפאך, ווייל זיי איז געפעלען דאָס, וואס איך רייד און טהו איצט, אז עמיצער געהט צו צו מיר, איז ניט אנדערש בלאָזט ער זיך אן מיט אכטונג צו דעם בעריהמטען שרייבער. און אמאָל, איך לייקען ניט, איז דאָס אפילו אנגענעהם. איז דאָס ערשטענס א נאטור געזעץ: דער מענש איז אין נאטור א שקלאף, און צווייטענס, וועלען זיך אלע מאָל געפינען מענשען, וואס וועלען צוקומען צו דיר איינפאך, מיט אן אָפענער נשמה.

— ביי דיר איז עס אנדערש — האָט מיזשויעוו טרויעריגליך זיך אָבגערופען. — ביזט בעריהמט, אבער פריהער פון אלץ א שרייבער, ד. ה. איינער, וועלכער האָט איינגענומען די מענשען און זי צוגעצויגען צו זיך מיט דער קראפט פון זיין אייגענער נשמה. ווען איך ווייס, אז אין רוסלאנד זיינען פאראן אזוי פיעל יונגע בחורים און מיידלאך, וואס וואָלטען זיך געשעצט גליקליך ניט נאָר צו ריידען מיט מיר, נור אפילו א קוק צו טהאָן אויף מיר, דוכט זיך מיר, אז מיר אליין וואלט אונטער־געכאפּט די יונגענד כוואליע און איך וואָלט אפשר אויף אן אמת גע־ווען גליקליך.

— רערפאר זיינען דאָ פיעלע, וועמען דו העלפסט...

— דאָס איז גאָר אנדערש... — האָט מיזשויעוו טרויעריג א

שאַקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. — איך אליין שאַף דאָך ניט דאָס געלד, סוף כל סוף איז דאָך דאָס זייער געלד, און איך ווייס, אַז די, וועמען איך גיב וויניג, האסען מיך, און די, וועמען איך גיב א סך, זיינען אין כעס, וואָס איך גיב זיי ניט מעהר, און אלע קוקען מיט בעהאלטענער קנאה אויף די אלע גוטע זאכען, וואָס איך שאַף זיך פאר מיין געלד, זיי דוכט זיך, אַז איך גנב'ע, פערשווענדע זייער רייכטום, זייער גליק...

א טראגישע נאָטע האָט געקלונגען אין מיזשויעוו'ס קול. מיזשויעוו איז געבליבען שטעהן אין מיטען קאבינעט און ער האָט זיך פערטראכט.

— דאָס איז, אפשר, אמת, אבער דו ביזט פארט אומגערעכט !—האָט ער א טרייסעל געטהאָן מיט זיינע האָר, ווי ער וואלט אַנגעכאַפּט עפּעס, וואָס ער האָט שיער ניט פערלאָרען.

און ער האָט גענומען דערמאָהנען מיזשויעוו'ן, אַז ער האָט דאָך געקענט די רייכטימער, וואָס זיינען אריינגעפאלען צו איהם אזוי אַדער אנדערש, האלטען פעסט צונויפגעדריקט אין זיינע הענד, און ער טהוט דאָס דאָך ניט. מיליאָנערען עקזיסטירען דאָ, און מענשען הרג'ענען זיי ניט, נור פערקעהרט אונטערוואַרפען זיך צו זיי. און יעדער מיליאָנער האָט די מאכט צו טהאָן דאָס גרעסטע שלעכטס און דאָס גרעסטע גוטס. און פערשטענדיגע מענשען מוזען דאָס אבשאצען, ווען מיזשויעוו האָט אויסגעקליבען דאָס לעצטע.

ניקאָלאיעוו האָט זיך אויפגעמונטערט, געפינקעלט מיט די אויגען און ברייט געשמייכעלט. מיזשויעוו איז געזעסען אויף דער קאנאַפּע, געקוקט אויף איהם מיט פייכטע אויגען און געפיהלט, אַז עס שטייגט אין איהם עפּעס א ווארימקייט, אַז א ליכטיגע האָפנונג לייכט זיך איהם אנטקעגען. זיין פּנים האָט פערלאָרען זיין שטענדיגע אונגעזונדע אַנגעשטריינגטקייט און איז געוואָרען גוטמוטהיג, א ביסעל קאָמיש, ווי ביי א בער.

—א צעהנדליג טויזענד ארבייטער האָסטו אויף דיינע הענד — האָט ניקאָלאיעוו גערעדט מיט שטארקען געפיהל, פון וועלכען זיין אייגענע נשמה האָט זיך געצונדען. אינסטינקטיוו האָט ער געזוכט אריבערצושרייען די פּיאנא־קלאנגען און די שטורמישע טרעלען פון גלענצענדען פרויען־סופּראנא, וואָס האָבען זיך דערטראַגען פון זאל. דו ביזט ניט זייער איינציגער בעל־הבית, דער ברודער איז אַאז בעל הבית ווי דו. פאַרוואָס זשע טהוט ער ניט דאָס, וואָס דו, און דו, וואָס ער? דאָס געלד,

וואס דו גיסט, גיסט דאך פרייוויליג... קיינער קען דאך דיך ניט צווינ־גען! און דו מיינסט, אז דער ארבייטער פערשטעהט דאס ניט? זיי פערשטעהען מעהר פון אונז ביידען!

מיזשויעוו האט איהם אנגעקוקט מיט נאאיווען צוטרויען.

— ווייסט, ווען עס איז ארוים א קלאנג, אז דו ביזט בעגאנגען זעלבסטמארד, האבען די ארבייטער דאס ניט געוואלט גלויבען, מיר אליין האט אן אלטער ארבייטער מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט: „דאס קען ניט זיין.... אזא מענש וועט ניט לעגען אויף זיך א האנד. דאס בעהאלט ער זיך פון זיינע שונאים, עס וועט קומען די צייט און ער וועט זיך ווידער מעלדען און ווייזען וואס ער קען!“ אט זעהסטו!

— האט ניקאלאיעוו אויסגעשריען און א גלאנץ געטהאן מיט די אוי־גען פאר ענטציקונג, ווי ער וואלט דערזעהן פאר זיך עפעס גרויסעס און הייליגעס.

מיזשויעוו האט דערפיהלט, ווי עס ציטערן איהם הענד און פיס פון טיעפסטער פרייד און פון א שווינדלענדען שוואונג.

ער האט געזעהן פאר זיך מחנות, מחנות אהן א שיעור שוואר־צע, פערמאטערטע, הונגעריגע ארבייטער און א ים מיט אויגען, וואס קוקען אפען און צוטרויליך צו איהם, און ער האט זיך דערזעהן ניט א שווערען, פינסטערן, ווי ער איז, נור א מונטערען, טהעטיגען, וואס געהט דרייסט און פעסט צו זיין ציעל.

ערגיץ האט א ריטץ געטהאן, ווי א שארפע נאדעל, דער גע־דאנק פון זיין אייגענעם פערלארענעם לעבען, אבער ער איז גלייך דער־טרונקען געווארען אין דעם אנגעשוואומענעם העלען און מעכטיגען גע־פיהל.

— אך, ברודער, — האט ער אויסגעשריען און זיין קול האט א ציטער געטהאן. — ניט אומזיסט האב איך אזוי לאנג געטראכט פון דיר און געווארט אויף דער בעגעגעניס.

זיי האבען ביידע געשוויגען, יעדער פול מיט אן אייגענעם גרויסען געדאנק. און הינטער דער טהיר האט דונערנד זיך צוגאסען א מעכטי־גער קול. עס האט זיך ניט געגלויבט, אז דאס זינגט א פרוי.

ביים עסען, אין ליכטיגען, רייצענדען עס־צימער, ביי א טיש, בע־שטעלט מיט בלישצענדע פלעשלאך און לעבעדיגע בלומען, האבען מי־זשויעוו און ניקאלאיעוו פרעהליך געשמועסט און זייגען געווען אויפ־

געלעגט, ווי שוין לאַנג נים. אלע זיינע געזעסען און געשוויגען און זיך צוגעהערט גור צו זיי.

ניקאָלאַיעוו האָט גענומען דערצעהלען מיזשויעוו'ן וועגען א נייעם זשורנאל, וואָס ער געהט אונטערנעהמען, מיט א שארפער, העלער ריכ־טונג, און צו וועלכען ער וועט צוציהען די בעסטע יונגע קרעפטען. ער האָט פארגעשלאָגען מיזשויעוו'ן צו געבען געלד דארויף, און יענער האָט מיט איהר לאַסקע, זארג און שעהנקייט.

אלץ איז מיזשויעוו'ן איצט פארגעקומען שעהן, גוט, לעבעדיג, אלץ איז בעלעבט געווארען פון ניקאָלאַיעוו'ן, און מיזשויעוו האָט פון איהם די אויגען נים אראָבגעלאָזען.

און ניקאָלאַיעוו'ס פרוי, די בעריהמטע זינגערין, די פרוי מיט די גראָהע אויגען פון אן אקטריסע, איז געגאַנגען ארום זיי ביידען, און זיך געפלאָכטען ארום ניקאָלאַיעוו'ן, ווי זי וואָלט איהם ווי צוגעדעקט מיט איהר לאַפקע, זארג און שעהנקייט.

„דאכט זיך, אז זי ליעבט איהם אויפריכטיג! — האָט מיזשויעוו א טראכט געטהאָן און האָט דערפיהלט צו איהר א ווארימע פריינד־שאפט — מיט וואָסערע מענשען ער פערשטעהט דאָס זיך ארומצו־רינגלען. נים דאָס, וואָס איך!“ — האָט ער אבגעזיפצט מיט ביטערען שפאָט צו זיך אליין.

— סערגעי פעטראָוויטש!—האָטזיך צו ניקאָלאַיעוו'ן געווענדט א הערר מיט פייכטען חניפה'דיגען גלאַנץ אין זיינע אידישע אויגען — דענקט איהר אויף איינלאַדען אלס מיטארבייטער פון אייער „לעבעדי־גען געדאַנק“ טשעטיריאָוו'ן?

— דאָס וועלען מיר שוין זעהן — האָט ניקאָלאַיעוו א ווארף גע־טהאָן נאַכלעסיג, און איבער זיין פנים האָט א שוועב געטהאָן אן אונאַנגענעהמער שאָטען.

און מיזשויעוו האָט בעמערקט, אז נאָכדעם איז אויף א מינוט גע־ווארען שטיל, און די גרויסע אויגען פון דער פרוי, אין שווארצען קלייד, וועלכע האָט מיט איהרע ווייסע נאַקעטע הענד צושטעלט די געריכטען אויפ'ן טיש, האָבען זיך אָנגעצונדען מיט א שארף, פיינדליך פייערל.

„שוין זשע האָט ער מורא פאר טשעטיריאָוו'ן?“ — האָט מיזשוי־עוו א טראכט געטהאָן פיינליך איבערראַשט.

ער האָט געוואוסט, אז טשעטיריאָוו'ן האַלטען פיעלע העכער פון ניקאָלאַיעוו'ן, אבער ער וואָלט קיינמאָל נים צוגעלאָזען דעם געדאַנק.

אז פאר ניקאלאיעוו'ן האט דאס עפעס א בעריימונג. עס איז געווען אזא וועהטאג צו טראכטען, אז ניקאלאיעוו זאל טראגען קנאות און שלעכטע געפיהלען צו א קאנקורענט, און מיזשויעוו האט זיך אליין אויסגעזידעלט פאר זיין געדאנק. אבער אין דער מינוט האט ער זיך בעגעגענט מיט די גרויע אויגען, וועלכע האבען מיט דעם אונגרוהיגען בליק פון א רויב־פויגעל נאכגעקוקט ניקאלאיעוו'ן, און ניט ווילענדיג האט ער א טראכט געטהאן:

„און זי ליעבט דאך ניקאלאיעוו'ן נור דערפאר, וואס ער איז בעריהמט"...

און דער אומגעריכטער געדאנק האט ווי מיט א מעסער איהם א שניט געטהאן איבער'ן הארצען, אבער די גראהע אויגען זיינען ווי פריהער געווען דורכזיכטיג און אונדורכדרינגליג און לאסצענד, און ניקאלאיעוו האט ווי פריהער געשפאסט, געלאכט און גערעדט מיט פייער און ברען.

אבער מיזשויעוו האט שוין ניט געקענט קומען צוריק אין דער גוטער שטימונג און ווען די פערד האבען איהם געטראגען איבער די אויסגעליידיגטע גאסען פון דער שלאפענדער מאסקווע, האט ער מרה שחורה'דיג נאכגעקוקט די טונקעלע פיגורען פון די גאסען פרויען, וועלכע, געשטויסען פון ווינד, האבען, ווי איינזאמע שווארצע פלעקען, זיך געוויעגט אין טאנצענדען שיין פון די לאנטערנעס. האמעטנע שווער האט זיך געקעהרט און נעקייקעלט אין איהם א קראנקער בייזער געדאנק.

זעכצעהנטעס קאפיטעל.

די נידריגע פעררויכערטע פאבריק־געביידעס, די שווארצע קוימענס, די פארקענס און דער המון גופא, וואס האט שטורמיש זיך געדרענגט אויף דעם פאבריק־הויף אין די דערבייאיגע גאסען, האבען געגען דעם ווייסען שנעע אויסגעקוקט, שווארץ פער'חושכ'ט און שמוציג, ווי אויסגעפאטשקעטע אין סאזשע און קויט.

די פאבריק איז געווען אין די הענד פון סטרייק־קאמיטעט. און עס האט זיך געדוכט, אז די פאבריק אזוי ווי דער הויף זיינען לעבעדיגע בעשעפעני־שען, וואס ריהרען זיך, בעוועגען זיך מיט אהן א שיער קעפ, פנים'ער און הענד. די סאלדאטען און די פאליציי, וואס די דירעקציע האט ארויסגעפאדערט, האבען זיך אויסגעשטעלט פוןביידע עקען גאס אין גלייכע גראהע און שווארצע רייהען, און פון דער ווייטענס האט

מען געקענט זעהן, ווי די פערד שאקלען אונרוהיג מיט די קעפּ און גראהע אפיצירען געהען אויף און אב איבער'ן שנעע.

פריי איז נור געוועזן דער איין צוגאנג פון טייך, און פון דארט האָט אלץ געשאָסען איין מחנה ארבייטער נאָך דער אנדערער.

מיזשוויעוו, ארויסגערופען דורכ'ן טעלעפאָן, איז אנגעקומען איז א לייכטען געשפאן אויף איין פערד און איז גלייך אריינגעפאהרען אין הויף. ער איז געוועזן בלייך און די ליפּען האָבען ביי איהם געציטערט. מען האָט איהם אונגעריכט אויפגעוועקט, און ער האָט ביי זיך ניט אָבגעמאכט: וואָס זאָל ער טהאָן? איינס האָט ער געפיהלט: אן ענערגישען פערלאנג אלץ איינצואָרדנען און א גלויבען אין דעם, אז אויב מען קען נאָך ווירקען אויף די ארבייטער, איז ער דער איינציגער, וועלכער קען עס טהאָן. און א נערוועזע צורודערונג איז ביי איהם געוועזן אויסגעמישט מיט א זיכערהייט, אז די ארבייטער וועלען איהם געהארכען, און אז איהם וועט זיך איינגעבען צו פערהיטען א הריגה.

נאָך פון דערווייטענס האָט ער דערהערט א ברומען פון פיעל קולות, וואס איז אלץ געשטיגען און יעדע ווײַלע איבערגעריסען געוואָרען פון איינצעלנע גרילצענדע אויסגעשרייען. און ווען דאָס פערד האָט זיך אויף אמאָל א קירעווע געטהאָן אין הויף אריין, איז ער ווי פערטויבט געוואָרען. ער האָט מיט אן איילענדיגען בליק ארומגענומען די שווארצע מאסע קעפּ און די רויטע פאבריק געביידע. וואָס פון יעדען פענסטער איהרען האָבען זיך ארויסגעשטעקט פּנים'ער און פאָכענדע הענד. ער האָט זיך אויפגעהויבען, דאָס וועגעל האָט א סקריפּע געטהאָן אונטער איהם און ער איז שווער אראָבגעקראָכען.

ביי זיין אָנקומען האָט דער לארם פּלוצלינג אויפגעהערט, בלויז פון די הינטערשטע רייהען האָבען זיך נאָך דערטראָגען דאָס דומפּע ברומען און איינצעלנע אויסגעשרייען. אויך פון דער דירעקציע האָט מען איהם בעמערקט, און צווישען די צוויי פּאָליציסטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן גאניק, האָט זיך בעוויזען דער דירעקטאָר שאנץ.

ער איז פערכאפּט געוואָרען פון א פּלוצלינגען געדאנק. ער איז שנעל ארויף אויפ'ן גאניק, אראָבגענומען דאָס היטעל און א פאָכע געטהאָן. עס איז געוואָרען שטיל, א מאסע פּנים'ער — רויטע, אויפמערקזאמע, יונגע, אלטע — האָט זיך שטום א קעהר געטהאָן צו איהם... נור פון די הינטערשטע רייהען האָט מען נאָך אלץ געהערט, ווי

עפּעס ברומט, און פאַלט, און שטייגט ווי די שלאַגענדע כוואַליעס בײם ים־ברעג.

— מיינע הערצער! — האָט מיזשויעוו אויסגעשריען מיט אַ מונטערן קול. ער האָט געפיהלט, אַז מען וועט איהם הערען. — איך בין ערשט געקומען צופאַהרען און די גאַנצע געשיכטע איז מיר בעקאַנט נור אין אַלגעמיין! אַט געה איך איצט אונטערהאַנדלען מיט די איבעריגע בעלי בתים און מיט דער דירעקציע, און איך בעט אייך, אַז ביז איך וועל ניט זיין פאַרטיג מיט די אונטערהאַנדלונגען, זאָלט איהר זיך אָבהאַלטען פון וועלכע עס איז האַנדלונגען... איהר טרויט מיר?... יאָ? זייט איהר מסכים.

און נאָך איידער דער המון האָט אויסגעדונערט זיין יאָ, האָט עמיצער פון דער ווייטען, פון דריטען שטאָק פון פאַבריק, אַ פאַכע געטהאָן מיט עפּעס ווייסעס. מיזשויעוו האָט אפילו ניט רעכט זיך צוגעקוקט, וועך דאָס איז, נור ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס בעגריסט מען איהם, און דאָס הארץ איז אָנגעלאָפען מיט אַזאַ וואַרימער פרייד און באַלד מיט אַ שטורמישען פערלאַנג אַלץ צו טהאָן, וואָס איז זיין כוח... פאַר זיי...

ער איז שנעל אַריין אין הויז, אין די אויערן איז נאָך געשטאַנען דער געהילך פון טויזענד קולות און פאַר די אויגען — הונדערטער פּלוצלינג פערענדערטע, אויפגעלעבטע, פריינדליכע פּנים'ער.

און דאָס ערשטע פּנים, וואָס האָט זיך איהם געוואָרפען אין די אויגען, ווען ער איז אַריין אין קאַנטאָר, איז געווען דאָס אָבגעלאָזענע פּנים פון סטעפּאַן איוואַניטש, וועלכער איז געזעסען בײם טיש. דאָס פּנים האָט געהאַט אַ מאָדנעם אויסדרוק: צו פון פיינדשאַפט, צו פון פערדרוס, צו פון שפּאָט, און אויפ'ן ברודער האָט ער אפילו ניט אַ קוק געטהאָן, און אָט דער אויסדרוק האָט מיזשויעוו'ן ווי צונעשמידט. ער האָט כמעט ווי ניט בעמערקט די איבעריגע און ער איז גלייך צו צום ברודער.

— נו, וואָס וועסטו איצטער זאָגען? — האָט ער ווי פּישצענ־דיג אַרויסגערעדט.

— וואָס הייסט, וואָס? — האָט מיזשויעוו זיך אָבגערופען מיט אַ יונגען, פעסטען קול: — איך זעה, אַז מען קען נאָך אַלץ גוט מאַכען.

און ווען איהר לאָזט מיך פריי האנדלען, וועט נאָך צו אבענד צו די פאבריק אוועק נעהן!...

ער האָט מונטער און דרייסט אריינגעקוקט דעם ברודער אין די אויגען, אבער סטעפאן איוואניטשס בליק איז געבליבען קאלט, כמעט פערבייזט.

— נאַטירליך! — האָט ער זיך אבגערופען מיט געמאכטער אויפריכטיגקייט — ווען צו אבענד צו, וועלען מיר ערלויבען אונז צו רואינירען, וועט די פאבריק אוועקגעהן... אויף דריי טעג...

מיזשויעוו האָט זיך אומגעקוקט. אלע פינף מענשען, וואָס זיינען געזעסען אין צימער, האָבען געקוקט אויף איהם מיט א שטומען, פיינדליכען בליק, ווי זיי וואָלטען שוין געהאט עפּעס אבגעמאכט צווישען זיך. ער האָט זיך דערפיהלט איינזאם צווישען זיי, און, דאָס האָט איהם נאָך מעהר צורייצט און פערשטייפט.

„איצט זיינען מיר שונאים!“ — האָט ער א טראכט געטהאָן און א קוק געטהאָן אויפ'ן ברודער פון אן א זייט — „אבער נישקשה... מיר וועלען נאָך זעהן, ווער עס וועט דער געווינער זיין!“

— פאר וואָס עפּעס רואינירען? — האָט ער א וואָרף געטהאָן מיט'ן קאָפּ — ווילסטו מיר איינריידען, אז א העכערונג פון 20 פּראָצענט וועט אויפעסען אונזער מיליאָנען־דיווידענד?... נארישקייטען!

— האָט מיזשויעוו ארויסגערעדט מיט ביטערניש און ער האָט א וואָרף געטהאָן מיט דער האנד.

עס איז געווען אזוי שווער צו פיהלען א שונא אין ברודער, צו וועלכען ער האָט געפיהלט אי ליעבע אי מיטלייד.

— די 20 פּראָצענט דאָס איז ניט דער עיקר! — האָט סטעפאן איוואניטש טרוקען זיך אבגערופען — צוואנציג פּראָצענט וועלען די פאבריק ניט חרוב מאכען, כאטש זיי וועלען זיך לעגען אלס שווערע לאסט אויף איהר אונטער די איצטיגע אומשטענדען. אבער וואו איז די גאראנטיע, אז נאָך די צוואנציג וועלען ניט קומען פערציג, פופציג? שוין זשע מיינסטו, אז זיי דארפען דוקא צוואנציג פּראָצענט? לעכערליך! — סטעפאן איוואניטש'ס פּנים האָט זיך פערקרימט, ווי מיט רשעות — אט די צוואנציג קאפּיקעס אויפ'ן רובעל איז נור אן איבעריגע פלעשעל בראנפען פאר זיי!... דער עיקר איז ניט די צוואנציג קאפּיקעס, נור דער אונגעשטילטער חאָס, די פּרעטענזיע, וואָס איז קיינמאָל ניט אנצוזעטיגען, ווייל די מענשען גלויבען, אז מיר זיינען די

פאראזיטען, און די גאנצע פאבריק, גאר דאס געלד, אלע הונדערט פראצענט און ניט צוואנציג, ניט פערציג, בעלאנגט צו זיי, און אז זיי דארפען דאס פון אונז ארויסריידען און אונז גופא שיקען צום טייפעל — זיין קוויטשיג, בייז קול האט זיך אזש פערגרילצט ביים לעצטען ווארט, ווי א הונד, וואס פערגעהט זיך אין בילען. מיזשויעוו האט זיך אי פערלארען אי ער איז אויפגעקאכט געווארען.

— וואס פאר א רעכט האסטו אזוי צו ריידען! — האט ער שטיל ארויסגערעדט — מענשען שטארבען פאר הונגער, שלאגען זיך אוים פון די כוחות ביי אן ארבייט, וואס דו וואלסט צוויי טעג ניט אריבערגעטראגען, און דו דערצעהלסט זיי מעשות וועגען זייער שכרות, און פלעשלאך בראנפען. טרינקען מיר חלילה ניט מעהר פון זיי? נארישקייטען! און איך בעהויפטע, אז ווען מיר זאלען איצט זיי געבען דאס, אין וואס זיי נויטיגען זיך, וועלען זיי געהן ארבייטען, אפילו ניט א קלער טהאן וועגען מעהר... ווייל זיי פערשטעהען בעסער פון אונז, אז ניט מיר זיינען די בעשעפער פון אט דער עקלהאפטער און אונגערעכטער אונגלייכהייט, און ניט צו אונז לאזען זיי אוים זייער כעס.

סטעפאן איוואניטש האט געשוויגען מיט א ניט גוטער מינע, און מיזשויעוו איז אויפגעבראכט געווארען פון דעם שווייגען, דאס איז געווען א הארצלאזער, הארטנעקיגער ווידערשטאנד געגען עטוואס, וואס איז אזוי איינפאך, אזוי ריכטיג, אז מיזשויעוו האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, ווי קען מען דאס ניט פערשטעהן.

— נו, גוט... נו, גיב ניט, טרייב ארוים די דעפוטאטען... וועלען זיי דיר דיין פאבריק צוטראגען, אז א שטיין אויף א שטיין וועט ניט בלייבען!... און גוט אזוי... איך וועל זיין צופריעדען, וואס דאס דאזיגע אומגליק וועט אבגעווישט ווערען פון דער ערד.

ווידער האט זיך בעוויזען דער קרומער שמייכעל אויף סטעפאן איוואניטש'עס פנים, אבער דאס מאל אזא בייז־פערעכטליכער, אז מיזשויעוו איז אזש בלייך געווארען.

—דאס זיינען אלץ פראזען... — האט סטעפאן איוואניטש דורכגעזייהט דורך די צייהן. — צוטראגען די פאבריק וועלען זיי ניט, דאס וועלען די סאלדאטען ניט דערלאזען, און פון דעם „אומגליק" האסטו געגליובט אין גאט, ניט ווייניגער הנאה געהאט, ווי איך... עך!

— סאלדאטען? — האט מיזשויעוו איבערגעפרעגט מיט א דומפען קול, און ער האט דערפיהלט א שרעקליכען האס און גלייכצייטיג

האָט ער געזעהן, אז דער ברודער האסט איהם פונקט אזוי — מיר וועלען שיסען אויף הונגעריגע און גערעכטע מענשען? פערשטעהסטו, וואס דו רעדסט?

— איך פערשטעה שוין גוט. ניט איך האָב בעשאפען פאבריקען, ניט איך האָב בעשאפען ארבייטער. און איך בין זעהר גליקליך, וואס ס'וועט קומען אמאָל א צייט, ווען עס וועלען ניט זיין קיין פאבריקען און ניט קיין ארבייטער, נור דערוויייל, וואס זאָל מען טהאָן: די פאבריק געהערט צו אונז און ניט צו די ארבייטער, און אויב זיי וועלען אָנריהרען כאָטש א שטיינדעלע, וועל איך זיי צושיסען, ווי משוגענע הינד!... אָט האסטו דיר!

און סטעפאן איוואניטש האָט זיך אויפגעהויבען, גרויס און שווער ווי א שטיין. אויף זיין ברייטען נאקעטען שארבען האָט מוטנע זיך אבגעשלאָגען דער בלויער שיין פון ווינטערדיגען טאָג.

— און איך וועל ניט ערלויבען! — האָט מיזשויעוו הייזעריג אויסגעשריען — און אויב דו וועסט שיסען, וועל איך זיך שטעלען צווישען זיי, וועלען מיר אקארשט זעהן, צו דו וועסט דאמאָלס וואגען...

סטעפאן איוואניטש האָט זיך אבגעקעהרט.

— דאָס איז דיין זאך — האָט ער דומף ארויסגערעדט און איז אבגעגאנגען צום פענסטער.

מיזשויעוו איז לאנג געשטאנען אויף איין אָרט; ער האָט געפיהלט, ווי עס ציטערן איהם הענד און פיס און דאס הארץ קלאפט מיט א האסטיגען טאקט.

— פעדאר איוואניטש! — האָט מיזשויעוו דערהערט נעבען זיין איילענבויגען שאנץ'ס מאדנע ווייך און גלעטענד קול'כעל און האָט דערזעהן זיין שארף פוקסען־מיילכעל געווענדט צו איהם. — מיר דוכט זיך, אז איהר רעגט זיך אויף צופיעל און איבערטרייבט די לאגע. סוף כל סוף, פערשטעהן מיר דאך אלע, אז אהן הנחות קען מען ניט. סטעפאן איוואניטש וועט, נאטירליך, מיט אונז איינשטימען... יא. אבער וואס פאר א הנחות? לויט ווי איך פערשטעה פון אונזערע פריהעריגע בעראטהונגען, שטעהט איהר פאר דער פולער בעפרידיגונג פון זייערע פאדערונגען, דאָס איז דאך אונמעגליך. פעדאר איוואניטש!

ער האָט ווי לאסצענדיג זיך צוגעריהרט צו מיזשויעוו'ס הארטען איילענבויגען און איהם אריינגעקוקט אין די אויגען בלומרשט מיט

צוגעלאזטקייט. מיזשויעוו האט זיך אבגעקעהרט.

— טהוט נור א קוק, — האט שאנץ ווייטער גערעדט, בעשיידען, אבער פעסט, און ווי ער וואלט גאר ניט בעמערקט מיזשויעוו'ס בע־וועגונג, האט ער איהם מיט דער האנד איינגעלאדען צום טיש. — אט וועל איך אייך בעקענען מיט די ציפערן, און איהר וועט אליין איינ־זעהן, וואס מען קען און וואס מען קען ניט...

זיין קול'כעל איז געווען לאסצענד און קלעפיג, אבער אין די ווערטער איז געווען אזא איינגעשפארטקייט, אז מיזשויעוו האט ניט ווילענדיג זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען מיט אנגעכמורעטע אויפמערקזאמקייט זיך צוהערען.

— אט לאמיר אנהויבען פון די פרייזען אין פאבריק... — האט שאנץ מיט א פער'גנב'עטען קול און מערקווירדיג קונציג גענומען פונאנדערלייגען פאר איהם א קאמפליצירטען טרוקענעם סיסטעם פון ציפערן. אנגעהויבען דערפון, וואס ער האט אנגעוויזען, אז די אר־בייטער אויף זייער פאבריק זיינען אין א פיעל בעסערער לאגע, ווי די ארבייטער אין דער ארומיגען ראיאן בכלל, און דערביי האט ער גע־שיקט אנגעטייט אויף די גרויסע סומען, וואס זיי האבען זיך געלאזט קאסטען אויף שוהלען, שפיטעלער און טעאטער, אויף דער אויסגע־צייכענטער, מען קען זאגען, מוסטערהאפטער איינארדנונג פון דעם קאנסום־מאגאזין ביי דער פאבריק. דערנאך האט ער געגעבען א ברייט בילד פון מארק און צוגעשטעלט דעם חשבון פון די ריעזיגע היזקות, וואס די פאבריק האט געליטען אין פאריגען סטרייק.

— און די ארבייטער ווילען דערביי ניט וויסען, אז דער סטרייק איז ארויסגערופען געווען ניט דורך אונז, נור דורך דער פאליטיק פון דער רעגיערונג... — האט ער ווי דרך אגב אריינגעווארפען, זשעסטי־קולירענדיג מיט די שפיצען פון זיין קאלטע, ביינערדיגע פינגער.

דערנאך האט ער פונאנדערגעעפענט א רייה פינקטליכע, גענויע ביכער, פון וואנען עס איז געווען צו זעהן, אז די איינפיהרונג פון נייע מאשינען האט פערקירצט די ארבייט, פערגרעסערט די פראדוקציע און דורך דעם אויך פערגרעסערט די ארבייטער־פערדיענסטען כמעט אין אנדערהאלב מאל אזוי פיעל. ווען זיי וואלטען מיט א האלב יאהר צוריק נעפאדערט די איצטיגע העכערונג און די פאבריק וואלט זיי נאכגעגעבען, וואלטען זיי נאך אלץ בעקומען מיט 30 פראצענט וועי־ניגער, וויפיעל זיי בעקומען איצט. אויף אזא אופן איילען זיי זיך

צו מיט א נייער פאָדערונג, וועלכע שטימט ניט מיט דער ווירקלי־כער לאגע, און נעהמען אוועק די מעגליכקייט צו מאכען ווייטערע פערגרעסערונגען, וועלכע וואָלטען זיך סוף כל סוף זיך אויסגעלאָזען צו זייער אייגענער טובה.

און שאנץ האָט אלץ געשאָטען ציפער נאָך ציפער, און פאר מיזשויעוו׳ס אויגען האָט געגומען וואקסען, ווי פון א נעבעל ארויס, א פער׳כישופטער קרייז. עס האָט זיך געמאָהלט אן אונענדליכע רייה פאבריק־דעכער, מיליאָנען קוימענס, וואָס בעפלאנצען דעם גאנצען ערדקונעל, מיליארדען ארבייטער, וואס אין אונגעהייערע הונגעריגע מחנות קריכען און קלעטערן זיי פון דאנען ביז עק וועלט. און עס איז געווען פערשטענדליך, אז ווען אפילו זיי, די מיזשויעוו׳ס זאָלען רו־אינירט ווערען, ווען אפילו זיי זאלען די ארבייטער אוועקגעבען אלץ, וועט זיך אויך קיין זאך ניט ענדערן. עס וועט בלויז פלאצען א רינ־געל פון א שווידערליכער שלאנג, עס וועט פלאצען זייער פאבריק, עס וועט קומען א ביטערע ארבייטסלאָזיגקייט, דער הונגעריגער עולם וועט זיך א לאָז טהאָן אין אנדערע פאבריקען און דאָרט מיט דעם אנבאט פון זייערע איבריגע הענד ארונטערזעצען די שכירות ביז גאר.

און דער דירעקטאר שאנץ האָט אלץ גערעדט און גערעדט, און מיט נעניטער געשווינדיגקייט געפלאכטען א רינגעל נאָך א רינגעל פון זיין גרויליגער לאָגיק. די שפּיצען פון זיינע ברייטע פינגער, האָבען זיך בעוועגט, ווי די וואנצעלאָך ביי א שפין, און מיזשויעוו האָט מיט שרעק געפיהלט, אז ער קען דאָ גארנישט מאכען, גאר נישט ענטפערן, און, פאָלגליך, מוז ער איינשטימען מיט דעם, נעגען וואס די נשמה זיינע פּראָטעסטירט.

ער האָט עפעס גאר ווייט מיט דעם סאמע ברעג פון זיין בע־וואוסטזיין געפיהלט, אז ערגיץ אן אויסוועג איז דאָ, א מין הייליגער בעשלוס: זאָל אמת בלייבען אמת, און אויב נאָכצוקומען דעם אמת, דארפען זיי רואינירט ווערן, טו זאָלען זיי!... וואס דערנאָך וועט מיט זיי זיין — דאס געהערט שוין גאר צו אן אנדער ענין!.. אנדערע וועל־לען געפינען, וואס ווייטער צו טהאָן, אבער זיין עובדא זאָל זיין — דורכצופיהרען דעם אמת ביז׳ן סוף.

אבער דער דאָזיגער געדאנק איז גלייך פערצויגען געווארען מיט א נעבעל: ער האָט יאהרען לאנג געגלויבט אין דעם אמת פון ציפערן, געזעהן אין זיי אן אונפערמיידליכען געזעץ. און זיין מוח, געוועהנליך

אזא קלאָהרער, פעסטער, האָט דאָ, געגען דעם אייזערנעם געפלעכט פון ציפערן, זיך פערלאָרען, איז ווי ווייך געוואָרען און זיך געפּלאָנ־טערט. מיזשויעוו האָט שוין אליין ניט געמערקט, אז ער שפּאַרט זיך שוין ניט וועגען דער גערעכטיגקייט פון דער זאך, נור וועגען דעם צי מען דאַרף נאָכגעבען די גאנצע צוואנציג, אָדער עס איז מעגליך בלויז צעהן.

און די מוטנע שויבען האָבען נאָך אלץ געציטערט, הינטער זיי האָט געברומט און געהוזשעט און געקאכט, ווי א ווייטער וואסערפאל, און פון צייט צו צייט פלעגט דאס אלץ צושפּרונגען ווערן אין שאר־פע, שניידענדע אויסגעשרייען.

און שאנץ האָט אלץ גערעדט און גערעדט, און געשאָטען מיט ציפער, ווי ער וואלט פון אן אונענדליכען זאק געשאָטען בייזע ריע־זען־שטארקע קארליקעס, וועלכע האָבען זיך געפּלאָנטערט ארום די הענד און ארום די פיס, געקראכען אין קאָפּ און אין הארץ אריין און געוועקט דאָרט א שווערען געפיהל פון מאכטלאָזיגקייט געגען דעם כוח פון די אומשטענדען.

— בעגרייף דאָך — האָט סטעפאן איוואניטש זיך אריינגעמישט שוין מיט א רוהיגערן קול: — דאָ איז קיין מיטען ניטאָ. אויף צעהן פּראָצענט וועלען זיי ניט איינגעהן. אנגעהויבען האָט זיך פון דרייסיג, האָבען זיי צעהן אראָבגעלאָזען, די דעפּוטאטען האָבען נאָכגעגעבען, אָבער צעהן !...

מיזשויעוו האָט אויפגעהויבען אויף איהם א מיעדען, פערלאָ־שענעם בליק.

— אָדער מען דאַרף נאָכגעבען אלץ — האָט זיך סטעפאן אי־וואניטש אָנגעשפּאַרט אן טיש — אָדער גאָרנישט... גאָרנישט, און נאָך דער אונפערמיידליכער הריגה זיי בערוהיגען מיט א פּריוואַליגער העכערונג. —

— און דערווייל וואס ? — איז מיזשויעוו בלייך געוואָרען.

— דערווייל... — סטעפאן איוואניטש האָט אבגעקעהרט די אויגען און אויסגעקנאַקט די פינגער.

— ניין ! — האָט מיזשויעוו אויסגעשריען זיך אויפשטעלענדיג אין זיין פולער הויך. — איך קען ניט... איך קען ניט צולאָזען, אז מען זאָל ערמאָרדען מענשען נור דערפאַר, ווייל זיי זיינען הונגעריגע, ווייל אונזערע אינטערעסען זיינען ניט זייערע אינטערעסען.

— טו געה ארויס צו זיי און שלאָג זיי פאַר דיינע בעדינגונגען.
— און סטעפּאַן איוואַניטש האָט ברייט פונאַנדערגענומען די הענד.
מיזשויעוו איז געשטאַנען און געשווינען, קוקענדיג אונטער זיך. איהם האָט זיך מאָדנע פערוואַלט, אז ניקאָלאַיעוו זאָל זיך גע־פינען דערביי. ביידען צוזאַמען וואָלט זיך איינגעגעבען צוצורייסען דעם פער׳כישופ׳טען קרייז.
— און איך וועל טאָקע געהן... שוין בעסער אַזוי, איידער...
— האָט ער ארויסגערעדט, און זיין קול האָט זיך אָבגעריסען.
— ווי דו ווילסט... — האָט סטעפּאַן איוואַניטש ווידער פונאַנ־דערגענומען די הענד, — אפשר וועט זיך דיר... איינגעבען... אָבער איך מוז דיך וואָרענען, אז דו ריזיקירסט זעהר שטאַרק...
— מיט וואָס?
— דו וועסט ארויפציהען אויף זיך זייער גאַנצען כעס... אָט די ארבייטער דיינע, פאַר וועלכע דו שטעהסט, וועלען אין א מינוט פערגעסען, וואָס דו האָסט געטהאָן פאַר זיי, און קוים האָסטו זיך אין עפּעס נעשטעלט נעגען זיי, וועלען זיי דיך פערהאַסען מעהר, ווי עמיצען אנדערש, טאָקע דערפאַר, ווייל דו האָסט פאַר זיין אַזוי פיעל געטהאָן און זיי האָבען געהאַט גלויבען אין דיר!
מיזשויעוו האָט שטום געקוקט אויף איהם.
—הער נור אויס, פּעדיאַ! — האָט סטעפּאַן איוואַניטש אָנ־געהויבען אין א פריינדליכען טאָן. — מיינסטו, אז מיר איז ניט שווער? אָבער דו ריזיקירסט גאָר שטאַרק, מוז איך דיר זאָגען... לאָז אָב... איך בעט דיך!
מיזשויעוו איז לאַנג געשטאַנען אויף אַן אָרט, דערנאָך שאַרף זיך אויסגעדרעהט און איז ארויס. ער האָט דערפיהלט, אז טאָמער געהט ער ניט ארויס, וועט... און ער האָט שוין געהערט דאָס קנאַקען פון ביקסען, געשרייען און געזעהן בלוט, ער האָט שווער א טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, און מיט דומפּען, טעמפּען געפיהל אין ברוסט איז ער ארויס אויפ׳ן גאַניק, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו א שווערען קרבן.
ער איז פערכאַפּט געוואָרען פון טומעל און שיין. טויזענדער פּנים׳ער האָבען זיך צוגעווענדעט צו איהם אין ערוואַרטונג, פיעלע מיט א זיכערער, פרעהליכער מינע. ער האָט גענומען רעדען.
און וואָס איז נאָכדעם פאַרגעקומען, איז געווען עהנליך צו דעם,

ווי עס וואלט פלוצלינג אנגעטראגען א שטורם־ווינד. ווי ער וואלט אליין זיינע אייגענע ווערטער ניט געהערט. נור ער האט דערזעהן, ווי אלע פנים'ער האבען זיך אויף אמאל שרעקליך פערענדערט, גלייך איז אראב דער אויסדרוק פון פרעהליכען צוטרוי, און זיי זיינען גאר אנדערע געווארען. מיזשויעוו האט עס דערפיהלט און איז געבליבען אן איינזאמער צווישען דעם אונגעהויערן עולם. אן איינזאמע און א פרעמדער צו זיי. ער האט גענומען זוכען אן אויסוועג פון דעם פוסטקייט, אין וועלכער ער איז אריינגעפאלען, אבער ווערטער האבען שוין ניט געקענט העלפען... דער בונד צווישען איהם און זיי, וואס האט אויס־געזעהן אזוי אמת'דיג און פעסט, איז אין איין רגע איבערגעריסען גע־ווארען, ווי קיינמאל גאר נישט געווען... מיזשויעוו האט פאר זיך גע־זעהן בלויז שונאים.

דערנאך, געדענקט ער, האט איהם גענומען אבענטפערען א קליי־נער, שווארצער מענשעלע, מיט דורכדרינגליכע, שטעכיגע אויגען. א דרעקסלער־ארבייטער, וועלכער איז איהם בעקענט געווען.

— אויס מיט'ן שווינדעל! — האט ער געשריען — איהר האט אנטפלעקט אייער אמת'ן פנים... צווישען אייך און די מיליאנען מענ־שען, וועלכע האבען אייך געגלויבט און ערווארט פון אייך גערעכטיג־קייט, שטעהען אייערע מיליאנען רובעלס!... מיר פאדערן אונזערס! שיסט אין אונז, שיסט!... טהוט אייער ארבייט... הענקער!

מיזשויעוו, א טויטבלייכער, האט געפרובט רעדען, נאר ער האט שוין ניט געוואוסט, וואס צו זאגען, און פלוצלינג דערפיהלט אזא שרעק, ווי ווען מען פאלט אין שלאף אין א שרעקליכען אב־גרונד.

עמיצער האט איהם אנגעכאפט פאר'ן האנד, ער האט אינס־טינקטיוו יענעם אבגעשטויסען, ער האט געפרובט אויפהויבען זיין קול, האט מען עס אנגענומען פאר א סטראשונאק. עמיצער האט נאך פעסטער איהם א כאפ געטהאן פאר'ן ארבעל, דערנאך פאר דער ברוסט. א קויל שנעל האט איהם א זעץ געטהאן אין אויג, און מיזשויעוו א צוטומעלטער, א טויט בלייכער, איז פערשוואונדען געווארען צווישען די שרעקליכע געוואלטען פון המון. ער האט אינסטינקטיוו ארויסגע־ריסען זיין רעכטע האנד און האט עמיצען מיט זיין גאנצער גבורה א זעץ געטהאן איבער'ן קאפ. אויף אמאל איז פאר איהם ליידיג געווא־רען דער פלאץ, און ער האט דערזעהן אריינרייטען אין הויף די רויט־

קעפּינע סאַלדאַטען מיט נאַגאַיקעס אין דער לופטען. אַז אויפגעשווי־דערטער, האָט ער זיך געוואָרפען זיי אַנטקעגען, נור פון הינטען האָט מען זיך אויף איהם אַ לאָז געטהאָן, זיך אַנגעוואָרפען אויף איהם, און ער איז געפאַלען אויף הינטען, מיטשלעפּענדיג מיט זיך דעם שווארצען דרעקסלער מיט אַ צושמעטערטען, צובלוטיגטען שאַרבען.

פופצעהנטעס קאַפּיטעל.

דער מזרח, אַן אבגעוואַשענער, אַ שיינענדער, האָט זיך געהויבען פון ים אַרויס, אַליץ העלער און העכער אַרומגעכאַפּט דעם בלויען הי־מעל, וואָס האָט אַקאַרשט ערוואַכט און אַנגעצונדען פייערלאַך אין די פאַרביילויפענרע וואָלקענדלאַך. עס האָט זיך געפיהלט, אַז אָט נאָך אַ ווייל'ע, און פון היטטער דעם ראַנד פון דער ערד וועט בלענדענדיג אַ שמייכעל טהאָן די גרויסע פרעהליכע זון.

נור דאָס וואַסער ווייט אַרום איז נאָך געשלאָפען. די קאַלטע גרינע כוואַליעס האָבען שלעפעריג געלעקט די זייטען פון שיף, און די דרעמלענדע קעלט פון די מאָרגען־שאָטענס איז נאָך געלעגען אויפ'ן ים און אויף די בלויליכע, משופּעדיגע ווענד פון די שווערע בערג.

נור הויך — הויך איבער'ן ים האָבען די בערג־שפּיצען פון זייער גליקליכער הויך שוין געזעהן די זון און האָבען געברענט און געבליש־צעט געגען דעם בלויען הימעל, ווי רויטע, ראָזעווע און גאָלדענע פלאַמען־צונגען.

מיזשויעוו איז אַרויס אויפ'ן דעק און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט מיעדע, ברענענדע ניט אויסגעשלאָפענע אויגען.

אויפ'ן שיף האָט מען נאָך געשלאָפען. צוויי דריי מאַטראָזען האָבען מיט וויש־בעזימער געוואַשען און געריבען דעם גלאַנציגען דעק. פון אונטען האָט זיך דערטראָגען אַן אונבעשטימטער גערויש. דאָס שיף האָט אבגעקלאַפּט שנעלע, גלייכמעסיגע קלעפּ, און דאָס וואַסער האָט געמורמעלט, קוים מיט'ן אויער צו כאַפּען. עס איז געווען קאַלט, און מיזשויעוו'ס ברייטע אַקסלען האָבען זיך געדריקט און פערגאַנגען אין אַ לייכט, לייכט ציטערן. זיין ניט אויסגעשלאָפען געזיכט איז געווען צוקנייטשט און זיינע האָאָר צושויבערט.

מיט שווערע טריט איז ער אוועק צום הינטערטייל פון שיף, און אַזוי לאַנג דאָרט געשטאַנען, זיין אונבעוועגליכער בליק האָט גע־ציעלט צו אין צושווימטען גרינעם וואַסער אַריין, צו אויף די ווייטע

בלענדענרע בערג־שפּיצען, וואו, משמעות, עס איז שוין געווען גרויסער טאָג.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען אויפ׳ן אויבערשטען דעק און זיך צונעזעצט צו איינעם פון די צוגעשרויפטע, אונבעקוועמע מאַר־מאָר טישלאַך; זיינע מאסיווע הענד האָט ער צונויפגעלעגט אויף דעם אייז־קאַלטען שטיין. זיינע איינגעפאַלענע אויגען האָבען מיט שלעפּע־ריגע קאָרגע בליקען בעטראַכט דעם ליידיגען דעק.

די זון האָט זיך געהויבען דאָרט הינטער דעם ראַנד פון דער ערד, און די בערג האָבען שוין ביז העלפט זיך געטונקט אין פריה־מאָרגען גלאַנץ. מען האָט געזעהן, ווי אַלץ נידריגער איז געלאָפען דער בלויער קאַלטער שאָטען, געשווינד אַבגענעבען איין בערגעל נאָכ׳ן אַנ־דערן, זיך קלאָמערנדיג אָן די אָפּגרונדען און זיך אראָפּגליטשענדיג מיט זיי.

דאָס שיף האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס האָט זיך גענומען ריהרען און בעוועגען. אַ קעלנער אין אַ ווייס יאַקעל מיט משונה׳דיגע גרויסע זילבערנע קנעפּ איז דורכגעלאָפען; פון וואַכט־ביידעל איז ארויס דער גראָהער, דורכגעפראָרענער קאַפּיטאַן־געהילף, צוויי נאַר יונגיטשקע פרייליינס, מיט פערשלאָפענע אויגעלאַך זיינען אַנגעלאָפען פון ערש־טען קלאַס זיך אומגעקוקט אַרום מיט אַזאַ מינע, ווי זיי וואָלטען אי־בעראַשט געווען, וואָס עס איז שוין אַזוי ליכטיג און שעהן, בעת זיי זיינען ערשט אויפגעשטאַנען, דערנאָך האָט זיך בעוויזען אַן ענג־לענדער, לאַנג ווי אַ פּלאַקען, אין אַ פּאַנאַמע און פערוואָרפענדיג די פיס פון איין באַנק אויף דער אַנדערער, תיכף פערדרייכערט אַ משונה־דיג גרויסע ציגאַר. אַ קליין אינגעלע אין אַ מאַטראָזען אַנציגעל איז ארויסגעלאָפען און וואָרפענדיג מיט די נאַקעטע פיסלאַך זיך אַ לאָז געטהאָן געגען דער זון. און נאָך און נאָך זיינען ארויסגעקראָכען אויפ׳ן דעק פערשלאָפענע מענשען, מיט פינטלענדע אויגען און שמייכ־לענדע ליפּען, און ווען פּלוצלינג איבער׳ן האָריזאָנט האָט ארויסגע־קוקט די נידריגע פריה־מאָרגען זון און בלענדענד אַ שפּריץ געטהאָן איבער די קאַמען פון די כוואַליעס, איבער די מאַסטען, איבער דעם דעק און די גרינגע בערג, האָט דאָס שיף שוין געלעבט זיין בונטען יום־טוב׳דיגע־פּוסטען און לוסטיגען לעבען.

צוויי פראַנצויזקעס, מיט פרעהליך־נייגיעריגע אויגען, פּיפּצענ־דיג, ווי פויגלען, וואָס בעגריסען דעם פריהמאָרגען, האָבען זיך צו־

געזעצט צו א דערבייאיגען טישעל, זיך ארומגעקוקט רעכטס און לינקס, דערזעהן אז אנגעבמורעמען שכן, זיך איבערגעקוקט און זיך צולאכט.

מיזשויעוו האָט געוואלט אוועקגעהן — עס זיינען איהם עקעל־האפט געוועזן אלע מענשליכע פנים׳ער, קולות, וואס רעדען ניט דאָס, וואס דער אמת איז, און פאלשע, ליגנערישע אויגען. נור די חנגר און פיס האָבען ביי איהם געציטערט, דער רוקען האָט געשטאָכען און די ברעמען האָבען געשמארצט. האט ער מיט א קלונג אין טישעל צוגערו־פען דעם פארביילויפענדען קעלנער און שוין געהאט געעפענט דאָס מויל צו בעשטעלען, נור כאפענדיג דעם נייגיעריגען בליק פון די צוויי פראנצויזקעס, וועלכע האָבען שוין געוואוסט, אז ער איז א בעקאנטער רוסישער מיליאָנער, איז ער אנטשוויגען געווארען. איהם האָט זיך געדוכט, אז ווען ער וועט דערהערען זיין אייגען קול, וועט זיך ווידער אנצינדען אין איהם דער נערוועזער, בלינדער כעס, ווי דאָס פלעגט טרעפען מיט איהם די לעצטע צייט. און נאָך האָט זיך איהם געדוכט, אז אויף דער גאנצער וועלט איז ניטאָ קיין עקעלדיגערע, נארישערע און איבריגערע זאך, ווי אן אייגען קול.

דער קעלנער איז געשטאַנען און געשוויגען און זיך שוין גע־נומען וואונדערן. פלוצלינג האָט מיזשויעוו, אומגעריכט פאר זיך אליין גענומען א בליישטיפט און האָט אנגעשריבען אויף׳ן גלאטען מארמאר:

„ג י ט מ י ר ק א פ ע".

דער קעלנער האָט אויסגעבויגען זיין קאָפּ, ווי א האָהן, וואס וויל כאפען א פיק, האָט מיט איין אויג דורכגעלעזען דאָס אנגעשריבענע, זיך אויף אן אמת פערוואונדערט און איז גלייך ניט געווארען.

און מיזשויעוו האָט זיך דערפרעהט: ווי איז דאָס איהם פריי־הער ניט איינגעפאלען דאָס צו טהאָן? עס איז דאָך אזוי איינפאך... מען קען אינגאנצען אנטשוויגען ווערן, און דאָס ביסעלע, וואס ער דארף פון מענשען, בעקומען ניט הערענדיג ניט זיין, ניט זייערע פאלשע שטי־מען. א שעלמישער געדאנק איז דורכגעלאפען דורך זיין געהירן, ווי ער וואלט געפונען א מיטעל זיך אויסצובעהאלטען פון אלעמען.

ווען מען האָט איהם געבראכט די קאפע, האָט ער זיך האלב־אָבגעקעהרט צום ים, ארייננעגומען זמן שווערען קראנקען קאָפּ אין די

הענד און זיך פערטראכט. צווישען די פינגער, וואס האבען צוגעפּ־געדריקט זיין שארבען, האבען ווילד ארויסגעטארטשעט צופּאטעלטע האָאר, און די אויגען האבען געקוקט מוטנע און אהן לעבען.

שוין א שטיק צייט ווי דאס לעבען איז פאר איהם איין גע־דאנק, וואס טראכט זיך שווער און מיט מאטערניש דורך א שארפען קאפּוועהטאָג. און פלעגט ער זיך פערגעסען אין א קורצען, קרענקליכען שלאף, פלעגט דער איינגעשפּארטער געדאנק פערשווינדען, און איהם פלעגט זיך חלום'ען א פּיינליכע פוסטקייט, אין וועלכער ער ווארפט זיך קאנוואולסיוו, זוכט זיך אן וואס אנצוכאפּען און פאלט אהנמעכ־טיג נידריגער און נידריגער. ער איז פאר דער צייט דורכגעפאהרען גרויסע שטרעקען, געזעהן א מאסע מענשען, שטעדט, בערג און ימים, נור אין זיין געהירן פלעגט זיך דאס אבשפּיגלען אזוי בלייך און פארב־לאָז, ווי אן ערינערונג וועגען לאנג עפּעס פערשוואונדענעם. אבער כסדר פלעגען אלץ קומען איינע און די זעלבע פּנים'ער, אזוי העל דייטליך, ווי חלומות פון א צוהיצטען מוח, און דיזעלבע פּנים'ער, מיט דער גרויזאמער פּינקטליכקייט און אונפערמיידליכקייט פון א קרייז, וואס דרעהט זיך ארום זיין מיטעלפּונקט, און דער מיטעלפּונקט איז געווען זיין אייגענער קראנקער קאפּ.

און אויך איצט, מיט די בליקען געווענדעט צו דעם גרין־בלויען שפּיעל פון די שווימענדע ברעגען, האט ער זיך דארט געמאהלט איין בילד נאָכ'ן אנדערן:

צוערשט האט זיך געוויזען ניקאלאיעוו'ס צומישטער, צושראקע־נער פּנים; ער שטעהט אין מיטען פון זיין קאבינעט, פאר איהם מי־זשויעוו, א צומזיק'טער, שרייענדער, א פער'חוש'טער. ניקאלאיעוו אין פערלעגענהייט קוקט ניט אין זיין זייט, צופּט מיט ציטערנדע פינ־גער די קוטאסען פון זיין גארטעל. מיזשויעוו שטיקט זיך מיט ווילדען גרימצאָרן, ער קען ניט פערשטעהן: ווי אזוי אט דער מענש, דער בעסטער פון אלע, וועלכען ער האט געקענט און געליעבט, ווי אזוי אט דער מענש האט ניט דערפיהלט די גרויזאמע אונגערעכטיגקייט, וואס איז בעגאנגען געווארען געגען איהם. מענשען־חיות, וועמען ער האט געטהאָן נור גוטס, וועמען ער האט געוואלט זיין לעבען ווידמען און פאר וועלכע ער איז גרייט געווען צו געהן אויף אלץ, האבען איהם געשלאגען, צו'הרג'עט און געוואלט דער'הרג'ענען! דערפון האט מען אויפשווידערן געדארפט, ווילד אויפגעבראכט ווערן, ענטריסטעט ווע־

רען ביז אין דער טיעפעניש פון דער נשמה, און אנשטאט דעם הערט ער פון איהם נעבעכדיגע רייד, וואס זוכען זיי צו פערענטפערען און איהם צו איבערצייגען, אז זיי זיינען ניט שולדיג.

— דאס זיינען חיות... אונזיניגע, בייזע, גיעריגע חיות! — האָט מיזשויעוו נעשריען — וואס האָב איך זיי געטהאָן? פאר וואס?

אבער ניקאָלאיעוו האָט געקוקט אן א זייט, און זיין פנים איז געווען אזוי מאָדנע, ווי ער וואלט זיך געעקעלט פאר עפּעס.

— זיי האָבען דערפאר שווער בעצאָהלט... פאר איין מענשען..— האָט ער שטיל געררעדט.

— בעצאָהלט! קען מען דען דערפאר בעצאָהלען? הער נור אביסעל — בעצאָהלט? — א שאָד, וואס אזוי ווייניג! איך בין צו־פרידען, צופרידען, צופרידען!...

מיזשויעוו האָט געשריען אלץ העכער און העכער, ווי ער וואלט זיך געוואלט אויסצוגיסען אין ווילדען געשריי זיין בייזע הנאה, דעם גאַנ־צען האס, וואס שוימט אין זיין הארץ. אבער וואס העכער ער האָט גע־שריען זיינע רציחה'דיגע ווערטער, וואָס איהם האָט זיך געדוכט, אז דאָס זיינען זיי די ריכטיגע ווערטער, אלץ קעלטער, עקעלדיגער איז געווארען ניקאָלאיעוו'ס פנים. און ווען מיזשויעוו האָט דאס בעמערקט און געגומען מיט צאָרן און גרויל אויפוואַרפען ניקאָלאיעוו'ן, אז ער פערשטעהט איהם ניט און פיהלט ניט זיין וועהטאָג, האָט ניקאָלאיעוו מיט שטילער און הארטער פיינדשאפט ארויסגערעדט:

— זיי זיינען אויסגעשטאָנען פיעלע ערגערע זאכען... גו, שוין אנגענומען, אז זיי זיינען בעגאַנגען א פעהלער, אז דאָס איז געווען אן אויסברוך פון פערפּייניגטע מענשען... אבער, דעם אמת גערעדט, וואס ביזטו פאר זיי? דו ביזט זיי פונקט אזא שונא, ווי אלע, ווי דיין ברודער...

— איך? — האָט מיזשויעוו אויסגערופען מיט שוידער און פאר־וואורף.

— יא, אויך דו! דו האָסט זיך אויך בענוצט מיט זייער שוויים און בלוט ווי אלע... ווען דו האסט אפילו זיי ניט געשטיקט און אפט־מאָל צוגעהאלפען... איז... דאך דאס, ווירקליך... ניט קיין גרויסער פערדיענסט.

מיזשויעוו'ס צושלאָגענער פנים, מיט דער אראָבהענגענדער ליפּ און אויפגעלאָפענעם אויג, איז געווען אי שרעקליך, אי רחמנות'דיג.

— הייסט דאס, אז נאך דיר קומט אויס, אז אפילו ווען זיי דער־הרג'ענען מיך, וואלטען זיי אויך גערעכט געווען ? — האט ער זיך געשטיקט ווי א פיש אויס'ן זאמד.

ניקאלאיעוו איז בלייך געווארען, די פינגער, וואס האבען גע־צופט די קוטאסען, האבען נאך שטארקער גענומען ציטערן.

— אויב דאס איז דיין מיינונג, טו... — האט מיזשויעוו אנגע־הויבען, און דערפיהלט, אז ער פאלט אין אן אבגרונד אריין.

און דא איז פארגעקומען דאס עקעלהאפטעסטע : אויף ניקאלא־יעוו'ס פנים האט א שימער געטהאן א קליינטשינקער שרעק, זיינע אויגען האבען גענומען לויפען, ווי א בעהאלטענער געדאנק וואלט זיי געדריקט, און פלוצלינג האט ער גענומען ריידען פאלש־קלינגענדע, בלייכע, שלום מאכענדע ווערטער. און מיט דעם אויסגעפיינערטען חוש פון א קראנקען האט מיזשויעוו געכאפט זייער בעהאלטענעם זין: ניקאליעוו האט מורא געהאט פאר א קריעג, מיזשויעוו זאל זיך ניט אבזאגען צו געבען געלד אויף זיין געפלאנעוועטען זשורנאל. און מאד־נע — מיזשויעוו גאר איז צומישט געווארען. ער האט זיך איבערגערי־סען אין מיטען ווארט. אויך ניקאלאיעוו איז אנטשוויגען געווארען, און א פארב האט זיך געשטעלט אויף זיין דרייסטען, מוטיגען פנים. א מינוט צייט האבען זיי געקוקט איינער דעם אנדערן אין די אויגען, און אין פערלויף פון דער מינוט איז שפורלאז צוגאנגען און פער־שוואונדען די פריינדשאפט, וואס האט אויסגעזעהן אזא פעסטע און אויפריכטיגע, וואס האט זיי פערבונדען אזוי פיעל יאהרען.

און ווען אין א האלבער שטונדע ארום איז מיזשויעוו אוועק פון איהם, זיינען דאס שוין געווען ניט צוויי נאהענטע מענשען, נור צוויי שונאים, וואס האסען און פעראכטען איינעם דעם אנדערן.

דערנאך האט מיזשויעוו זיך דערזעהן אין א וואגאן, אין א לאנגע טויבע נאכט. דאס איז געווען נאכדעם, ווי ער, משמעות, ניט ביים פו־לען זינען, זיך ווארפענדיג אין די אונזיניגסטע קאנוואולסיעס פון גע־דאנק, האט פלוצלינג זיך איינגעפונען ביי דעם מענשען, ביי וועמען ער האט זיין גליק אוועקגערויבט. ער האט אליין ניט געוואוסט, צו וואס ער האט דעם מענשען אויפגעזוכט; ערשט, ווען ער האט דער־זעהן זיין פערוואונדערטען, האסענדען בליק, האט ער טונקעל פער־פערשטאנען, אז מסתמא האט זיך איהם פערוואלט בעגעגענען כאטש

איינעם זאָל זיין א שונא, וועלכער זאָל איהם קוקען גלייך אין פּנים אריין, ווי א מענש צו א מענשען.

מאריא סערגעיעווגא'ס מאן איז געשטאנען פאר איהם א מאגע־רער, מיט לאנגע גלייכע האָאר, און האָט געקוקט איהם אין די אויגען אריין מיט ברענענדען, אונגעשטילטען האס.

— וואס דארפט איהר? — האָט ער מיט מאטערניש געפרענט

— אייך איז ווענינ... איהר קומט נאָך שפּאטען פון מיר? איהר מיינט, אז אייך איז שוין אלץ ערלויבט?

מיזשויעוו געדענקט ניט, וואס ער האָט צו איהם גערעדט, אָבער ער געדענקט, אז דאָס פּנים פון יענעם מענשען האָט צוערשט אויסגע־דריקט א מין פער'חידוש'קייט, דערנאָך א טונקעלע אהנונג און צולעצט קאלטען, נצחונ'דיגען שפּאט.

— אהא — האָט ער שטיל ארויסגערעדט — האָט איהר אויס־געפונען, אז ניט אלץ קויפט מען פאר געלד! דאָס איז גוט.

און ער האָט גענומען לאכען העכער און העכער און דערנאָך איהם מיזשויעוו'ן ארויסגעטריבען ווי א הונד, און מיזשויעוו איז אוועק. ער האָט שוין געהאט פערלאָרען דעם לעבעדיגען פאָדים, וואס האָט איהם געבראכט צו יענעם מענשען, און ער האָט ניט געוואוסט, צו וואס ער איז געקומען, וואס צו רעדען און ווי אוועקצוגעהן.

די נאכט אין וואגאן האָט ער ניט געשלאָפען. אונקלאָהרע, אונ־געהייערע געשטאלטען האָבען איהם ארומגערינגעלט און געקוועלט. און עס האָט זיך אייך געמאָהלט די געשטאלט פון יענעם גרויסען מאן, וועלכער ווייס דאס גאנצע לעבען און דעם גאנצען אמת וועגען לעבען. ער ווייס ניט ווי און ווען עס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק צו פאָהרען צו יענעם גרויסען שריפטשטעלער, דעם אלטען מאן, וועמענס נאָמען ער איז געוועהנט געווען פון קינדווייז אויף ארויסצורייד[ע]ן, ווי דאָס היילינסטע ווארט אין דער וועלט. ער געדענקט נאָר, ווען דער געדאנק איז שוין געווען אין איהם, האָט ער דערשפּירט אין זיך אזא לייכטקייט, אזא גרויסע, ליכטיגע האָפנונג. און עס איז געווען לייכט און ליכטיג, ביז וואנען ער האָט ניט בעקומען אן ענטפער אויף דער געשיקטער טעלעגראמע. אבער ווי נור ער האָט פערשטא־נען, אז דער גרויסער אלטער ווילינט איין איהם אויפצונעהמען — איז אלץ פערשוואונדען. עס האָט זיך איהם גענומען דוכטען, אז מען נעהמט נור אויף, ווייל ער איז מיליאָנער מיזשויעוו, און ער גופא,

דער מענש, געהט קיינעם ניט אָן, אפילו אט דעם איינציגען מענשען אין דער וועלט, און זיין גאנצער מוט איז ווי אראָבגעפאלען, און ער האָט דערזעהן, אז די גאנצע זאך איז קאָמיש, אז ער דארף צו קיינעם ניט פאָהרען, אז קיינער וועט איהם ניט זאגען עפּעס אזוינס, וואָס ער אליין זאָל ניט וויסען. און דאן האָט צום ערשטען מאָל דורכגע־שוועבט דער געדאנק אבצוזאגען זיך פון פערמעגען, ווערען אן ארי־מאן, ווי אלע מענשען. נור נאָך איידער ער האָט גוט בעגריפען דעם געדאנק, האָט ער שוין געוואוסט, אז דאָס איז אונמעגליך.

— אָבער פאר וואס? — האָט מיזשויעוו זיך געפרעגט און אנ־געשטרענגט זיך אריינגעקוקט אין די פינסטערע שאטענס, וואָס האָ־בען זיך געטראגען פארביי די פענסטער פון וואגאָן.

און צום ענטפער האָבען זיך איהם גענומען מאהלען קלענליך קאָ־מישע בילדער: ער א מענש, וועלכער האָט זיין לעבען לאנג גענאָסען פון דאָס בעסטע, וואס איז דאָ אויף דער וועלט, און וועלכער ק ע ן עס נאָך איצט געניסען, וועט פלוצלינג אומישנע זיך פערשטעלען פאר א קבצן, געהן אלע טאָג אין קאנטאר, בעקומען צוואנציג רובעל שכירות, און וויטער... אפשר חתונה האָבען מיט א בעשיידענע פריי־ליין, וואס שרייבט אויף א מאשינקע? ווי נאריש!..

ניטאָ קיין פארוואס, אבער נאריש און קאָמיש ווי אלץ וואס איז סענטימענטאל און זינלאָז.

און איבער'ן קאָפּ איז געהאנגען א חשוב'דיגע משא, און דער בעקאנטער געפיהל פון פיינליכער פוסטקייט האָט איהם דורכגענו־מען, און דאמאָלס האָט מיזשויעוו צום ערשטען מאָל דערפיהלט, אז עס געהט צום סוף און זייט דעם האָט ער עס געוואוסט.

עס איז געווען נאָך איין קאָנוואולסיווער געדאנק: ער האָט זיך דערמאָהנט, אז ערגיץ ווייט איז דאָ א פרוי, א בעליידיגטע פון איהם, אן אומגליקליכע, וועלכע האָט איהם דאָך אמאָל געליעבט. נור דער געדאנק האָט זיך אויפגעכאפּט און גלייך פערלאָשען געווארען, ווי אלץ וואָס פלעגט איצט אנצינדען זיין מוח.

עס איז פּיינליך קלאָר געווארען, אז עס איז ניטאָ וואו צו פאָהרען. ער איז נעווען אלע מאָל און אומעטום דאָס זעלבע, וואָס ער איז, קיין זאך האָט ניט געקענט היילען דעם צוקאלעטשעטען אָרט אין זיין נשמה.

און אָט דער געדאנק — אז עס איז ניטאָ, וואו צו פאָהרען, און

אז יערער טריט איז גור א גייער ריגג אין קייט פון זיינע יסורים און ליידען — איז אויך איצט נעשטאַנען בולט, רונד אין מיזשויעווס פּוח.

ער האָט שווער אבגעזיפצט, אבגעריסען זיין בליק פון די שווי־מענדע גרינע ברעגען פון מיטעללענדישען ים — אזעלכע איבריגע פאר איהם איצט — און ער האָט פערמאַכט די אויגען. און גלייך האָט ער גענומען הערען, וואָס מען רעדט ארום איהם.

— ווייסט איהר, עס איז מערקווירדיג — האָט גערעדט א יונגער רוסישער קול — ווען דו פּאָהרסט מיט א שנעל־צוג פון צפון צו דרום, דוכט זיך, אז דער פריהלינג קומט ניט מיט יעדען טאָג, נור מיט יעדער שטונדע... ממש ער פליהט דיר אנטקעגען... איך קען עס ניט אויס־דריקען, נור מיר דוכט זיך, אז קיין גרעסערער תענוג איז גאר ניטאָ. נעכטען איז נאָך גראה, קאַלט געווען, היינט זעהט איהר שוין אבגע־טאיעטע פּלעצער צווישען די בערעזעווע בוימער... און מארגען איז שוין דער הימעל בלוי... אך, ווי גוט!

מיזשויעוו האָט מעכאַניש געעפענט די אויגען און א קוק געג־טהאָן אויף דעם, ווער עס האָט גערעדט. דאָס איז געווען א יונגער מאַן, משמעות, א קראַנקער, און גערעדט האָט ער צו גאר א יונגיטש־קער פרוי מיט לעבעדיגע פרעהליכע אויגען. זיי זיינען געשטאַנען ביי דער פּארענץ, און דער ווינד האָט לייכט אויפגעבלאָזען זיי־ערע ווייכע האָאר. און נאָך זייערע שיינענדע פּנים'ער און נאָך דעם, ווי זיי האָבען געאָטעמט פריי און מונטער, ניט אוועקנעהמענדיג זייער פערצויבערטען בליק פון די ברעגען, וואָס זיי האָבען, ווי עס שיינט, געזעהן צום ערשטען מאָל, האָט מיזשויעוו פערשטאַנען, אז דאָס איז ווירקליך — גליק!

און מיזשויעוו האָט געוואָרפען א מוטנעם בליק אויף די ברעג־גען, דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט שוין הונדערטער מאָל געזעהן, און ווידער פערמאַכט די אויגען און פערזונקען אין זיין שטומען שוואר־צען אבגרונד.

און פון דער צווייטער זייט האָבען די צוויי פראַנצויזקעס דער־צעהלט איינע דער אנדערער וועגען אקסען־קאַמף אין שפּאַניען.

— און איידער דער טאָרעאַדאָר טויטעט איהם... דרעהען די מאַטאַדאָרען, אין רויטע מאַנטיליעס, דעם אקס אלץ אין איין זייט, אלץ אין איין זייט... פערשטעהסט... ביז ער ווערט אין גאַנצען צומישט...

ראמאלם טויטעט ער איהם דער טאַרעאַדאָר... דאָס איז גאר ניט שעהן !...

מיזשויעוו האָט דאָס געוואוסט.

און פּלוצלינג האָט זיך פאר זיינע פערמאכטע אויגען זיך ארויס־געשטעקט א געוואלטיגער אקסענער קאָפּ מיט אונבעוועגליכע, בלוט־אָנגעגאסענע אויגען. א קוק געטהאָן גלייך איהם אין פּנים אריין, ווי א גרוילינע פערזעהעניש. מיזשויעוו האָט אזש א ציטער געטהאָן און זיך אויפגעהויבען.

אומעטום זיצען מענשען, פּלאַפּלען, לאכען און בעגלייטען איהם מיט נייגיעריגע אויגען. ער איז שטיל זיי פארבייגעגאנגען און איז אוועק צום הינטערטייל פון שיף.

דאָ האָט ער זיך אוועקגעשטעלט ביי דער פּארענץ און לאנג און שטייף געקוקט אין די שוימיגע שפור, וואָס האָט זיך געהויבען נאָכ'ן שיף. עס האָט זיך געדוכט, אז ער זוכט עפּעס אין דעם מוטנעם צאר־נענדען שוים. און ווען פּלוצלינג האָט זיך אבגעדוכט, אז ער האָט עס געפונען, האָט מיזשויעוו געווארפען א בליק ארום זיך, זיך אומ־געקוקט אויפ'ן הימעל, אויף די בערג, אויף דאָס בונטע הייפעל פרעה־ליכע מענשען, וואָס זיינען געזעסען פון דערווייטען און עפּעס מיט דער זייט, אומגעלומפערט זיך איבערגעבויגען איבער דער פּארענץ און די רגע דערפיהלט, ווי אומגעלומפערט דאָס איז, און זיך פערשעהמט פאר די מענשען, וואָס זיצען דאָרט, און איז שווער אריינגעפאלען אין וואסער.

א שרעקליכער גערויש האָט איהם א זעץ געטהאָן אין קאָפּ. א קלעפּיגע, בריהעדיגע כוואליע האָט זיך אריינגעריסען מיט שארפען, צופּענדען וועהטאָג אין מויל אריין. און אין דער זעלביגער רגע איז זיין מוח דורכגעציטערט געוואָרען פון א גרויל — א וואהנזיניגען גרויל, ווי מען פיהלט עס ניט ביים לעבען. אין משונה'דיגע קרעמפּען, זיך אבשלאָגענדיג פון דעם שלינגענדען תהום, איז ער ארויפגעשוואו־מען, דערזעהן דורך דעם פערנעבעלטען רעגען, וואָס האָט גערונען פון זייגע האָאר, שוין גאר ווייט א ווייסען שווימענדען פלעק און אויס־געשריען :

— העלפט !

און גענומען זיך טרינקען אין מוטנע־גרינעם תהום, וואָס האָט געפליקט אין שטיקער זיין ברוסט. מחנות קליינע פישעלאך זיינען

אבגעשפּרונגען, ווי שפּריצען, אין אלע זייטען, אבער באלד האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט און האָבען אויפגעשטעלט פון אלע זייטען זייערע רונדע, רעטזעלהאפטע אוינעלאך און געקוקט אויף דעם שווימענדען מאנטעל, אויף די צושפּרייטע פּיס אין די געלע שיך און אויף דעם טויטען, בלויען קאָפּ, וואס איז לאנגזאם אלץ נידריגער און נידריגער געזונקען אין קאלטען גריגעם חושך אריין.

ע נ ד ע.

א גליק.

זינד ביי דער נאסען־פרוי סאשקען איז איינגעפאלען דער נאז און איהר געוועזענע שעהנע און קאפריזנע געזיכט איז געווארען עהנליך צו א צופוילטען שארבען, האט איהר לעבען פערלארען אלעס, וואס מען האט געקענט אנרופען מיט'ן נאמען ל ע ב ע ן.

דאס איז געוועזען בלויז א שרעקליכע, טרויעריגע עקזיסטענץ, ביי וועלכער דער טאג האט פערלארען זיין ליכט און איז פערוואנדעלט געווארען אין א פינסטערער נאכט, און די נאכט איז געווארען אן אונענדליך שווערער ארבייטס־טאג. הונגער און קעלט האבען געריסען אויף שטיקער איהר מאגערען קערפער, איהרע דארע פיס און איינגעפאלענע ברוסט, אזוי ווי הינד רייסען א נבלה. פון די גרויסע נאסען איז זי אוועקגעגאנגען אויף די פוסטע פלעצער און האט זיך דארט פערקויפט צו די שמוציגסטע און גרויזאמסטע מענשען, וועלכע זיינען געבוירען געווארען ראכט זיך, פון שמוץ און פינסטערניש.

איינמאל, אין א קאלטע פראסטיגע לבנה־נאכט, האט סאשקע פערבלאנדזשעט אויף א נייער גאס, וועלכע איז ערשט אין הערבסט אויסגעלעגט געווארען איבער'ן ברייטען פלאץ, וואס איז בעשטאנען דורכאוים פון בערגלאך און טהאלען, ביים עק שטאדט, הינטער'ן באהן. דא איז געוועזען שטיל און פוסט. א קייט פון לאמטערנעס האט דונקעל געשיינט ביי דער בלאהער לבנה־ליכט, וועלכע האט פייערליך און גלייך בעגאסען דעם שווייגענדען פעלד. שווארצע שאטענס האבען זיך געטונקט אין די גריבער מיט עזות און שרעק, און די טעלעגראפען־קלעצער מיט די דראטהען אויבען, האבען געהיימניספול, אזוי ווי נאכט־גייסטער העל געבלאנקט פון פראסט אונטער'ן דונקעל־בלאהען הימעל. די לופט איז געוועזען ריין און טרוקען און האט געשניטען און געברענט אונערטרעגליך מיט איהר אונבעוועגליכען פראסט. עס האט זיך געדאכט אז פון גרויס קעלט איז אלעס אין דער וועלט פערשטוינערט געווארען און צום גאנצען קערפער, צו אלע אויסערליכע טהיילען זיינע איז אזוי ווי צוגעלעגט א גליהענדער

אייזען, און דער קערפּער איבערלאָזענדיג שטיקלעך הויט, רייסט זיך אָפּ פון איהם מיט בלוט. דער דאַמפּף פון מויל האָט זיך געצויגען אַזוי ווי אַ וואָלקען און איז שטיל, אונבעמערקט צוגאַנגען אין דער ריינער פראָסטיגער לופט אויפהייבענדיג זיך אין דער הויך צום בלאָהען הימעל.

סאַשקע האָט-שוין ניט געהאַט פּערדינט גאַנצע פינף טעג, און מיט אַ טאָג פריהער האָט מען זי גוט צושלאָגען, אַרויסגעטריבען פון דירה, און צוגענומען ביי איהר דעם לעצטען וואַרעמען בגד.

עלענד און אונזיכער האָט געטראַכטען איבער דעם פּוסטען וועג איהר קליינינקע צוזאַמענגעקאַרטשעטע פיגור און איהר האָט זיך גע־דאַכט, אַז אין דער גאַנצער וועלט איז זי אַליין און זי וועט קיינמאָל ניט פּטור ווערען פון דעם פּוסטען פעלד, פון'ם קעלט, וואָס פערכאַפּט דעם אָטהעם, און פון דעם פראָסטיגען לבנה־שיין.

איהרע פיס זיינען געפרוירען געוואָרען און זי האָט געטראָטען איבער'ן סקריפּענדען שנעע מיט אַזאַ וועהטאָג, אַזוי ווי מען טרעט מיט אַ פערבלוטיגטען טאָקעטען ביין אויף האַרטע שטיינער.

און ערשט דאָ, אויפ'ן פעלד האָט סאַשקע צום ערשטען מאָל פערשטאַנען דעם גאַנצען אונזין און שרעק פון איהר לעבען, און זי האָט זיך פערנאַנדערגעוויינט. די טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט פון איהרע קראַנקע, פערפראָרענע אויגען, און זיי זיינען פערקיהלט גע־וואָרען אין גריבעל, וואו עס איז אַמאָל געוועזען ביי איהר דער נאָז, און איצט — פערפוילט. קיינער האָט ניט געזעהען דיעזע טרעה־רען, און די לבנה איז אַזוי ווי פריהער הערליך געשוואומען הויך איבער'ן פעלד, אין איהר ריינעם און קאַלטען בלאָהען שיין.

קיינער איז ניט דורכגעגאַנגען, און איין אונאויסדריקליכער געפיהל פון טהירישער פערצווייפלונג, אויפהויבענדיג זיך אַלץ העכ־ער און העכער, האָט גענומען דערגעהן צו יענער שטופע, ווען דעם מענשען דאַכט זיך, אַז ער שרייט מיט אַ שרעקליכען, הילכיגען גע־שריי איבער'ן גאַנצען פעלד, איבער דער גאַנצער וועלט, און אין אמת'ן שווייגט ער און דריקט נאָר שוידערהאַפט צונויף די ציינער.

— האַטש שטאַרבען... אַך, האַטש שטאַרבען... — האָט זיך גע־בעטען סאַשקע און האָט געשוויגען.

און דאָ, דערנעבען, אויפ'ן ווייסען וועג האָט זיך געזעהען טרע־טענדיג אַ הויכע און שוואַרצע מענער־פיגור. ער איז שנעל געגאַנגען

אין סאשקע׳ם ריכטונג, און עס האט זיך שוין געהערט ווי דער שנעע סקריפעט אבגעהאקט און אויפ׳ן קול, און עס האט זיך שוין געזע־ הען ביי דער לבנה דער גלאנץ פון זיין האריגען קאלנער. סאשקע האט פערשטאנען, אז דאס מוז זיין א בעאמטער פון פאבריק, וואס איבער׳ן וועג.

זי האט זיך געשטעלט אויפ׳ן זייט וועג און, ארייננעהמענדיג איהרע פערפרארענע הענד אין די ארבעל, אויפהויבענדיג די אקסלען און שפרינגענדיג פון איין פוס אויפ׳ן צווייטען, האט זי געווארט. די ליפען זיינען ביי איהר געווען אזוי ווי גומילאסטענע, זיי האבען זיך בעוועגט שווער און הארט, און סאשקע האט זעהר מורא געהאט, אז זי וועט גארנישט קענען ריידען.

— קאווא־ער... — האט זי אונפערשטענדליך געמורמעלט.

דער פערבנגעהער האט א ווײלע א קעהר געטהאן צו איהר זיין געזיכט און איז אוועק ווייטער, טרעטענדיג שנעל און זיכער. נאר מיט דער דרייסטקייט פון דער העכסטער פערצווייפלונג האט איהם סאש־ קע איבערגעיאגט און, געהענדיג איהם אנטקעגען, הינטערווערטס, האט זי אוננאטירליך פרעהליך און לעבהאפט גענומען ריידען:

— קאווא־ער... קומט... כ׳לעבען... נו, וואס איז דארט, קומט!... איך וועל אייך אזעלכעס ווייזען, אז איהר וועט פלאצען פאר געלעכ־ טער... קומט, נו... ביי גאט, איך וועל ווייזען... קום, — יבינקער...

דער דורכגעהער איז געגאנגען ניט אומקוקענדיג זיך אויף איהר: און אויף זיין אונבעוועגליכע געזיכט האבען געבלישצעט ביי דער לבנה שיין זיינע בולט׳ע אויגען, אזוי ווי גלעזערנע.

סאשקע האט אנטקעגען איהם געטאנצט אויף הינטען, און הויך אויפציהענדיג די אקסלען, מיט א קלאגענדע שטימע פול פערצווייפ־ לונג, פערשטיקענדיג זיך מיט׳ן קעלט, וואס איז איהר אנגעגאנגען אין האלז, האט זי צו איהם געזאגט:

— איהר קוקט ניט קא־ווא־ער, וואס איך בין אאז... מיין קער־ פער איז ריין... איך האב א צימער... ניט ווייט... קומט־זשע, נו...

די לבנה איז געשוואומען הויך איבער׳ן פעלד. און סאשקעס שטימע האט מאדנע שוואך געציטערט אין דער פראסטיגער לופט.

— נו. קומט... — האט סאשקע געזאגט פערשטיקט, פאלענ־ דיג פון די פיס, נאך אלץ טאנצענדיג אויף הינטען: — נו, איהר ווילט נים, טא גיט האטש אזוי צוואנציג קאפיקעס... אויף ברויט...

א גאנצען טאָג ניט געגעסען... בבב... גיט. נו תּאַטש צעהן קאַוואַ־ער... —יבינקער... גאָלדענער... גיט!

דער פערבייגעהער איז שווייגענדיג געגאנגען פאראויס אויף איהר, אזוי ווי פאר איהם וואלט געווען א פּוסטער ארט און זיינע זאנ־דערבארע גלעזערנע אויגען האָבען אלץ אזוי טויט געבלישצעט ביי דער לבנה. ביי סאשקאן האָט זיך אבגעריסען איהר שטימע און די ברעמען זיינען איהר צונויפגעפראָרען פון טרעהרען.

— נו, ניט בלויז צעהן קאָפּיקעס... גיטינקער קאַוואַ־ער. וואס פאר א ווערטה האָט דאָס ביי אייך..

און פּלוצלונג איז איהר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען א לעצטער פערצווייפעלטער געדאנק:

— איך ווע— אייך טהאָן, וואס איהר ווי־ט... ביי גאָט איך ווע— אייך ווייזען אזא קונץ... ביי גאָט... איך בין א גרויסע שטיפערקע!... איהר ווי־ט ווע־ איך אויפהייבען דאָס קלייד און זעצען זיך אויפ'ן שנעע... גאנצע פינף מינוט ווע־ איך זיצען, אָט וועט איהר זעהען... ביי גאָט!... פאר איינע צעהן קאָפּיקעס... אוי, וועט איהר־אכען, קאַ־וואַ־ער...

דער דורכגעהער האָט זיך אָבגעשטעלט. זיינע גלעזערנע אויגען האָבען אויפגעבליצט מיט עפּעס א המצאה און ער האָט זיך צולאכט מיט א מאָדנעם קורצען געלעכטער. סאשקע איז געשטאנען אנטקע־גען איהם, און טאנצענדיג פאר קעלט האָט זי זיך אויך געסטארעט צו לאכען, קוקענדיג אין דער זעלבער צייט אויף זיין געזיכט און אויף זיינע הענד.

— ווילסט, אנשטאָט צעהן קאָפּיקעס בעקומען א גאנצע פינף רובעלדיקע? — האָט דער דורכגעהער זי געפרעגט און האָט זיך ארומגעקוקט.

סאשקע האָט זיך געטרייסעלט פאר קעלט, זי האָט ניט געגלייבט און געשוויגען.

— דו... טהו זיך אויס איננאנצען נאקעט און שטעה, איך וועל דיר געבען צעהן קלעפּ... צו האלבען רובעל פאר א קלאַפּ, ווילסטו?...

ער האָט געלאכט און זיין געלעכטער איז ארויסגעקומען ציטעריג, פערשטיקט און העסליך.

— ס'איז קאַלט... — האָט טרויעריג געזאָגט סאשקע און א

ציטער פון פערוואונדערונג, שרעק, הונגער און אונצופרידענהייט האט שוי־דערליך און נערוועז געטרייסעלט איהר קערפער.

— נו מאלע וואס... דערפאר גיב איך דאך א פינפערל, ווייל ס'איז קאלט!...

— איהר וועט זעהר שטארק שלאגען... — האט פייגליך ארויס־געמורמעלט סאשקע ניט קענענדיג זיך בעשליסען אויף דעם.

— נו, איז וואס, אז שטארק... דו האלט אויס, וועסט בעקומען א פינף רובעלדיגע!

דער דורכגעהער האט גענומען געהן ווייטער. דער שנעע האט זיך געהערט סקריפען.

סאשקאן האט אלץ שטארקער און שטארקער געטרייסעלט און אינערליכער שוידער.

ניט בעסער אזוי... חאטש פינף קאפיקעס... דער דורכגעהער איז אוועקגעגאנגען.

סאשקע האט איהם געוואלט אנחאפען פאר'ן האנד, נאר ער האט זיך אויף איהר פערמאסטען מיט אזא אונערווארטעטע, שרעק־ליכע שנאה, א בליץ טהוענדיג מיט זיינע ארויסגעקראכענע ווילדע אויגען, אז זי איז צוריקגעשפרונגען.

דער דורכגעהער איז שוין אבגעגאנגען עטליכע טריט.

— קאווא־ער, קאווא־ער!... נו גוט... קאווא־ער! — האט עלענד און טרויעריג סאשקע אויסגעשריען.

דער דורכגעהער האט זיך אבגעשטעלט און האט זיך אומגע־קעהרט. די אויגען האבען איהם געבלישצעט און זיין געזיכט איז אזוי ווי שווארץ געווארען.

— נו, — האט ער מיט א חריפ ארויסגערעדט פון צווישען די ציין.

סאשקע איז געשטאנען אביסעל ניט בעגרייפענדיג איהם, דער־נאך האט זי מיט א טעמפען שמייכעל גענומען פאנאנדערשפילען איהר בלוזע מיט פערפרארענע, אזוי ווי פרעמדע פינגער, און זי האט, אליין ניט וויסענדיג פארוואס, ניט געקענט אוועקנעהמען די אויגען פון זיין זאנדערבארען, שרעקליכען געזיכט מיט גלעזערנע טויטע אויגען.

נו דו... מאך דאס אביסעל שנעלער, א ניט וועט נאך עמיצער פערבייגעהן! — האט געבורטשעט דער דורכגעהער.

א שרעקליכע קעלט האָט דער נאַקעטער סאַשקען אַרומגענומען פון אַלע זייטען. עס האָט איהר פערכאַפּט דער אָטהעם. אַזוי ווי אַ געברענטער אייזען האָט זיך מיט אַמאָל צוגעקלעפּט צו איהר גאַנצען קערפּער און, האָט דאַכט זיך, גענומען רייסען איהר גאַנצע אייז־גע־פראָרענע הויט.

— שלאָגט גיכער... האָט געמורמעלט סאַשקע, אַליין אומקעהרענדיג זיך צו איהם מיט'ן פּלייצע און טרייסלענדיג מיט די ציין.

זי איז געשטאַנען איינגאַנצען נאַקעט און אויסערגעוועהנליך פרעמד איז געוועזן דער קליינער, נאַקעטער קערפּער אויפ'ן שנעע אין מיטען לבנה'דיגען, פראָסטיגען פעלד ביי נאַכט.

נו... — האָט ער שטיקענדיג זיך פון עפּעס אַ שרעקליכען געפיהל, גראָב אַרויסגערעדט: — זעה.. .וועסטו אויסהאַלטען — בעקומסטו פינף רובעל, וועסטו ניט אויסהאַלטען, אָדער דו וועסט שרייען, דאַן— געה צום טייוועל...

— גו־ו־ט... — שלאָגט שוין, האָבען קוים אָפּגעקלאַפּט איהרע ליפּען וואָס האָבען געשפּרונגען פאַר קעלט. און איהר גאַנצער קערפער האָט זיך געטרייסעלט אַזוי ווי אין אַ קדחת.

דער דורכגעהער איז אָפּגעגאַנגען פון דער זייט און פּלוצלינג, אויפהויבענדיג אַ דינעם שטעקען, האָט ער מיט'ן גאַנצען כוח מיט אַזאַ מאָרנעם טעמפּען קלאַנג אַ קלאַפּ געטהאָן סאַשקען איבער'ן מאָגערען, איינגעשרומפּטען הינטען.

אַ שרעקליך שניידענדער וועהטאָג האָט דורכגענומען איהר גאַנצען קערפּער ביז צום מאַרך און, ס'האָט איהר געדאַכט, אַז דער גאַנצער פעלד, די לבנה, דער דורכגעהער, דער הימעל, די גאַנצע וועלט— אַלעס האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איין פינסטערן פיהלען דעם מאויס'דיג שניידענדען וועהטאָג.

— אַב... — האָט זיך אַרויסגעריסען פון סאַשקעס ליפּען אַ קורצער, אַזוי ווי דערשראָקענער הילך און סאַשקע איז אָפּגעלאָפען אַ פּאָר טריט, אָנכאַפּענדיג מיט ביידע הענד פאַר דעם געשלאָגענעם אָרט.

— די הענד, די הענד לאָז אַראָפּ! — האָט ער פערשטיקט אַ געשריי געטהאָן, שנעל דעריאָגענדיג זי.

סאַשקע האָט טרייסלענדיג צוזאַמענגעדריקט איהרע עלענבויגענס, אַוועקגענומען די הענד, און אַ צווייטער קלאַפּ האָט זי אויך

געגבליקליך א ברען געטהאָן מיט'ן זעלבען אונטערטרעגליכען וועה־טאָג. זי האָט א געשריי געטהאָן און איז געפאלען אויף אלע פיער. און ווען זי איז שוין געלעגען, האָט זיך מיט א שרעקליכער שנעלקייט געשאטען אויף איהר נאקעטען קערפער אייגער נאָכ'ן אנדערען פייער־שניידענדע קלעפּ, און בייסענדיג דעם שנעע, כמעט פערליערענדיג איהר בעוואוסטזיין האָט די ווילד־געוואָרענע סאשקע געפּויזעט מיט'ן נאקעטען בויך אויפ'ן שנעע.

— ניין! — האָט אבגעצעהלט א פערשפּארטע צונויפגעדריקטע שטימע און א בליץ האָט א ברען געטהאָן דעם נאקעטען קערפּער מיט עפּעס א נייעם נאשען קלאנג. עפּעס האָט אזוי ווי א סקריפּ געטהאָן, אזוי ווי א פערפראָרענער קרויטקעפּיל, און ס'האָט א שפּריץ געטהאָן אויפ'ן שנעע.

סאשקע קארטשענדיג זיך אזוי ווי א שלאנג, האָט זיך איבערגע־קעהרט אויפ'ן רוקען, פערשמירענדיג מיט בלוט דעם שנעע און איהר איינגעפאלענער בויך האָט דונקעל געגלאנצט ביי דער לבנה מיט זיי־נע שארפע, ביינערדיגע ריפּען.

און אין דער זעלבער מינוט האָט עפּעס א אונגלויבליך שארפער אייזען דורכגעשניטען איהר לינקע, טעמפּ־אויפגעהויבענע ברוסט.

— צעהן! — האָט ערגעץ זעהר ווייט ווער עס איז א געשריי געטהאָן און סאשקע האָט פערלאָרען איהרע געדאנקען.

— נאָר זי האָט זיך גלייך אויפגעחאפּט.

— נו שטעה אויף, שטיק פגר... בעקום דאָס דייניגע... — האָט חריפּענדיג איבער איהר געגערדט א טרייסלענדע פערחליפּעטע שטי־מע.— ווען ניט וועל איך אוועקגעהן... נו?

די לבנה האָט געשיינט הויך און ליבטיג. בלאָה האָט אויסגע־זעהן דער שנעע און פוסט האָט געשווינען דאָס פעלד. סאשקע א נא־קעטע, נאָר ניט עהנליך צו א מענשען, פאלענדיג און אנחאפּענדיג זיך פאר דער ערד מיט טרייסלענדע הענד, האָט זי זיך אויפגעהייבען אויפ'ן מיטען וועג און איבער איהר, ביים לבנה, ווייסען קערפּער. האָבען שנעל אראָפּגעפּויזעט שווארצע, דינע שלענגעלאָך. זי האָט שוין ניט געפיהלט קיין קעלט, נאָר עפּעס א מאָדנע שוואכקייט, און איבעלקייט א ליידענדען ציטער און א ברעכעניש אין איהר גאנצען קערפּער, דורכגעשניטען דעם צוקלאפּטען נאשען ארט, האָט זיך סאשקע דערקליבען צו איהרע קליידער און האָט זיך לאנג אנגעטהאָן

אין די פערפראַרענע שמאטעס, שטיל פאַרקענדיג זיך אין דעם לבנה בעלויכטענעם פוסטען פעלד.

ערשט ווען זי האָט זיך אָנגעטהאָן, און דער שווארצער שאטען פון דעם דורכגעהער איז ווייט פערשוואונדען אין דעם לייכטען לבנה נעבעל, האָט זי פאנאנדער געעפענט איהר האנד און א קוק געטהאָן. א גלינקע גאָלדענע מטבע האט ווי א פונק א בלאנק געטהאָן אויף איהר פערבלוטיגטער שווארצער האנד.

פינף! — האָט סאשקע געטראכט און א געפיהל פון אונגעהויער גרויסע, ערלייכטערענדע שמחה האט זי פלוצלינג ארומגענומען. שטארק דריקענדיג דעם גאלדשטיק אין האנד, האָט זי זיך לויפענדיג אויף איהרע טרייסלענדע פיס געלאזען אין שטאָדט. איהר קלייד האָט זיך פון הינטען געקלעפּט צו עפּעס נאשעס און האָט געריבען דעם ברענענדען וועהטאג; נאר סאשקע האט אויף דעם ניט געקוקט; און איהר גאנצעס וועזען איז געווען אָנגעפיהלט מיט א ליכטיג און פרעהליך געפיהל פון גליק—עסען, ווארעמקייט, רוהע, בראנפען!...

ווענען דעם, וואס מען האט זי ערשט אזוי שרעקליך און שענדליך געשלאָגען, האָט סאשקע ניט געקלערט.

— ס'איז נאך בעסער... ניט קאלט! — האָט זי פרעהליך בעמערקט צו זיך אליין און האָט זיך פערקעהרט אין א געסיל, וואו עס האָבען איהר גלייך א שיין געטהאָן די פרעהליכע פייערן פון א נאכטשענק.

ע נ ד ע.

מ. ארציבאשעוו

די
פערגוואלטיגטע

נאוועלע

איבערזעצט פון
שלמה ערעלהייט.

ערשטעס קאפיטעל.

אויפ'ן גאניקעל פון וואנאן איז זי געשטאנען פאכענדיג אין דער לופטען מיט א טיכעל, וועלכע זי האט קאקעטיש אויפגעהויבען הויך איבער'ן קאפ. דערביי האט זי אליין געקליעבען נחת פון איהר גראציעז־אויסגעבויגענער, דינער, איידעלער הענטעל, אויף וועלכער ס'איז געוועזן שטייף ארויפגעצויגען א שווארצע האנדשוה.

דער צוג איז געלאפען אלץ שנעלער און שנעלער און ס'האבען זיך פערביינגעטראגען אזוי ווי מיט א שנעלקייט פון א ווינט סלופעס, ווייסע פארטוכער פון טרעגער, פעק סחורה, אונבעקאנטע געזיכטער פון מענשען, וואס האבען מיט זייערע בליקען בעגלייט דעם אבגעהענדען צוג און עפעס אויף א מאדנעם אופן געהויבען די פיס און, דוכט זיך, געטראגען אלץ אויפ'ן זעלבען ארט; דערנאך איז פארביינגעפלוינען די ביידעל פון דעם באהן־וועכטער; דער צוג האט זיך שטארק א שאקעל געטהאן און איז מיט א שטארקער קלאפעריי ארויף אויף דעם לאנגען גלייכען וועג.

אלגא ניקאלאיעוונא האט זיך פעסט צוגעהאלטען מיט איהר קליינער אבער שטארקער הענטעל אין דעם קאלטען אייזערנעם סלופ פון דער פלאטפארם, זיך אריבערגעבויגען און ארויסגעשטעקט די קאפ ווי ווייט מעגליך, אום נאך אמאל צו כאפען א קוק אויף דעם בעלויכטענעם וואקזאל און אויף די קליינעטקע מענשעלעך, וואס זיינען זיך, איילענדיג, פערנאנדערגעגאנגען אין אלע זייטען. זייערע פנים'ער איז שוין געוועזן אונמעגליך צו דערקענען, און אלגא'ן האט שוין מסתמא אויך קיינער ניט געזעהען; פונדעסטוועגען האט זי נאך אמאל א פאך געטהאן מיט'ן טיכעל.

דער אבשיין פון דער גרויסער שטאדט, פון די מיליאנען געהיימניספול־פינקלענדע פייערלעך, האט זיך פערשפרייט און בעלויכטען דעם ברעג הימעל הינטער דעם צוג; און פון אנטקעגען האט געוועהט מיט קעלט און גראמקייט פון די גרויסע, לאנגע אונענדליכע פעלדער,

וועלכע האָבען אלץ טיעפער אריינגעצוויגען דעם שנעל־לויפענדען צוג אין זייער סודות׳דיגע, טונקעלע ווייטקייט.

זי איז אוועקגעפאָהרען...

אויף א ווײלע אז איהר איז געוואָרען אומעטיג... עפּעס א שאָד... ס׳האָט זיך איהר פערוואָלט צוריק; ביי׳ם הארצען האָט גענומען נאָגען, זי האָט זיך דערפיהלט איינזאם... עפּעס אזוי ווי דאָ, צווישען די גרענצלאָזע פעלדער, וואלט זי, די קליינע לייכטזיניגע פּרויענצימער, צום ערשטען מאָל בעגריפען ווי אונענדליך ברייט די וועלט איז און ווי ס׳איז לייכט צו פערלירען זיך, פערבלאָנדזשען.

אזוי לאנג ווי דער פרעהליכער טומעל ביי׳ם בעגלייטען איהר האָט אנגעהאלטען, מ׳האָט ארומגעטאנצט ארום איהר מיט בלומען, שאמפּאניער, שפּאסיגע בעגריסונגען און קאָמפּלימענטען, האָט אלגא ניקאָלאיעוונא זיך גאָר אין גאנצען פערגעסען אַז איהר מאַן. ווען ניט ווען פלעגט זי זיך אומקוקען אין זיין זייט מיט א ווייכען, אויפמונטערדיגען שמייכעל; אָבער זיין בליק איז יעדעס מאָל געווען א פערטרויערטער, א שעמעוודיגער און טרייער ווי דער בליק פון א גרויסען הונד. ס׳איז איהר געוועזן העכסט אנגענעהם, וואס ער, אזא גרויסער, שטארקער און קלוגער מענש, איז אזוי טריי און געהאָרכזאם איבערגעגעבען איהר, דער קליינינקער פרעהליכער ווייבעלע. זי האָט אפילו אביסעל געפיהלט שולדיג, וואס זי איז אין אזא טאָג, דעם לעצטען טאָג פאר׳ן אוועקפאָהרען, ניט פערבליבען אליין מיט איהר מאַן און ער האָט גאָר געמוזט זיך ארומדרעהען צווישען דעם טומעלדיגען עולם פון אונאינטערעסאנטע, זאגאר אונאנגענעהמע מענשען.

צו דער זעלבער צייט אבער האָט איהר פערדראָסען דער שעהנער אינזשעניער פּאוולאָצקי, מיט וועמען זי האָט זיך נאָר וואָס בעקענט און גענומען קאָקעטירען מיט איהם, ער וואלט דאָך זיכער געפאָהרען איהר בעגלייטען, ווען זי וואלט געוועזן פריי; און דאָס וואלט דאָך געווען זעהר אינטערעסאנט און פרעהליך. די לעצטע צייט איז איהר אלץ אָפט ארויף אויפ׳ן זינען דער געדאנק, אז זי האָט זיך ניט בעדארפט פערליערען אין איהר מאַן, ניט בעדאַרפט זיך פארבינדען מיט אזא שווערען געפיהל פון הייראטה, וועלכער שטעהט איהר שטענדיג אין וועג און נעהמט ביי איהר צו די: פרייהייט.

איצט אָבער זיינען פּלוצלונג אלע געזיכטער פערשוואונדען געוואָרען: אין דער פינסטערניש אויפ׳ן גאניקעל פון וואגאָן איז ארויס־

געטרעטען בלויז איין געזיכט — איהר מאן'ס — א פערטרויערטער, א ליעבער, א נאהענטער, א בעטענדער. און פלוצלונג האט די קליי־נינקע, לוסטיגע פרויענצימער דערפיהלט מיט'ן גאנצען הארצען, אז איהר מאן איז איהר טהייער און נאהענט. אלעס איז איהר מיט אמאל מיאוס געווארען. ס'האט זיך איהר פערוואלט צוריק אהיים; זי האט געפיהלט ווי צו איהר הארצען האט אנגעפאנגען שטראמען א ווארימע, טיעפע כוואליע פון ליעבע און צערטליכקייט. זי האט זיך שיער ניט פערנאנדערגעוויינט.

צו וועלכע רוחות דארף זי האבען די פרייהייט? ווענען פרייהייט פלעגט זי געוועהנליך חלום'ן, ווען עס פלעגט איהר דערעסען דער וואַ־כעדיגער שטילער לעבען און דער ערנסטער געפיהל פון פערהייראטען לעבען. צו וואס דארף זי די פרייהייט? צום טייוועל זאלען געהן די ביהנע, די שטורמדיגע אפלאדיסמענטען, דער שטויב פון דער פאר־האנג, די פערקאכטע פערעהרער און דער רעש'דיגער ערפאלג!... מען דארף זיך פון אלעס ענטזאגען, ארומנעהמען מיט צערטליכקייט זיין ליעבען קלוגען קאפ, קושען זיינע פריינדליכע גוטע אויגען, צודריקען זיך היים צו זיין ברוסט און קיינמאל, קיין מאל מעהר אין ערגעץ ניט פאהרען.

אלגא ניקאלאיעווגא האט גוט געוואוסט אז דאס וועט קיינמאל ניט פאסירען, אז זי וועט זיך קיינמאל ניט בעשליסען צו לעבען אהן דער ביהנע, אהן דעם טומעל און גלאנץ, אהן די אויפרעגונגען פון נייע ראלען, אונערוווארטעטע בעגעגנישען און בעקאנטשאפטען... פונ־דעסטוועגען איז איהר געווארען טרויעריג אויפ'ן הארצען און ס'האט זיך איהר אויף אן אמת פערוואלט וויינען.

צו דערזעלבער צייט איז איהר פלוצלונג אויסגעקומען, אז דאס איז אלעס גאנץ שעהן און אינטערעסאנט„ זי, א יונגינקע, שעהנינקע ווייבעלע, וועלכע קוקט אויס אזוי פראכטפאל אין דעם ברייטען מאד־נעם מאנטעל אין דער שווארצער, ערטערווייז טונקעל־גרינער, היטע־לע, וואס זי טראגט, שטעהט גאר איינע אליין אין דער פינסטער אויפ'ן גאניקעל פון א צוג, וואס לויפט שנעל ווי א טייוועל ערגעץ אין דער אונבעקאנטער ווייטקייט, און גיסט טרעהרען פון ליעבע און צערטליכקייט צו איהר מאן.

אלגא ניקאלאיעווגא האט זיך מיט א שעהנער מינע אויף א רגע צוגעדריקט צום קאלטען אייזערנעם סלופ פון וואגאן, האט א זיפץ

געטהאַן און איז לאנגזאם אריין אינעווייניג אין וואגאַן. פון ביידע זייטען צו האבען איצט פערביינגעשווינדעלט בלויז שווארצע, צושוויבערטע, אומגעלומפערטע שאַטענס פון עפעס טונקעלע בוימער; און די פעל־ער זייען פון דערווייטענס פערזונקען אין א טיעפען שווארצען תהום. א קעלט און אן אומעט האַט איהר פערכאפט ביים הארצען.

אין דעם בעקוועמען, העל־בעלויכטענעם אבגעזונדערטען טהייל פון אן ערשטע־קלאסס וואגאַן איז געזעסען בלויז איין פאַסאַזשיר. דער וואגאַן איז געוועזן אן אלגעמיינער פאר מענער און פאר פרויען. זי האַט איהם מיט א כיון אויסגעקליעבען, ווייל זי האַט פיינט געהאַט די פרויען־אבטהיילונגען, וואו די דיקע, ברייטע דאמען צושפרייטען זיך ביי נאכט מיט זייערע פעטע צוקראַכענע קערפערס. דעם פאַסאַזשיר האַט זי שוין פריהער בעמערקט, ווען זי איז אריין מיט איהר מאַן און פאַוואלאַצקי'ן א קוק טהאַן, ווי דער טרעגער האַט אוועקגעלעגט איהרע זאכען.

דער פאַסאַזשיר איז געוועזן א יונגינקער, א רייניגקער, שוין א צו־ציכטיגער סטודענט אין א לאנגען שעהנעם אויבערראק, וועלכער איז אויף איהם געלעגען ווי אויסגעגאַסען. האָאַר האַט ער געהאַט העלע; די וואַנצען פערפוצט און פערדרעהט ארויף־צו; די געזיכטסציגע זעהר איידעל; די הויט אויפ'ן פנים אויסערגעוועהנליך פריש און זאַגאר צאַרט.

פאר אַלגאַ ניקאַלאיעווגע האַט ער אויסגעזעהן צו זיין זעהר יונג, אינטערעסאנט און נאַאיוו. שוין פריהער, דערזעהענדיג איהם דעם ערשטען מאַל, בשעת זי איז אריינגעקומען מיט איהר מאַן און מיט זייער פריינד, שוין פריהער איז איהר דורכגעפלויגען א געדאנק אין איהר מח, אז זי וועט האַבען אויפ'ן וועג מיט וועמען א שטיף צו טהאַן. אזעלכע לייכטע, פערביינעהענדע שטיפערייען, ניט־געפעהרליבע פערטשעפענישען האַט זי אימער געגליכען: זיי פערבינדען איהר ניט מיט קיינע פליכטען; קיין ערנסטע זאַך קומט פון זיי ניט ארויס, אַבער א צייט־פערטרייב איז דאַס א גוטער; די רייזע לופט פארביי אומבעמערקט, פרעהליך.

דער הויפט־פערגעניגען איינער פון דיעזע בענעגנישען איז בעשטאַנען אין דעם געדאנק און דעם רייצענדען געדאנק אז קיינער וועט קיין מאַל פון דעם זיך ניט דערוויסען, ווי ס'ווענדעט זיך אַן איהר

אליין ווי ווייט אנצופיהרען די דאזיגע קליינע אינטריגען. ערלויבען „איהם" אלעס. אליין אויך דורכפיהלען אלעס, און דערנאך פער־שוואונדען ווערען אויף שטענדיג. אייגענטליך איז זי קיינמאל אין איהר שטיפעריי ווייט ניט געגאנגען; זי האט אבער שטענדיג געהאט א שטארקע הנאה די מענער אויפצורייצען צו אזא צושטאנד, אז זיי זאלען ווערען ווי חיות; זיי זאלען זיך אינגאנצען פערליערען און זא־לען זיין גרייט צו טהאן אלעס אין דער וועלט; זיי מאטע־רען זיך דאן פון א ברענענדען בענעהר, וועלכען זיי וואגען ניט ארויס־צוזאגען מיט ווערטער.

ווען זי פלעגט די מענער אריינברייננען אין אזא צושטאנד פלע־גען זיי איהר אויסקוקען זעהר לעבערליך, אבער אינטערעסאנט; און ביי איהר אליין פלעגט צו דערזעלבער צייט עפעס אנגענעהם שווינד־לען אין קאפ פון פארבארגענע אנגענעהמע, ווילדע געדאנקען. עס איז איהר געווען אויפרעגענד־זיס צו טראכטען וועגען דעם, אריינצוקוקען אין דער טיעפקייט פון אזאלכע מאדנע געפיהלען און געדאנקען, פונקט ווי א פרייער פויגעל, וואס גיט זיך א טונק אין ים בלויז מיט'ן ברוסט און הויבט זיך גלייך נאכדעם אין דער לופטען און לאזט זיך ערגעץ אוועקפליהען צו דעם ברייטען שטראהלענדיגען בלאהען הימעל.

צווייטעס קאפיטעל.

דער סטודענט האט פון דער אונערווארטעטער נאהנטקייט מיט אזא יונגינקער פראכטפאלער פרויענצימער, זיך אביסעל פערשעהמט; פון די געשפרעכען פון די צוויי מענער וואס האבען איהר בעגלייט און פון זייערע צר־ווינשונגען ביי'ם זעגענען זיך מיט איהר האט ער מסתמא שוין געוואוסט, אז זי איז אן אקטריסע; אלזא, ווי ס'האט זיך איהר אויסגעוויזען, איז ער פון איהר נאהענטקייט איצט געווען אויפגערעגט. ער האט זיך געפיהלט אנגעשטרענגט, אונבעקוועם: די פיס האט ער געהאלטען אונטערגערוקט אונטער'ן באנק; מיט די פינ־גער האט ער געגלעט און געצופט די בלעטער פון דעם בוך, וואס איז געלעגען ביי איהם אויף די קניע; די באקען האבען ביי איהם גע־ברענט: א לייכטע רויטקייט האט זיי בעגאסען. ווען זי האט זיך אויס־

געטהאָן האָט ער מיט אלע כחות זיך איינגעהאלטען ניט צו קוקען אויף איהר. זי האָט הויך אויפגעהויבען איהרע הענט, ארויסגעצויגען די לאנגע שפילקעס, ארונטערגענומען דעם גרויסען הוט, אויפגעהאנגען דעם מאנטעל און אביסעל צוגעקליעבען ארום זיך. ווען זי האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט זיך אביסעל פעריכט איהרע האָאר, האָט זיך ארומגעקוקט, א דרעה געטהאָן זיך אהין, אהער, אזוי ווי א קאץ, וואָס דרעהט זיך איין ווען זי ליעגט אקעגען דער זון, דערנאָך האָט זי פון איהר רייזע־טאַש ארויסגענומען א בוך.

מיט דער זעלבער איינגעשפּארטער אָנגעשטרענגטער מינע, איז דער סטודענט געזעסען אויף זיין פּלאַץ און האָט אלץ געקוקט אין דער שווארצער פענסטער, אין וועלכער מען האָט, דאכט זיך, קיין שום זאך ניט געקענט זעהן.

אָלגא ניקאָלאיעוונא האָט זיך געמאכט, אז זי לעזט כלומרשט אויפמערקזאם און האָט איהם נאָכגעשפּירט. ס'איז איהר אויסגעקומען לעכערליך, וואס ער האָט פאר איהר מורא. ס'האָט זיך איהר געוואָלט נעהמען פּלוצלונג ארויסשטעלען איהם א שטיקעל צונג, צופּאלטען איהם די האָאר אויף'ן קאָפּ, ארויפלעגען די פיס אויף זיינע קניע,— איהם עפּעס אָבטהאָן, וואס זאל איהם דערשרעקען און ער זאל זיך אין גאנצען פערליערען. דער דאָזינער פערלאנג איז איהר געווען אזוי אנגענעהם, אז אלע איהרע אומעטיגע געדאנקען זיינען מיט אמאל ער־געץ פערשוואונדען געוואָרען, און ס'איז איהר געוואָרען פרעהליך און לייכט אויף'ן הארצען. זי האָט שיער ניט א געשריי געטהאָן צו איהם:

— נו, גענוג שוין אייך צו פארשטעלען זיך!... איך ווייס דאָך גאנץ גוט, אז איהר ווילט שטארק מיט מיר באקענט ווערען און א שטיף טהאָן אביסעל מיט מיר!... זייט איהר דען אזא פייגלינג, אז איך וועל עס אליין מוזען אָנפאנגען?...

אָבער אנשטאט דאָס צו זאָגען, האָט זי זיך נאָר צוזאמענגענורעט און האָט מיט'ן ברעג קלייד אריבערגעדעקט זיך די פיס, וועלכע האָבען זיך ניט ווילענדיג ארויסגעשטעקט און דערביי בעוויזען איהרע דורכ־זיכטיג־דינינקע זאָקען און גלאנצינגע שיכעלעך.

מיט א ערנסטער מינע האָט זי איבערגעמישט א בלאט אין בוך.

עס איז אריבער א שטיק צייט. דער צוג האָט האסטיג געקלאפּט און גערוישט, אלץ מיט דעם זעלבען טאָן, אזוי ווי ער וואלט וועלען

קירצער מאכען די אומעדיגע לאנגווייליגע רייזע. אין קארידאר האבען אומגעשפאצירט די קאנדוקטארען און פאסאזשירען; פון ערגעץ האט זיך געפיהלט א ריח פון א גוטען ציגאר; און אהינטערען פענסטער, עפעס אזוי ווי אלץ אויפ'ן זעלבען ארט, האט זיך בעוואויגען די שווארצע פינסטערניש. אין וואגאן האט זיך אלעס געטרייסעלט, גע־ציטערט... און עפעס האט די גאנצע צייט מעלאדיש ׳צוגעקלונגען צום טאקט דאס קלאפענדיגע רוישען פון די שווערע רעדער, וועלכע האבען זיך געקייקעלט מיט א מאדנע שנעלקייט אונטער'ן וואגאן.

מיט די פיס אונטער זיך איז דער סטודענט געזעסען אזוי ווי פריהער, און אלץ געקוקט אין דעם דונקעלען פענסטער. ס'איז קענטיג געוועזן, אז ער איז נאך צו־יונג און אונערפאהרען, אז איהם וועט אפילו נישט איינפאלען אנצופאנגען ריידען מיט אן אונבעקאנטער פרויען־צימער.

אלגא ניקאלאיעווונא'ן איז ענדליך געווארען אומעטיג. דער בוך האט איהר גאר ניט אינטערעסירט. עס איז מיט איהר אימער געוועזן אזוי; ווען זי האט זיך געפונען אין דער אנוועזענהייט פון א מאנס־ביל, וועלכער איז איהר אביסעל געפעהלען געווארען, פלעגט זי שוין קיין זאך ניט קענען טהאן. טראכטען וועגען דעם קומענדען טהעא־טער סיזאן האט זיך איהר ניט געוואלט; דערמאנענדיג זיך וועגען מאן איז איהר געווארען זעהר אומעטיג און זי האט זיך געשעהמט.

ענדליך האט זי ארונטערגעלאזען דעם בוך אויף די קניע און האט אויפגעהויבען דאס קליינע גילדערנע זייגעריל, וואס איז געהאנ־גען אויף איהר קליינער, בייגיגער, עטוואס אויסגעשטרעקטער ברוסט. ס'איז שוין געוועזן ארום צוועלף אזייגער.

— ווייסט איהר ניט, ווען מיר וועלען אנקומען אין קורסק? — האט זי א פרעג געטהאן מיט א געמאכטער צוריקגעהאלטענער מינע, ניט קוקענדיג אויף איהם.

דער סטודענט האט א ציטער געטהאן, האט זיך שנעל אומגע־דרעהט און איז אביסעל רויט געווארען. איצט צום ערשטען מאל האט זי בעמערקט אז אין זיין איידעלען שעהנעם געזיכט איז פאראן עט־וואס אונאנגענעהמעס, דאס האט אבער געדויערט בלויז אן אויגענ־בליק; זי האט עס גלייך פערגעסען. העפליך און מיט א פערטיגער איידעלקייט האט ער גלייך געענטפערט:

— דאכט זיך, דריי אזייגער.

— פאהרט איהר ווייט? — האט זי ווידער א פרעג געטהאן און האט אויף איהם אנגעשטעלט איהרע שווארצע, גלאנצענדיגע, שעלמישע אויגען.

דער סטודענט איז וויעדער רויט געווארען, אבער ער האט מיט דער זעלבער העפליכקייט און איידעלקייט געענטפערט:

— קיין כארקאוו.

צווישען זיי האט זיך אלזא אנגעפאנגען א געשפרעך. ס'איז גלייך געווארען פרעהליך. די יונגינקע, פראכטפאלע פרויענצימער האט זיך אריינגערוקט אין א ווינקעל און האט שעלמיש צוגעשמייכעלט; איהרע ראזע ליפען האבען לייכט געציטערט, אזוי ווי זי וואלט וועלען זאגען:

— איך ווייס, וואס ווייטער וועט זיין, אבער איך וועל ניט ארויסווייזען, אז איך ווייס... זאל איך ערשט זעהן, וואס פאר א פוי־געל איהר זייט!...

דער סטודענט איז געזעסען עטוואס איינגעבויגען און האט אויף אלץ געענטפערט לייכט, שנעל און פינקטליך; אבער אלע ווײלע פלעגט זיך זיין געזיכט בעדעקען מיט א יוגענדליכען פארב פון אויפ־גערעגטקייט און שעמעוודיגקייט, ווי ס'פאסירט געוועהנליך מיט יונ־גע מענער — נאך זעהר יונגע, נאך ניט קיין פארדארבענע מענער, מיט הייסע הערצער, — ווען זיי ריידען מיט אן אונבעקאנטער שעה־נער פרוי.

אנפאנגס האבען זיי געשמועסט וועגען מאסקווע, וועגען טהע־אטער, אביסעל וועגען ליטעראטור — אלץ בכובד'ע נארישקייטען. פערבראכט האבען זיי פריי, לייכט, אזוי ווי זיי וואלטען געזעסען אין א זאאל צווישען אן עולם מענשען און ניט בלויז זאלבע־נאנד אין א וואגאן. ס'האט זיך געפיהלט צווישען זיי א פרעהליכקייט, א לייכט־קייט, ווי עס פיהלט זיך בלויז צווישען א יונגער שטיפערישער פרוי־ענצימער, וועלכע פאדערט אז מ'זאל זיך פערליעבען אין איהר, און א ריין־הארציגען אונשולדיגען יונגען־מאן, וועלכער איז גרייט צו פער־ליעבען זיך ערנסט און מיטען נאנצען הארצען אין יעדער שעהנעם פרויען פנים.

אין דער צייט פון זייער געשפרעך האט זי בעמערקט, אז ער מאַ־טערט זיך מיט אלע כחות צו קוקען איהר בלויז אין געזיכט אריין, אז ער מיידט אויס אנצוריהרען מיט זיין בליק איהר ברוסט, וועלכע איז

געווען אזוי חן'עוודיג רייצענד אויסגעשטרעקט און האט בולט ארויס־געסטארטשעט אונטער איהר ווייכער טונקעלער בלוזקע; אין אל־געמיין האט ער זיך געסטארעט ניט צו בעמערקען איהר פראכטפא־לען קערפער, וועלכער איז געלעגען גראציעז אויסגעבויגען אויפ'ן שמאלען קליינעם דיוואן. דאס האט איהר הנאה געטהאן; און זי האט דעריבער אלע ווייל, גאר אהן שום אורזאכע, אריבערגערעקט זיך די פיס, וועלכע האבען זיך ארויסגערוקט פון אונטער'ן קלייד; עטליכע מאל האט זי צוגעלעגט איהר קליינע צארטע הענטעל צו דער קייל־ריגער, פוכקער קליינער ברוסט, פונקט ווי איהר וואלט עטוואס וועה געטהאן אין הארצען.

דער געשפרעך וועגען מאסקווע איז זיי באלד דערעסען געווארען; און ניט ווילענדיג, ווי עס פאסירט דאס רוב צווישען יונגע מענשען, האט זיי גענומען ריידען וועגען ליעבע.

— זייט איהר אמאל געווען פערליעבט? — האט אלגא ניקא־לאיעוונא געפרעגט און איהרע שווארצע שעלמישע אויגען האבען דערביי אויפגעבליצט; און ס'איז געווען צו מערקען אין זיי, אזוי ווי זיי זאלען זאגען: אויב אפילו דו ביזט ניט געווען, וועסטו איצט זיין; און אויב דו ביזט יא געווען, איז עס שוין זיכער ניט געווען אזוי, ווי דו וועסט איצט זיין פערליעבט אין מיר, דו נארישער איגגעל, דו...

— איך?... יא... ניין... — האט ער א פערשעהמטער געשטא־מעלט.

אלגא ניקאלאיעוונא האט איצט צום צווייטען מאל דערפיהלט, אז אונטער דער מאסקע פון זיין פארשעמטקייט ליגט פארבארגען עפעס אונאנגענעהמעס.

— און ווי אלט זייט איהר? — האט זי ווייטער געפרעגט.

— איך בין זיעבען און צוואנציג יאהר...

— טאקע? — האט זי זיך אמת'דיג פערוואונדערט; זי האט זאגאר אויפגעהויבען די ברעמען אויף איהר ווייסען גלאטען שטערען— און איך האב געדענקט, אז איהר זייט פיעל אינגער...

—יא, פיעלע מיינען, אז איך בין ניט עלטער פון צוויי־דריי און צוואנציג יאהר... איך בין אבער א סך עלטער.

— זייט איהר קיינמאל ניט געווען פערליעבט?... דאס קען נים זיין! — האט זי ווייטער געזאגט.

— ס'איז אבער פּאַרט אזוי — האָט ער געענטפערט מיט א זאָנ־דערבארען שמייכעל.

אָלגא ניקאָלאיעוונא האָט מיט א קאפּריזנער מינע א קוועטש גע־טהאָן מיט די פּלייצעס.

— ס'א ליגען, זיכער א ליגען!... איהר זייט א מאָדנער מענש; איהר זייט שרעקליך לעכערליך!.. ווילט איהר זיך מיט מיר וועטען, אז נאָך בעפאר מיר וועלען קומען קיין כארקאָוו וועט איהר שוין זיין אין מיר פערליעבט?... איבער די אויערען פערליעבט...

זי האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אריין, און געלאכט פרעהליך ווי אויף צו־להכעים.

— ניין... דאָס וועט ניט זיין! — האָט דער סטודענט געענט־פערט; און זיין יונגער, ראָזעווער געזיכט האָט זיך פּלוצלונג מאָדנע געענדערט.

די יונגע פרוי האָט איצט דייטליך בעמערקט די ענדערונג אויף זיין פּנים, און זי האָט דערפיהלט אין זיך עפּעס אן אונבעגרייפלי־כען שרעק: זיין פּנים האָט זיך פּלוצלונג אין גאנצען אויסגעצויגען און געוואָרען עלטער; אין די ווינקלען פון זיין מויל האָבען זיך אויס־געלעגט קנייטשען, ווי ביי אן עלטערען מענשען; זיינע אויגען זיינען געוואָרען הארט, שווער און אונאנגענעהם־טיעף.

— פאר וואס? — האָט זי פונדעסטוועגען געפרעגט מיט א מאָדנער איינגעשפּארטקייט.

— איך ליעב ניט קיין פרויען... — האָט ער געענטפערט מיט א זאָנדערבארען שמייכעל און אזוי ווי אָנשטרענגענדיג זיך.

— אָט האָסטו דיר! — האָט אָלגא ניקאָלאיעוונא אויסגערופען, עטוואס רויט ווערענדיג, — פארוואָס?

דער סטודענט האָט אויף איהר א שנעלען קוק געטהאָן און איז געבליבען שטעהען, ניט וויסענדיג באלד וואָס צו ענטפערען.

—אָט אזוי... איך האָב זיי ניט ליעב! — האָט ער ארויסגע־רעדט.

— טאַקי?... זאָגט אויף אן אמת'ן, איך וויל עס וויסען... איך בין דאָך אויך א פרוי... — האָט זי מיט א קאָקעטישע מינע זיך צולאכט.

— וועגען אנוועזענדע רעדט מען דאָך ניט — זהאָט ער שפּאסיג געזאָגט.

— גו, גוט... לאָמיר זיך פארשטעלען אז... איך בין אן אויסנאה־מע, און דאָס, וואס איהר וועט זאגען, בעציהט זיך צו מיר ניט... אבער אין אלגעמיין.

דער סטודענט האט א ווײלע געשוויגען; ער האָט, קענטיג, ניט געקענט זיך בעשליסען.

— אין אלגעמיין איז אזוי ווי כ'האָב געזאָגט. — האט דער סטו־דענט מיט דערזעלבער הארטער שפּאָטישער מינע א זאג געטהאָן.

— ווי א ז ו י האט איהר געזאָגט? — האָט אָלגא ניקאלא־יעוונא אויסגעצויגען דעם וואָרט מיט א קאפּריזע מינע, אזוי ווי א קליין קינד, וועמען מ'וויל ניט דערצעהלען די שעהנע מעשה'לע.

דער סטודענט האט ווידער שנעל א בליק געטהאָן אויף איהר, האָט פערצויגען די אויגען, אין וועלכע עס האָט עטוואס בייזעס א פינקעל געטהאָן, און האָט געענטפערט:

— איך ליעב ניט קיין פרויען, ווייל זיי זיינען עגאָאיסטיש, פאלש און אויסגעלאסען...

אָלגא ניקאָלאיעוונא האָט שפּאָטיש פערקרומט די ליפּען.

— און די מענער זיינען ניט אזוי?

— ניין...

— ניט פאלש, ניט עגאָאיסטיש און ניט אויסגעלאסען?

— ניין, ניט דאָס... ביי מענער איז עס אנדערש, זיי זיינען ניט אזוי אבשטויסענד... — האָט ער געענטפערט, אזוי מאכענדיג זיך צו געפינען די ריכטיגע אויסדריקע.

אָלגא ניקאָלאיעוונא איז אזש רויט געווארען פאר כעס.

— וואָס מיינט, אז זיי זיינען אנדערש?

— פערשטעהט איהר מיך, ערשטענס, איז דאָס ניט נאָר עגאָ־איסטיש, מיר זיינען אלע עגאָאיסטיש, אי מענער, אי פרויען. צווישען מענער איז אויך פאראן עגאָאיסטען פון דעם עקעלהאפטסטען מין... אָבער א מאן איז ניט שטענ־דיג עגאָאיסטיש; מ'קען איהם אמאָל פעראינטערעסירען מיט א העכ־ערען געדאנק, מ'קען איהם מאכען צו פארגעסען אַן אלעס, אלעס אין דער וועלט... א פרוי איז אבער שטענדיג עגאָאיסטיש, און דערצו נאָך איז זי עגאָאיסטיש, ווי א חיה: גראָב, נידריג... זי האָט ליעב בלויז איהר אייגענעם קערפּער, זי האלט טהייער יעדען פינגערעל אויף איהר פוס... אז איהר קערפּער זאָל געפעלען ווערען,—איז זי פער־

טיג צו טהאָן אלעם: זאגען ליגען, זיין אויסגעלאסען, בעגעהן פאר־ברעכען!... ס'איז ניטאָ קיין איין פרוי, וואָס זאָל ניט פעררעאטהען איהר מאן, וועלכען זי ליעבט... כ'מיין טאקע, דוקא דעם, וועלכען זי ל י ע ב ט. א מאנסביל איז אונטריי פשוט ווייל ער ליעבט ניט... אבער א פרוי וועט זיין פאלש גראד צו דעם, וועמען זי ליעבט, און בלויז דערפאר, ווייל ס'איז איהר אנגענעהם, אז איהר קערפער איז אימיצען געפעלען געוואָרען! א מאנסביל דארף נאָר אויסדריקען פאר א פרוי זיין פערלאנג אין עטליכע הייסע גע־שמאקע ווערטער, וועט שוין די פרויענצימער איהם זיכער געהערען!..

איז א מאן קיינמאָל נישט אונטריי? זעה נאָר, מ'קען מיינען, אז זיי זיינען ווייסט וואס פאר א הייליגע! — האָט אָלגא ניקאָלאיעוונא שפאָטיש בעמערקט.

— נו, יא... אבער ס'איז ניט דאָס... ס'האָט מעהר זינן... — האָט דער סטודענט גערעדט ווייטער אלץ מיט מעהר לעבעדיגקייט. ער האָט זיך פארנאנדערגעוואָרימט און גענומען ריידען אויפריכטיג, מיט אמת'ע היץ און זאנאר מיט האס: — א מאן ווערט אונטריי, ווען ס'געפעהלט איהם אן אנדער פרוי און ער וויל איהר האָבען; אבער א פרוי טהוט עס, ווען זי האָט פון איהר אונטרייהייט אפילו קיין פרייד, קיין צופריעדענהייט ניט...

א פרוי'ס פעררעאטה איז כמעט שטענדיג נאריש, פראסט און אָהן שום צוועק!... זי האָט פערגניגען ניט פון איהר פערלאנג, נאָר פון דעם, וואס זי פערשקלאפט צו זיך די מענערס פערלאנג, און זייער תאוה... דעריבער איז זי א שמוציגע, א נידריגע... און דאָס קומט אלץ פון דעם וואָס זי ליעבט איהר אייגענעם קערפער און זי זוכט מיט איהם צו איבערראשען, אויפרייצען און צוציהען די מענער צו זיך!... א מאן, אז ער איז פאלש צו זיין פרוי, וועט ער באלד זיך אליין ארויסגע־בען; ער וועט עס ניט קענען בעהאלטען, ווען ער וועט קומען פון זיין געליעבטע, וועט ער אָבגעקיהלט ווערן פון זיין ווייב... א פרוי אבער, אז זי קומט פון איהר געליעבטען, נעהמט זי זיך לאסטשען צו איהר מאן מיט א בעזונדער צערטליכקייט און ווייזט איהם ארויס ליעבע און ליידענשאפט, און מ'קען דענקען, אז קיין ריינערע ליעבע, ווי איהרע, איז נאָר אויף דער וועלט ניטאָ!...

— נארישקייטען! — האָט אָלגא ניקאָלאיעוונא א זאָג געטהאָן; זי איז אויפגערעגט געוואָרען און אין דערזעלבער צייט האָט זי דער־

איינמאל עפעס אונאנגענעהם, אזוי ווי זי וואלט זיך טאקע דערמאנט אן עטוואס עהנליכעס, וואס ער האט דא בעמערקט.

— ניין, דאס איז אמת... ווען אז מ'זאל א מאן נעהמען אויס־פרעגען, וועט ער ענדליך זיך מודה זיין אין אלעס... אבער א פרוי וועט אפילו פאר'ן טוידט ניט אויסזאגען, זי וועט מיט זיך דאס מיט־טראגען אין קבר אריין. מען קען זיך ביי איהר ניט איינבעטען, ניט פועל'ן קיין זאך, מ'קען איהר ניט ריהרען מיט קיין רייד, צו פער־שעמען איהר מיט עפעס!... דערצו, אויב דער מאן האט א שעהנע, קלוגע, בעגאבטע פרוי וועט ער ליידען פון דעם, וואס ער האט איהר פערראטהען, ער וועט זיך קיינמאל ניט קענען מוחל זיין, וואס ער האט איהר, אאז פרוי, אבגענארט... א פרוי, אבער, מעג האבען דעם קליגס־טען בעסטען מאן, דעם גרעסטען זשעני, וועט זי איהם ווערען אונטריי ביי דער ערשטער געלעגענהייט, און מיט וועמען וועט זי זינדיגען? מיט אירגענד וועלכען הולטאי, מיט'ן אונטער־אפיציר, מיט'ן קומיע פון דער מאדע־קראם, מיט אבי וועמען...

— ווי ציניש איהר רעדט! — האט איהם אלגא ניקאלאיעוונא איהם איבערגעשלאגען, און זי איז געווארען אלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט.

— דאס איז אבער אמת, — האט דער סטודענט געזאגט מיט אן ערנסטע און פערטרויערטע מינע. עס האט אויסגעקוקט, אז עפעס א קרענקליכער, וועהטאגדיגער אויסדרוק איז ווי א שאטען דורכגעלאפען איבער זיין געזיכט. — פאר א פרוי האבען קיין שום בעדייטונג ניט אזעלכע מעלות, ווי טאלאנט, שכל, אן ערעלע הארץ... זי דארף האבען א געזונדען, שטארקען מאנספערשוין... קוקט נור צו: א מאן קען ניט דולדען קיין אויסגעלאסענע פרוי, ער זוכט, ער שעצט און ליעבט די ריינקייט און גייסטיגע שעהנקייט פון א פרוי; די פרוי איז אבער, פארקעהרט, ליעבען שטענדיג צולאזענע, פערדארבענע, ערפאהרענע, דורכגעטריבענע מענער!...

אלגא ניקאלאיעוונא האט ווידער געוואלט איהם איבערשלאגען די רייד, אבער דער סטודענט האט עס ניט בעמערקט, און ער האט ווייטער גערעדט, אלץ מיט מעהר היץ און מעהר האס, וואס האט זיך דייטליך געפיהלט אי אין זיינע אויגען, אי אין זיין קול:

— אז א מאן צושיידט זיך מיט זיין פרוי, וועט ער זיך שטענ־דיג אן איהר דערמאנען; ער וועט פיהלען איהר דאנקבארקייט

פאר דעם גליק, וואס זי האט איהם געגעבען... און א פרוי איז ווי א קאץ: ווי נאר זי געהט אוועק פון איהר מאן, פערגעסט זי איהם גלייך; ער עקזיסטירט שוין פאר איהר ניט מעהר!... זי האלט איהם שוין פאר א נאר, א הולטאי, אן אויסוואורף! א חוץ אבשייליכקייטען וועט זי וועגען איהם קיין זאך ניט דערמאנען! יעדען נייעם גע־ליעבטען וועט זי זאגען, אז זי האט פריהער געמאכט א טעות, אז זי האט ניט געליעבט און ניט געקענט ליעבען אזא פאסקודניאק, ווי איהר מאן איז געוועזען; אבער איצט ליעבט זי שוין אויף אן אמת, ווייל זי ליעבט איצט צום ערשטען מאל!... און דערנאך, שפעטער אביסעל, וועט זי דיעזען נייעם געליעבטען אויך פערראטהען אויפ'ן שענד־ליכסטען און נארישסטען אופן!... און וואס שענדליכער איהר האנד־לונג איז, אלץ מעהר איז זי פון דעם צופריעדען, ווייל א פרוי האט פערגניגען פון איהר זינד און געפאלענקייט... זי האט הנאה, אז מ'ווארפט איהר אריין אין שמוץ און מ'טרעט איהר מיט די פיס; זי קלייבט נחת, אז מען מאטערט איהר, אז מען פלאגט איהר... יעדע פרוי קען מען קויפען—די פראגע איז נאר, וואס פאר א סומע מען דארף פאר איהר בעצאהלען!... א פרויענצימער איז א סך מעהר פערשייט, אונפערשעמט, ווי א מאנסביל: קיין איין מאנסביל וועט ניט איינצי־העו זיין טאליע כדי ארויסצושטעלען די רייצענדע טהיילען פון זיין קערפער, אום צוציהען און פאנגען די פרויען; און א פרוי איז אין גאנצען א שטיק תאוה!... יעדע מינע איהרע, יעדער גליעד, יעדער טהייל פון איהר קערפער, יעדע בעוועגונג איז געווענדעט בלויז אויף איין ציעל: אויפצורייצען די ליידענשאפט ביי די מענער!.. א מאנס־ביל קען זיך אמאל אברייסען פון דער זינדיגער ערד, פון דאס וואַ־כעדיגע, געשמיות'דיגע און פערטיעפען זיך אין א העכערען געדאנק, הינגעריסען ווערען פון אן ערהאבענע אידעע... אבער א פרוי וואלגערט זיך שטענדיג אויף דר'ערד, אין זומפ, אין שלאף־צימער און הויפטזעכ־ליך אין בעט!... א מאנסביל האט פריינד צווישען מע־נער; א פרוי האסט אלע פרויען אויסער זיך אליין; און נאר דערפאר, ווייל זי געפינט ניט קיין פערגניגען א חוץ אין מענערשע תאוה; ס'איז איהר אומעטיג, אונאינטערעסאנט מיט א צווייטער פרויענצימער!.. זי איז א שמוציגע, ליידענשאפטליכע חיה, א שרעקעדיגע, פאלשע בעשעפעניש, א פערקויפטע נשמה... — איך האב פיינט פרויען! — האט ער פלוצלונג כמעט א געשריי גע־

מהאַן, און זיין געזיכט איז געווארען מונקעל רויט. אזוי ווי עס וואלט איהם אטהעם פערפעהלט.

דריטעס קאפיטעל.

אלגא ניקאלאיעוונא איז פון דעם געוועזן אויפגעבראכט; זי האט אבער געקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט. ער איז איהר געפעהלען געווארען. ס'איז איהר געוועזן זעהר קיצעלדיג־אנגענעהם צו הערען אזעלכע שווערע בעליידיגונגען, און דערביי איז איהר געוועזן זעהר אינטערעסאנט צו הערען ווי ער רעדט מיט א צארנדיגע שטימע, מיט האסענדע אויגען, מיט ווילדע פונקען אין די שווארץ־אפלען.

— איהר זייט אן עכטער קליינינקער אטטא וויניגער, (א בעוואוסטער דייטשער פראפעסאר) — האט זי מיט א געמאכטען גע־לעכטער געזאגט. — איך וועל אייך רופען „קליינינקער אטטא“.. און אלעס, וואס איהר זאגט, פערליעבען וועט איהר זיך מוזען אין מיר! — האט זי פלוצלינג געענדיגט.

— ניין, דאס וועט קיינמאל ניט זיין! — האט ער איבערגע־חזר'ט מיט אן אוננאטירליכע מינע, אזוי ווי אויף צו־להכעים.

— ווען מיר זעהן! — האט זי זיך פארנאנדערגעלאכט, אזוי ווי זיך וועלענדיג רייצען מיט איהם.

— מילא, ווען מיר זעהן... — האט ער אונבעשטימט געענט־פערט און האט ווידער זיינע אויגען פערצויגען.

א מאדנע זאך: אט דער אינגעל האט איהר אויפגערעגט. און דערביי האט זיך ביי איהר אין הארצען א ריהר געטהאן עפעס עהנליכעס צו שרעק. איהר האט זיך מיט אמאל פערוואלט אבהאקען דעם געשפרעך און אוועקגעהן אין א צווייטען וואגאן. אבער גראד אט דיעזער אונפערשטענדליכער שרעק האט אין איהר ערוועקט אן איינגעשפארטען, קאפריזנעם פערלאנג אויסצופיהרען דאס איהריגע. און דיעזער פערלאנג איהרער איז געוועזן אי עקשנות, אי אן אויפפאדערונג, אי א וואונש צו בעווייזען איהם, אז זי האט פאר איהם גאר קיין מורא ניט. אויך איז אין דעם געוועזן פערבארגען עפעס א טונקעלער געפיהל; זאגאר ניט קיין געפיהל, נאר עטוואס אזוינס וואס האט

זיך איהר אויסגערוכט אין דיעזער מינוט: אפשר וועט איהר טאקע שווער זיין איהם צו מאכען, אז ער זאל זיך פערליעבען אין איהר. זי וואלט זיך ניט אבגעשטעלט פאר קיין זאך אין דער וועלט; זי וואלט געטהאן אירגענד וואס. זי וואלט זיך איהם זאגאר אין גאנצען אבגעגעבען, אבי אויסצופיהרען איהר וואונש, ער זאל זיך אין איהר פערליעבען.

זי האט זיך איצט, אזוי ווי פלוצלונג דערמאנט, אז א חוץ שווארצע אויגען, רויטע ליפען און גלענצענד־שעהנע האאר האט זי נאך א סך מעכטיגע וואפען: א יונגע, נאקעטע, טונקעל־ראזעווע געשמאקע לייב, א פראכטפאלע שטייף־פוקע ברוסט, שלאנקע פיס, קיילעכטיגע, בויגיגע, פולל מיט פראכט, ליידענשאפט... דאס וועט איהם מוזען בעזיעגען, האט זי געטראכט, אפילו א שטארקערען מאן ווי דיעזער נארישער אינגעל, וואס האט קיינמאל גאר ניט געזעהען.

מיט דעם סטודענט איז דערווייל פארגעקומען עפעס זאנדערבארעס: וואס ווייטער האט ער זיך אלץ מעהר געביטען. די ווינקלען פון זיין מויל האבען זיך ארונטערגעלאזען; די באקען־ביינער האבען זיך צוזאמענגעצויגען; אויף די באקען איז ארויסגעטראטען אן אונאנגענעהמע פיבערישע רויטקייט; די אויגען האבען גענומען קוקען חוצפה׳דיג אויסגעלאסען. דאס איז שוין מעהר ניט געווען דער ריינער נאאיווער אינגעל, נאר עפעס גאר אן אנדערער — אן אונפערשטענדליכער, אן אלטער, א שרעקליכער.

— בעסער פרובירט ניט! — האט ער א זאג געטהאן און האט זיך אבגעהאקט, אזוי ווי דערווארט וואלט זיך איהם פערטשעפעט אין האלז. ער האט אזוי ווי מיט גוואלד ארונטערגעשלונגען די סלונע פון מויל.

— וואס? פאר וואס ניט?... איך וויל און איך וועל, — האט זי זיך מיט א הילכיגען געלעכטער אבגערופען.

— ווייל.. דאס איז זעהר געפעהרליך... פיעל געפעהרליכער ווי איהר טראכט זיך!... און פאר מיר... איז דאס גאר קיין שפיעלכעל ניט!... איהר קענט דאך מיר גאר ניט!.. — האט ער געענטפערט שטיל און אזוי ווי מיט א געבעט. זיין געזיכט האט אויף א זאג־דערבארען אופן א ציטער געטהאן און זיך פערקרימט מיט עפעס א טאמערנדען אויסדרוק.

דערזעלבער אומפערשטענדליכער געהיימניספאַלער שרעק האָט ווידער אַמאָל ארומגעכאַפּט אַלגאַ ניקאַלאַיעוונאַ'ס האַרץ. זי האָט דערפיהלט, אַז דיזע ציטערניש טרעפט ביי איהם ניט דעם ערשטען מאָל; אַז אין געוויסע מינוטען ציטערט ביי איהם אזוי דער געזיכט.

איהר האָט זיך ווידער שרעקליך פערוואָלט ערגעץ אוועקגעהן, אַ רוף טהאָן די קאָנדוקטאָרען... אַן אומבעשטימטער פּרויען־שרעק האָט איהר ארומגענומען. נאָך אַ ווײַלע וואָלט זי אפשר שוין אוועק. אָבער דער סטודענט, אזוי ווי ער וואָלט פערשטאַנען איהרע געפיהלען, האָט מיט אַ שפּאָטישע מינע אויף זיינע פערקרימטע ליפּען אַ פרעג געטהאָן:

— אָבער איהר פאַנגט אָן זיך אביסעל צו שרעקען פאַר מיר!

אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט שטאָלץ אויפגעהויבען איהרע קעפּעלע, און מיט אַ פערעכטליכע מינע, אויף אָן אַקטיאָרסקען שטייגער האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף איהם. אויב אזוי, אויב ער דענקט ווירקליך, אַז זי קען פאַר איהם מורא האָבען, וועט זי טאַקע פאַר קיין פאַל ניט אוועק פון דאַנען.

— פאַר אייך זיך שרעקען? — אַ שעהנע זאַך! — האָט זי אונטער'ן נאָז ארויסגערעדט — אָה! איהר זייט גאָר ניט אזאַ שרעקליכער, ווי איהר דענקט, איהר זייט פּשוט אַ לעכערליכער... אַ לעכערליכער און אַ נאַאיווער אינגעל!... איך האָב קיינמאָל פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט... צייכענט זיך דאָס אויף אויפ'ן נאָז!...

— אזוי גאָר? — האָט ער מיט אַ צאָרנדיגער שפּאָטישער מינע געזאָגט. — קען דען אַ פרוי פאַר קיין זאַך ניט שרעקען זיך. ווען זי איז... אפילו אַליין מיט אַ מאַן אין איין צימער, וועלכער איז שטאַרקער פון איהר??

— און וואָס אזוינס קען מיר, אייגענטליך געשעהען? — האָט זי מיט אַן איבערטריבען־פערעכטליכע מינע געפרעגט.

דער סטודענט האָט אַ ווײַלע געשוויגען, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען עפּעס שאַרפעס און האָט זיך ניט געקענט בעשליסען.

— דער צונג קלאַפּט, רוישט... מען הערט קיין זאַך ניט... אַלע שלאָפען שוין... די טהיר קען מען פערשפּאַרען אויפ'ן ריגעל... — האָט דער סטודענט ארויסגערעדט די ווערטער לאַנגזאַם, און פערטראַכט, אזוי ווי פאַר זיך.

— נו, איז וואס ? — האט אלגא ניקאלאיעווגא געפרעגט מיט אן אויפפאדערנדע מינע.

— און מ'קען איך... פערגוואלטיגען... — האט ער מיט א כיון געענטפערט מיט א גראבקייט. — האט איהר דען דערפאר קיין מורא ניט ?

— דאס דארף מען ערשט זעהן ! — האט זי מיט א מינע פון זעלבסטפערטרויען זיך פארנאנדערגעלאכט.

— נו, און אויב ? — האט ער מיט עקשנות ווייטער געפרעגט, אזוי ווי ער וואלט פון איהר געוואלט ארויסקריגען עפעס, וואס איז איהם נויטיג.

— נו, איז וואס־זשע ?... — האט אלגא ניקאלאיעווגא מיט א כיון גענומען לאכען שפעטיש און הילכיג. איהר האט זיך געגלוסט א רייץ טהאן זיך מיט איהם. — נו, טא זאל ער... דאס איז, וואהרשיינ־ליך, זעהר אינטערעסאנט !..

זי איז דערביי אביסעל רויט געווארען, ווארים זי האט אליין ניט געגלויבט אין איהרע אייגענע רייד. זי פלעגט אבער אמאל זעהר הנאה האבען די מענער זאלען ערשטוינט ווערען מיט די אונ־געלומפערטע חוצפה פון איהרע רייד.

דער סטודענט האט א לאנגע צייט שווייגענדיג געקוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין. אלגא ניקאלאיעווגא איז פון דעם נאך מעהר רויט געווארען. פלוצלונג האט זי דערפיהלט, אז איהר גאנצער קערפער ווערט מיעד און אונרוהיג., אזוי ווי עס פיהלט א פויגעל. ווען אויף איהר קוקט א גיפטיגע שלאנג. זי האט דערפיהלט, אז איהר געזיכט און דער גאנצער קערפער הויבען אן צו ברענען פון א מאדנע אויפרעגענדע היץ, און אין קאפ דרעהען זיך איהר אום אלערליי זאנדערבארע משונה'דיגע פארשטעלונגען. א שרעק און א געהיימער פערלאנג, וועלכען זי האט נאך קיינמאל ניט דורכגעפיהלט, האבען זיך ערוועקט אין איהר.

— אינטערעסאנט ? — האט דער סטודענט לאנגזאם איבערגע־פרעגט.

— איך ווייס ניט... — האט אלגא ניקאלאיעווגא מיט אן אנ־געשטרענגטען געלעכטער געזאגט. — מסתמא.

— און אויב איך וועל עס טהאן ? — האט דער סטודענט שנעל און העזה'דיג א פרעג געטהאן.

אלגא ניקאלאיעוונא האט דערפיהלט, אז דער געשפרעך איז שוין אוועק צו ווייט, אז עס פאנגט זיך אן עטוואס ערנסטעס, אבשיילי־כעס און שרעקליכעס. זי איז אנגעצונדען געווארען און געוואלט זיך א הויב טהאן; זי האט אבער זיך איינגעהאלטען און געבליבען ליגען אויפ׳ן דיוואן.

— איהר וועט עס ניט טהאן, — האט זי טרוקען, כלומרשט מיט א גלייכגילטיגער מינע געענטפערט.

— ווארום ? — האט דער סטודענט געלאסען און מיט דערזועל־בער פרעכער מינע געפרעגט.

— איהר וועט עס ניט טהאן ! — האט אלגא ניקאלאיעוונא שטאלץ איבערגע׳חזר׳ט איהרע ווערטער, און פערציהענדיג איהרע אויגען האט זי מיט א פערעכטליכען אויסדרוק בעמערקט — פונ־דעסטוועגען איז עס שוין צופיעל, איהר פערגעסט זיך און געהט צו ווייט ! לאמיר אוועקווארפען דיעזען נארישען געשפרעך !...

דער סטודענט האט א ברייטען שמייכעל געטהאן מיט א בייזער, שטעכעדיגער מינע.

— ניין... איצט וועלען מיר דעם געשפרעך ניט אוועקוואר־פען !

אלגא ניקאלאיעוונא האט מיט שטאלץ און פערוואונדערונג פער־ריסען איהר שעהן קעפעלע.

— און איך יא !

— ניין.

— איהר האט ניט קיין רעכט !... — האט דער סטודענט בייז געענטפערט.

— ניין, איהר האט ניט... — האט די יונגע פרויענצימער ווי־דערהאלט, און פלוצלונג האט זי זיך דערפיהלט הילפלאז.

— ווארום ?

— ווייל איך וויל עס ניט !

— און איך וויל יא, — האט דער סטודענט פרעך געענטפערט.

— כ׳וועל אייך נישט פאלגען !

— כ׳וועל אייך צווינגען.

— איך וועל אוועק פון וואנען... — האט אלגא ניקאליעוונא געזאגט און האט זיך אויפגעהויבען פון דיוואן.

— ניין... איהר'ט ניט אוועקגעהן! — האט דער סטודענט א געשריי געטהאן, און פלינק ווי א קאץ איז ער צוגעשפרונגען צום טהיר, האט איהר פערריגעלט און האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהר.

אלגא ניקאלאיעווגא האט פערוואונדערט א קוק געטהאן אויף איהם — ניט אין געזיכט אריין, נאר אויף זיין אונטערשטער ליפ; די אויגען זיינען ביי איהר געווען עטוואס אראפגעלאזען מיט א בע־ליידיגענדער מינע.

— אייערע שפאסען זיינען גראב, פראסט און ניט אם פלאץ!

— האט זי שטאלץ געזאגט, און די באקען האבען ביי איהר געפלאמט.

— לאזט מיר! איהר פערגעסט זיך, וואו איהר זייט!

— כ'וועל נים לאזען, — האט ער ארויסגערעדט דורך די צייהן.

— לאזט! — האט זי א געשריי געטהאן און א טופע געטהאן מיט'ן פוס.

דער סטודענט האט א דרעה געטהאן מיט'ן קאפ אויף ניין.

א שרעקליכער כעס האט איהר אנגענומען. ס'האט נאך קיינער קיינמאל ניט געוואגט צו רעדען אזוי צו איהר. זי האט א קוק געטהאן אויף זיין דעליקאטען, אבער קאלטען פערשטיינערטען געזיכט און האט פערביסען די צייהן. ס'האט זיך איהר שטארק פערוואלט דער־לאנגען איהם מיט'ן גאנצען כח א זעץ איבער זיין שעהנעם פרעכען פנים.

דער סטודענט האט פערשטאנען וואס זי וויל, נאכ'ן לייכטען ריהר פון איהר האנד, וועלכע האט זיך עטוואס א הויב געטהאן.

—היט זיך! — האט ער איהר געווארענט און איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן זעלבען ארט.

אלגא ניקאלאיעווגא איז געשטאנען פאר איהם און האט אינגאנ־צען געציטערט. זי האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. דאס אלעס האט זיך איהר גענומען פארשטעלען ווי א מיאוסער, אונגעלומפער־טער חלום; און זי האט זיך פלוצלונג דערמאנט אן איהר מאן, ווי נאהענט, טריי און איבערגעגעבען ער איז איהר; און אין דיעזער מינוט וואלט זי צופריעדען געווען אבצוגעבען אלעס, די ביהנע, דעם לעבען, איהר פרייהייט, אבי איהר מאן זאל זיך איצט געפונען לעבען איהר.

— ווי וואגט איהר עס? — האט זי ארויסגערעדט מיט א שטי־מע, וואס האט געציטערט פון שרעק און כעס.

— איהר אליין! — האָט דער סטודענט מיט אַן אבלאָבענגרע מינע געענטפערט.

אָלגא ניקאָלאַיעווגא האָט דערפיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט אַ זעץ געטהאָן איהר אין קאָפּ אריין. אין די אויגען האָט איהר גענומען שווינדלען: זיין בלאַס־ראָזעווער געזיכט און זיינע פּרעכע אויגען האָבען זיך גענומען דרעהען און האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין מאָדנעם פלעק, וועלכען זי האָט געהאַסט מיט'ן גאַנצען קערפּער. ניט וויסענדיג, וואס זי טהוט, האָט זי האַסטיג אַ הויב געטהאָן די האַנד.

אין דע בזעלבען אויגענבליק האָט אימיצער, אַזוי ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, אָנגעכאַפּט איהר ביי די הענד; און עפּעס אַ מוראדיגע קראַפט האָט איהר אַ שליידער געטהאָן אהינטער. איהרע האָר האָבען זיך צעוואַרפען, און זי איז אַניעדערגעפאַלען אויפ'ן דיוואַן. דער סטודענט האָט איהר צוגעקוועטשט צום דיוואַן, האָט צוזאַמענגעדריקט איהרע הענד, אַז זי זאָל זיך ניט קענען ריהרען, און האָט צוגערוקט זיין פערענדערטען געזיכט נאָהענט, זעהר נאָהענט צו איהר ברענענדען, מאָדנע־שעהנעם געזיכט, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעקוקט אַ פּאָאַר פּראַכטפאָלע שווארצע דערשראָקענע אויגען.

פיערטעס קאַפּיטעל.

אַ ווײַלע האָבען זיי ביידע זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען אין די אויגען, און עטוואָס שרעקליכעס האָט זיך דורכגעצויגען צווישען די צוויי פּאָר אויגען, וואָס האָבען זיך אַזוי ווי צונויפגעגאָסען אין אַ שרעקליכען קאַמפּף.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט די יונגע פּרויענצימער מיט אַ הייזעריג קול אויסגעשריגען און האָט געמאַכט אַ פּערזוך ארויסצורייסען זיך.

ער האָט איהר שיער ניט ארויסגעלאָזען; אָבער גלייך האָט ער איהר נאָך קרעפטיגער אָנגענומען און נאָך פעסטער צוגעדריקט צום דיוואַן.

זי איז ווידער אויף א ווילע אנשוויגען געווארען און האט געקוקט אויף איהם מיט א צוקרימטען געזיכט, פול מיט שרעקליכען האס און פעראכטונג.

— אידיאט! — האט זי פלוצלונג א געשריי געטהאן און האט אנגעפאנגען שפאטיש לאכען איהם אין פנים אריין.

אין דיעזער רגע זיינען זיינע אויגען געווארען טונקעל, פינסטער; דער פנים האט זיך ביי איהם שרעקליך צוקרימט, און מיט א פערבי־טערטען כעס האט ער איהר דערלאנגט א פאטש אין באק.

— אהא! אידיאט, זאגסטו?... ליעג.... פאסקודסטווא! — האט ער ארויסגעבורטשעט, אזוי ווי ער וואלט זיך געווארגען מיט די ווער־טער.

די יונגע פרויענצימער האט קרענקליך און זאנדערבאר א געשריי געטהאן. זי האט געדרעהט מיט'ן קאפ און שיער ניט פערלארען דעם בעוואוסטזיין. פלוצלונג האט זי דערפיהלט, אז ער האט מיט זיין קניע צוגעקוועטשט איין האנד איהרע. דורך דעם האט ער בעפרייט זיין האנד, און גענומען זיך עפעס רודערען מיט'ן קלייד ביי איהרע פיס.

מיט א ווילדען שרעק, א פארלארענע, א נעבעכעל, — שוין גאר ניט ענליך אויף יענער פראכטפאלער, פרעהליכער ווייבעלע, וואס איז ניט לאנג צוריק געשטאנען אויפ'ן גאניק מיט'ן טיכעל — האט אלגא ניקאלאיעוונא איצט גענומען זיך רייסען, שליידערען און שלא־גען. איהר געזיכט האט זיך פערפלאנטערט אין די פארנאנדערגעלא־זענע שווארצע פאסען האר; פלוצלונג האט זי גענומען שרייען. אין דער זעלבער רגע האט דעם סטודענטס האנד איהר שטארק און אהן רחמנות פערשטיקט דעם מויל. דאס האט מיאוס צוקנייטשט איהר גאנצען פנים און זי האט געפיהלט א וועהטאג. דורך די פינגער פון זיין האנד האט זי איהם געקוקט גלייך אין די אויגען, וועלכע האבען זיך איצט שרעקליך געענדערט: זיי זיינען געווען פול מיט מורא'דיגע שנאה, שרעק און יסורים. זי האט זיך געדרעהט, געריסען, הילפלאז געפרובירט בייסען די האנד, וואס האט איהר פערדריקט דעם מויל. זי האט זיין האנד פערנעצט, פערשוימט מיט קלעפיגע סלונע פון איהר מויל.

באלד האט זיך איינגעגעבען אריינצוכאפען צווישען די ציינער די ווייכע, פליישיגע שטיק פון זיין האנד: זי האט זיך איינגעגעסען אין דעם מיט אלע כחות, ווי א ווילדע צורייצטע חיה.

דעם סטודענט'ס געזיכט איז בלייך געווארען פון וועהטאג. ער האט איהר אבער ניט אבגעלאזען און ניט אראפגענומען די האנד פון איהר מויל; ער האט געהאלטען ווייטער אין ריהען זיך מיט דער צווייטער האנד אין איהר קלייד און טהאן עפעס מיט איהרע פיס. פלוצלונג האט אלגא ניקאלאיעוונא דערפיהלט, אז ס'נעהמט איהר דורך עטוואס מאדנע ברענענדיגעס, אזוי ווי זי וואלט זיך צונויפ־געגאסען מיט א הייסען, בלוטיגען, וואחנזיניגען נעבעל.

איהר האט זיך געדוכט, אז זי געהט אראפ פון זינען. ער האט אלץ איינגעשפארטער, ברוטאלער און דערבארמונגסלאזער געהאלטען אין לאסטשען איהר. פלוצלונג האבען זיך איהרע צייהן צונומען, די אויגען זיינען טונקעל געווארען און האבען זיך פערצויגען מיט עפעס א פייכטקייט. איהר קערפער האט א ציטער געטהאן און איז גע־בליעבען ליעגען שוואך, אהן קרעפטען. יאן האט ער אראפגענומען די האנד פון איהר מויל און מיט א ווילדער קראפט האט ער צוגע־דריקט זיינע פייכטע הייסע ליפען צו איהר נאסען פארנאנדערגע־פענטען מויל. זי האט זיך נאך אמאל א ריס געטהאן און געבליעבען ליגען א גע'חלש'טע.

אזוי ווי דורך א טומאן און א מאדנעם א פערטויבענדען גע־רויש האט זי געפיהלט, אז ער טהוט עפעס מיט איהר, עפעס אונפער־שטענדליכעס, פון וואס דער גאנצער קערפער ציטערט און קרומשעט זיך אין אן אונערטרעגליכע מאטערענדע הנאה.

און פלוצלונג האט זי דערהערט זיין קול, וועלכער האט געקלונ־גען זאנדערבאר, ווי פון דער ווייטען:

— נו, וואס? אינטערעסאנט?... חא, אינטערעסאנט?... ליעג, פאסקודסטווא!...

און ער האט איהר ווידער דערלאנגט א זעץ אין באק, פון וואס זי האט דערפיהלט א שטארקען וועהטאג. ער האט מיט רציחה איהר א ריס געטהאן די צופלאנטערטע שווארצע האר און ווידער א פאטש געטהאן.

אלגא ניקאלאיעוונא האט זיך דערשראקען, האט פערמאכט די אויגען ווי א קליין קינד און האט זיך פארנאנדערגעוויינט.

אבער איהר גאנצער קערפער האט ווייטער געשמאכטעט אין אן אונערטרעגליכער זיסער מאטערנים, און זי האט ניט געקענט א ריהר טהאן ניט מיט קיין פוס און ניט מיט קיין האנד. מערקווירדיג: אזוי

ווי אין א וואהנזיניגען חלום האט זי געהאט הנאה פון די קלעפ; און ס'האט זיך איהר געוואלט, אז ער זאל איהר נאך שלאגען, ער זאל איהר מיט די פיס טרעטען, צו'הרג'ענען איהר אין גאנצען, צורייסען אויף איהר די קליידער, א ווארף טהאן א נאקעטע אויפ'ן פארלאגע און טרעטען איהר מיט די פיס.

א נעבעלדיגער געדאנק איז איהר דורכגעלאפען, אז זי איז משוגע געווארען, ארער אז דאס אלעס חלום'ט זיך איהר...

— מען דארף זיך אויפהויבען! — האט זי אזוי ווי פון היץ געטראכט.

ער האט נאך אלץ ניט אבגעריסען זיינע ליפען פון איהרע, און איהר האט זיך גערוכט, אז זיינע ליפען זיינען פייערדיגע. און אליין ניט בעגרייפענדיג, וואס דו קומט פאר, האבען איהרע ליפען צוריק געענטפערט מיט קושען.

עטליכע מינוט זיינען פאראיבער שטיל, זי איז געלעגען אזוי ווי זי וואלט פערזונקען געווארען אין א זאנדערבארער נעבעלדיגער פער־טראכטקייט; זי האט קיין זאך ניט געפיהלט, אויסער א ברענענדען אויפטרייסלענדען ענטציקענדען פערגעניגען. פלוצלונג האט ער איהר אבגעלאזען.

זי האט געעפענט די אויגען, אבער זי האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן: זי איז געווען שרעקליך אויסגעמאטערט, און ער האט נאך איהר געהאלטען צוגעדריקט צום דיוואן מיט זיינע אייזערנע הענד.

— און דיין מאן ליעבסטו? — האט ער א פרעג געטהאן מיט א שרעקליכען האס, דורכזייענדיג די ווערטער דורך די צייהן און קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען אריין.

זי האט אויף איהם געקוקט ווילד, פערוואונדערט, ניט בעגריי־פענדיג וואס ער פרעגט איהר.

— ליעבסט דיין מאן?... נו, ליעבסט?... רייד!... — האט ער הייזעריג א געשריי געטהאן און האט ווידער אויפגעהויבען די האנד.

אלגא ניקאלאיעוונא האט שרעקענדיג צוגעמאכט איהרע אוי־גען.

— נו?...

— יא, כ'האב איהם ליעב... — האט זי ארויסגעמורמעלט גע־הארכזאם און מיט א רחמנות־פנים.

— זעהר?

— יא... — האט זי שטיל געענטפערט אנקוקענדיג איהם ווילד איבערראשט.

— און דו ווייסט איהם דערצעהלען?... דאס, וואס איצט?... ווייסט איהם זאגען?... רעד־זשע, אדער...

ער האט זיך א ריהר געטהאן, און זי האט שנעל געענטפערט:

— ניין....

דער סטודענט האט הייזעריג און מאדנע זיך פארנאנדערגע־לאכט.

— נו, וואס דען!... או, ניעדעריגע בעשעפעניש!...

ער האט ארויסגערעדט א שרעקליך מיאס'ן, עקעלהאפטען ווארט.

אלגא ניקאלאיעוונא האט זיך א טרייסעל געטהאן און האט צו־געמאכט די אויגען.

— דו!.. קוק אויף מיר.. נו! — האט ער געשריגען מיט כעס און א ריס געטהאן איהר פאר די האאר.

אלגא ניקאלאיעוונא האט אויפגעעפענט די אויגען, וועלכע זיי־נען געווען פול מיט טרעהרען.

— איהר זייט אלע אזוי!... אלע ליעבט איהר דיזעלבע זאך...— האט דער סטודענט גערעדט כלומרשט רוהיג און אזוי ווי מיט א טרויעריגע שטימע. — זאג מיר, וויפיעל מאל ביזטו געווען אונטרייע דיין מאן?... נו!

— איין... מאל... — האט זי געהארכזאם, אזוי ווי א פערהיפ־נאטיזירטע, געענטפערט.

— אט מיט דעם אינזשיניער, וואס איז אריין אין וואגאן?... יא?...

— ניין, מיט אן אנדערען... — האט זי קוים ארויסגערעדט.

— מיט אן אנדערען!... איינמאל... וואס עפעס אזוי ווייניג? — האט דער סטודענט געלאכט שפעטיש. — ניט געהאט מעהר קיין מוטה?...

— אלגא ניקאלאיעוונא האט זיך ווידער פארנאנדערגעוויינט.

שווייגענדיג האט דער סטודענט לאנג געקוקט אויף איהר. א הארטער בייזער אויסדרוק פון עפעס א שרעקליכער, נקמה'דיגער לייי־דענשאפט האט צוקרימט זיין געזיכט.

— וואָס־זשע ווייסטו? דאָס איז דאָך „אמוזאנט“! — האָט ער מיט א רציחה ארויסגערעדט. — אבער דו האָסט דיין מאַן גישט אויסגעזאָגט, אז דו האָסט איהם פערראטהען? ניט געזאָגט?... ער ווייס ניט, אז די פרוי, וועלכע איז איהם טהייערער פון אלעס אין דער וועלט, האָט איהם אָבגענארט און האָט זיך איבערגעגעבען א צווייטען?... ער ווייסט ניט?.. אבער רייד שוין!

— ער ווייס ניט... — האָט אָלגא ניקאָלאיעוונא געהאָרכזאַם איבערגעזאָגט.

— ער איז אבער חושד?... ער איז אייפערזיכטיג?... ער האָט זיך געבעטען, זאָלסט דערצעהלען?... ער האָט פערשפראָכען צו פער־צייהען?... רייד!..

— יאָ...

— וואָס־דען?... דו ביזט דאָך געווען בעזאָנדערס צארט, גוט און לאסטשענד צו איהם, ווען דו ביזט געקומען פון א פרעמדער בעט! האָסט איהם געקושט, ארומגענומען, ארויסגעוויעזען צו איהם א בע־זונדער צערטליכקייט און לײדענשאפט!... יא, און דערנאָך האָסטו איהם געמאכט צו זיצען ביי איין טיש מיט דיין געליעבטען?... און אלע האָבען פון איהם געלאכט, געמאכט חוזק, אלע האָבען געוואוסט, אז א חוץ איהם... אָה, איהר זייט אלע וואויל... יענע האָט מיר אויך ארומגענומען און געקושט, ווען...

פּלוצלונג האָט זיין גאנצער קערפּער אנגעפאנגען ציטערען: ער האָט פערביסען די צייהן מיט אזא קראמפט, אז רויטע פלעקען האָבען זיך בעוויעזען אויף זיינע באקען.

— און ער וועט זיך קיינמאָל ניט דערוויסען, קיינמאָל!...

ער האָט ארויסגערעדט מיט א מאטערניש, אזוי ווי דאָס וואָלט איהם געקאָסט געזונד און שמערצען.

— און דו האָסט געמיינט, אז איך בין א נאאיווער אינגעלע, או

מיט מיר מעג מען א שטיף טהאָן ?... עס איז פרעהליך, אנגענעהם און אָהן געפאהר... איהר דענקט שטענדיג אזוי !... דו האָסט דאָך ליעב דעם מאַן.. וואָס־זשע ביזטו געקראָכען צו מיר ? וואָס האָסטו גע־וואָלט ?... אוי, נידעריגע פרוי !... ביי אייך איז די נשמה און דער קערפּער איין שטיק תאוה ? נידערטרעכטיגע, פּאסקודנע תאוה !... דיר קען מען אין איין צייט אי קושען אי שלאָגען !... ווייסטו אָבער אז איך האָב אמאָל א פרוי געליבט מעהר ווי דעם לעבען... כ'האָב בלויז צוליב איהר געלעבט, שטענדיג וועגען איהר געטראַכט, אָפּגעגעבען איהר אלעס... זיך געבוקט און געקניעט פאר איהר, פערגעטערט איהר שעהנקייט און ריינקייט... און זי איז, אָפּט פונקט ווי דו, געווען אונ־טריי צו מיר !... אויך אפשר בלויז איין מאָל ?... און דערנאָך איז זי געקומען צו מיר און האָט מיר געקושט און געהאלזט ! פרוי, פּאַס־קודסטוואָ !... איך האָס אייך אלעמען !... שעהנע און אויסגעלאַסענע זינדיגע שטיקער פלייש !... קיין מיטלייד, קיין רחמנות, איין שטיק תאוה און פאלשקייט, ליגען !... זאָג מיר אָבער, ווילסט זיך מיר איבערגעבען ?... איצט, ווילסט ?... נו, רייד־זשע !... ווילסט דאָך ?...

— יאָ... — האָט אָלגאַ ניקאָלאַיעוונא א מורמעל געטהאָן, פיה־לענדיג אז ס'מוז אזוי זיין, האָט זי געוואָלט, אז ס'זאָל וואָס שנע־לער געשעהען... עפּעס א מאָדנע ליידענשאַפט האָט געשטראָמט דורך איהר גאַנצען קערפּער, וועלכער איז געווען צוקלאַפּט און אויפגערעגט פון לאַסקעס און וועהטאָג. דער געדאַנק, אז דאָס וועט באלד זיין, האָט איהר אָנגעפילט מיט שרעק און מיט א שמאַכטענדען בענעהר.

— הא, ווילסט ?...

— איהר וועט מיר דערנאָך פערראַכטען... — האָט זי עפּעס מיט א מין נאַרישער נעבאָך־מינע ארויסגעמורמעלט.

— איז דיר ניט אלץ איינס ?... נו, גוט !...

אָלגאַ ניקאָלאַיעוונא האָט זיך געהאָרכזאַם און הילפלאָז אויסגע־צויגען אויפ'ן דיוואַן. זי האָט שוין געפּיהלט זיין נאָהענטקייט, און

האָט שוין געציטערט פון חרפה, שרעק און בעגעהר, פון שמאַך, פון העכסטער הנאה און פון מאַטערניש. פּלוצלונג האָט איהר א פּעסטע, אייזערנע האַנד אָנגעכאַפּט ביים האַלז אונדערבאַרמדיג צוגעפּרע־דריקט אַזוי, אַז זי האָט זיך גענומען ווערגען און האָט זיך א טרייסעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— ווילסט? ווילסט? — האָט דער סטודענט איבערגע'חזר'ט אין א מין שרעקליכער פערלאַרענהייט און האָט שטייף קאָנוואולסיוו געדריקט איהר צאַרטע, דינע האַלז.

א טוידט־שרעק האָט איהר ארומגעכאַפּט. זי האָט ווילד אויס־געסטאַרטשעט די אויגען און גענומען זיך רייסען און שליידערען. א א שרעקליכער אונמעגליכער געדאַנק איז איהר מיט אמאָל דורכגע־פלויגען דורכ'ן מח. דעם מאַן'ס פּנים, א ליעבער, א בלייכער... די ביהד־נע... א יונגער פרעהליכער לעבען... אַלעס, וואָס האָט געקענט זיין און וועט שוין קיינמאָל ניט זיין, האָט זיך דורכגעטראָגען פאַר איהרע אויגען. א שרעקליכער אומעט האָט איהר צוגעפּרעדריקט דאָס האַרץ. אַן אימה האָט דורכגעדרונגען איהר גאַנצען קערפּער, האָט אויפגע־טרייסעלט דעם מאַרך און צוגענומען ביי איהר דעם פערשטאַנד. זי האָט זיך געריסען, געדרעהט און געקרוטשעט אונטער זיין האַנד. די אויגען זיינען איהר ארויסגעקראָכען פון קאָפּ, אויף די ליפּען האָט זיך בעוויזען א ראָזעווער שוים. זי האָט יעצט אויסגעקוקט שרעקליך; פון דער פריהערדיגער שעהנער, גראַציעזער, פּראַכטפאָלער פרוי, איז איצט גאָר ניט פערבליעבען. איצט האָט זי אויסגעזעהן ווי א נאַסע עקעלהאַפטע מויז ביי א קאַץ צווישען די צייהן.

—אלזא ווילסטו? — האָט זי נאָך דערהערט אַן אונפערשטענד־ליכען ווייטען קול, און עפּעס זיס־ליידענשאַפטליכע בילדער אין א טונקעם געדיכטען טומאַן האָבען איהר ארומגערינגעלט. עטוואָס ווייסעס האָט פערצויגען איהר מאַרך; אַלעס ארום האָט זיך גענומען וויעגען, דרעהען, שווימען; האָט זיך אָנגעגאָסען מיט רויטע פייער־

דיגע בלוט. מיט'ן לעצטען בעוואוסטזיין האט זי נאך אוספיעט א טראכט טהאן:

— וואס איז דאס?... איך וויל ניט שטארבען... העלפט!..

דער סטודענט האט איהר פערדעקט מיט'ן פאטשיילקע, האט אויפגעקליבען איהרע שעהנע קעמעלאך, וואס זיינען ארונטערגעפאלען אויף דער פאדלאגע, און האט זיי צונויפגעלעגט אויפ'ן טישעל. דערנאך האט ער גענומען זיין געלען, לעדערנעם טשעמאדאנטשיק און האט שטילינקערהייד געעפענט די טיהר.

אין קארידאר פון וואגאן איז געווען לעער און שטיל, ווי עס איז געוועהנליך אין מיטען נאכט. דער צוג האט ווי פריהער שווער און אהן אויפהער גערוישט און געקלאפט, וויגענדיג זיך מיט'ן ריעזיגען ציטערדיגען קערפער. עס האבען זיך געטרייסעלט די פייערן אין די פאנארען, און מאדנע שאטענס האבען זיך אומגעדרעהט איבער'ן לעערען, שמאלען קארידאר. אימיצער האט געכראפעט אין דעם צווייטען וואגאן, וועלכער איז געווען פאר בעדיענער. עס האט זיך געהערט פון דארט א שווערער, פערשטיקטער גערוף. אין די פענסטער פון די וואגאנעס האט אריינגעקוקט א שווארצע בלינדע פינסטערניש.

שטילערהייט, נישט אומקוקענדיג זיך, איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר פון וואגאן, האט עס אויפגעעפענט און איז ארויס אויפ'ן גאניק — אויפ'ן זעלבען גאניק, וואו מיט דריי שטונדען צוריק איז געשטאנען די פרעהליכע, לאכענדיגע, קליינע פרוי און האט געפאכעט מיט'ן טיכעל. ער איז א ווײלע געשטאנען און האט אנגעשטרענגט געקוקט אין די פינסטערע ווייטקייט, וואס האט מיט אן אונגעהייער שנעלקייט געהאלטען אין טראגען זיך צוריק. פלוצלינג האט ער א שפרונג געטהאן אינ'ם חושך אריין און האט זיך פערדרעהט ווי א שטיקעל קנויל ערגעץ אונטען, שוין ווייט אונטער'ן צוג.

אין דעם שטילען צימער פון וואגאן, אונטער

דער ווארימער פאטשיילי איז געלעגען די שעהנע יונגע פרוי און האט געקוקט מיט איהרע אויפ׳עסטארטשעטע טויטע אויגען געקוקט אויפ׳ן ווענטעל פון דיוואן; איהרע שעהנע צארטע הענט זיינען געווען ארונ־טערגעדרעהט, אונטער איהרע פלייצעס און איהרע אויפגעדעקטע פיס האבען אויסגעזעהען ווי ביי א טויטען פויגעל, פון ווינקעל פון איהר מויל האט געררונען א רויטליכער שוים און האט פערשמירט דעם סא־מעט פון דיוואן.

ענדע.

פאַרלאַג

מאַקס יאַנקאָוויטש

179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

THE FLIRT (אין ענגליש)		.25
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאַרלעזער	.30	.70
אַ בוך צום לאַכען:		
הומאָריסטישע פאַרלעזונגען		1.50
חיים שוים:		
די גרויסע אידישע געשיכטע, 4 בענדער		10.00
לאָרד בייראָן:		
אידישע מעלאָדיעס		.40
ראָמאַן ראָלאַן:		
שוועסטער אַנעט און סילוויא		1.75
זומער (פאַרכישופטע נשמה) ראָמאַן אין 3 טיילען		2.25
מוטער און זון, ראָמאַן אין 3 טיילען		2.25
ישראל זאַנגוויל:		
טרוימער פון דער גהעטא אין 2 בענדער		4.50
ראָבערט אינגערסאָל:		
טעות'ן פון משה רבנו	.40	.75
אַרטור שאָפּענהויער:		
די חכמה פון לעבען און אַנדערע עסייען		2.00
דר. מוזיקאַנט:		
דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראָס		2.25
ברוך שפינאָזא:		
טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט		2.25
אנאטאָל פראַנס:		
דער אויפשטאַנד פון די מלאכים		2.00
אָסקאַר ווײלד:		
דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי		1.50
מ. אַרציבאַשעוו:		
סאַנין		1.50
מיליאָנען		1.20
פרויען		1.00
אייפערזוכט	.50	1.00
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער)		3.50

לאה קאפּילאָוויטש האָפמאַן:

אין קינדער לאַנד, פאַר קינדער צו דעקלאַ־
מירען — — — — — — — — — — 2.00

לעאָניד אַנדרעיעוו:

דער רויטער געלעכטער — — — — — — — .40 .70

פ. דאָסטאָיעווסקי:

אָרימע מענשען — — — — — — — — — 1.00
ערנידעריגטע און באַליידיגטע (אין 2 בענד) 3.00
פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) — 3.50
אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — — 5.00

טאָמאַס פּיין:

די צייט פון פאַרשטאַנד — — — — — — — 2.00

וויניטשענקאָ:

ערליך צו זיך אליין — — — — — — — — — 2.00

וויקטאָר הוגאָ:

דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער) — 3.00

אויגוסט סטרינבערג:

דאָס רויטע צימער, ראָמאַן — — — — — — 1.50
געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער) — 3.00
„די פאַרברעכער“ דראַמע — — — — — — .25

פּראָפ. א. פאָרעל:

געשלעכטס פראַגע פולשטענדיג אין 2 ב. — 4.00

ס. פּשיבישעווסקי:

דעם טייוועלס קינדער — — — — — — — — 1.50

מאַרק ארענשטיין:

מיין ווייב'ס משוגעת, קאָמעדיע — — — — .20

ה. געלבוים:

מרדכי עטינגער, ראָמאַן פון אידישען לע־
בען אין אַמעריקאַ — — — — — — — 2.50

פּעטער אַלטענבערג:

ווי איך זעה עס — — — — — — — — — — 1.75

ז. לעווין:

אין לעבען — — — — — — — — — — — 1.50

ראובן לודוויג:

שריפטען — — — — — — — — — — — — 2.00

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.
Telephone Dry Dock 7695

UNIVERSITY OF TORONTO
NOV 1 1904

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan